STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00278

MENTSHN FUN ZSHELEKHOV

S. Briansky

Permanent preservation of this book was made possible by
Alan & Judith Appelbaum

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה ברײנסקי

מענטשן פון זשעלעכאָוו

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

155

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:
אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך.

שלמה ברײנסקי

מענטשן פון זשעלעכאָוו

מיט אַ הקדמה פון
שמעון גובערעק

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּױלישע ייִדן אין אַרגענטינע
בוענאָס אײַרעס, 1961 — תשכ״א

אינהאַלט:

הקדמה פון שמעון גובערעק — 7
אונדזער שטוב — 17
אונדזערע שכנים — 25
דעם רבינס הויף — 37
מלמדים — 48
בעלי מלאכות — 64
ישיבה, משגיחים, פאַרהערערס — 81
דער געשאַכטענער מענדעלע — 96
טשעלענטניקעס — 109
אַריסטאָקראַטן — 131
איטשע מאיר ווייסנבערג און זיין משפחה — 152
מיין פעטער שימעלע — 166
קלעזמאָרים — 173
חיים קירער — 189

דער שרייבער שלמה בריינסקי

שלמה בריינסקי געהערט צו די נעמען, וואָס האָבן נישט הילביק פאַרקלונגען די געצעלטן פון דער יידישער ליטעראַטור. שלמה בריינסקי איז געווען אַ באַשיידענער יידישער שרייבער, וואָס האָט געטאָן זיין שעפערישע אַרבעט מיט דער ערלעכקייט פון אַ מאמין אין דער גרויסער שליחות פון דער ליטעראַטור. זיין שרייבערישע עובדא האָט ער געטאָן מיט ערנסט, וואָס עס איז באַשיימפּערלעך פון זיין שאַפן — ער איז געשטאַנען פנים אל פנים מיט די געשטאַלטן, וועלכע ער האָט געשילדערט, ער האָט זיך אַריינגעפילט אין זייער גורל און נשמהדיק מיטגעלעבט זייערע פריידן און זייערע ליידן, מער ליידן, ווייל פון נחתן זענען געווען וויט דער רוב פון ש. בריינסקיס „העלדן".

צום אומגליק רעדן מיר וועגן שלמה בריינסקין מיטן ג ע ו ע ז ן, כאָטש ער איז ערשט געשטאַנען ביי די סאַמע אָנהייבן פון זיין שעפערישן אָנשטרענג. ער איז געווען רייך מיט שרייבערישע פּלענער, ווען ער איז אַוועקגענומען געוואָרן פון אונדז אין די אָנהייב פופציקער יאָרן פון זיין שווערן לעבן.

שלמה בריינסקי איז שרייבעריש נישט געווען שטאַרק פרוכטבאַר, מחמת דער גורל פון זיין געפּלאָגטן דור — דער דור וואָס האָט אויף זיין רוקן אויסגעטראָגן די בראַנדוואונדן פון צוויי אומהיימלעכע וועלט־מלחמות — האָט פאַטאַל זיך אָפּגעחתמעט אויף זיין פערזענלעכער באַשערטקייט. אים איז נעמלעך באַשערט געווען — יונגערהייט — יגון ואנחה, נע ונד און אַ לאַנגע אויסגעוואָרצלטקייט, אַלץ עלעמענטן וואָס באַגינסטיקן נישט קיין שעפערישע שפע.

פון דעסטוועגן האָט שלמה בריינסקי זיך דערשלאָגן צו ליטעראַרישער לעגיטימקייט: ער ווערט פאַררעכנט פאַר איינעם פון

איטשע מאיר ווייסנבערגס תלמידים אָדער מיטגייערס. און אַזעלכע ציילט די ייִדישע ליטעראַטור אַ שפּאָרע צאָל, און דאָס גאַנץ באַטייטיקע ווי שמעון האָראָנטשיק, עוזר וואַרשאַווסקי ווי אויך יחיאל לערער. געווים, ס'איז געווען אַ שיטה אַזאַ אויפן פעלד פון ייִדישן ליטעראַרישן שאַפן אין זיין פּוילישן בלי־פּעריאָד, און שלמה ברייני־סקי געהערט שריפטשטעלעריש צו דער דאָזיקער גרופּע. אין אופן פון באַנעמען מענטש און וועלט, אויך אין אופן פון הומאַנעם קוק אויפן ליידנדיקן איז שלמה ברייניסקי אַ קינד פון דעם ווייסנבערגישן חדר. אַ מענטש מיט שרייבערישן טעמפּעראַמענט, מיט אַן אָפן אויג און פילעוודיק האַרץ, האָט ער קינסטלעריש מאָדולירט און — טיילווייז — באַשריבן וואַרעם ווי אימפּרעסיעס דאָס שטיק וועלט, וואָס אים איז באַשערט געוואָרן צו זען, צו באַנעמען. די נאַטור וואָס איז דאָרשטיק נאָך יושר און שיינקייט דאָמינירט איבער די בלעטער, וואָס ש. ברייניסקי האָט באַוויזן אָנצושרייבן.

און ס'איז פאַראַן אַן אומממיטלבאַרע, אַזוי צו זאָגן עטניש־געאָגראַפישע שייכות פון שלמה ברייניסקין צו איטשע מאיר ווייסנבערגן, דעם קלאַסיקער פון דער קינסטלערישער ייִדישער דערציילונג: סיי ברייניסקי באַקענט זיך ליטעראַריש ווי ווייסנבערגס אַ פאַרערער און סיי ער איז זיינער אַ בן־עיר — אויך אַ זשעלעכאָווער. עס איז געווען אַ האָרעפּאַשנע שטעטל אַזאַ — זשעלעכאָוו — מיט ייִדן־פאָלק, וואָס האָט דורותדיק געוואָרצלט אויף פּוילישער ערד און ער, פּונקט ווי ווייסנבערג, האָט זיך געפילט אַ לעבעדיקער אבר פון אָט דעם לעבעדיקן גוף. שלמה ברייניסקי האָט אַזוי זיך געפילט אַפילו אין דער ווייטער קאָלאָמביע, וווהין ער איז פאַרטראָגן געוואָרן.

מיט זשעלעכאָוו און אירע ייִדן איז נעמלעך פול דאָס פאָרלגני־דיקע בוך פון שלמה ברייניסקי, וועלכער איז פּריצייטיק אַרויסגע־ריסן געוואָרן פון זיין מיט אין סאַמע טראַנס פון זיין בענקשאַפט־לעכן געזאַנג צו די מענטשן פון זשעלעכאָוו, וואָס האָבן תמיד גע־לעבט פאַר אים, אַפילו נאָך זייער פיזישן פאַרגיין.

הגם אים איז באַשערט געווען יאָרן־לאַנג נאָך פאַרן אימהדיקן חורבן־אייראָפּע זיך צו באַגרונטפעסטיקן אין דער באַרגיקער באַגאָטאַ, האָט שלמה ברייניסקי נאָך אַלץ געלעבט מיט דער ייִדן־ערד

(פון רעכטס): שמעון גובערעק, דער דיכטער י. י. שוואַרץ
און שלמה ברײַנסקי

פון זשעלעכאָוו: אַזאַ ווי ער האָט זי געלאָזן און ער האָט — דער־נאָך — פון דער ווייטנס געבלוטיקט אויף דעם כרת וואָס איז גע־בראַכט געוואָרן אויף די דאָזיקע ייִדן פון טמאדיקע, רוצחישע הענט.

„מענטשן פון זשעלעכאָוו" איז געווען שלמה ברײַנסקים שרייַ־בערישער פאַרמעסט צו פאַראייביקן די אכזריותדיק־פאַרלענדטע ייִדן פון זײַן באַליבטער היימישער סביבה. „מענטשן פון זשעלע־כאָוו" איז געווען דער קדיש פון שלמה ברײַנסקי, איינעם פון די אומצייליקע יתומים נאָך דער פאַרטיליקטער עדה פון זשעלעכאָוו. צום אומגליק איז דער דאָזיקער איידעלער קדיש־זאָגער אומגעריכט, יונגערהייט אַנטשטומט געוואָרן אין זײַן אבלות אויף פרעמדער ערד. זײַן בוך איז דער קליינער פּנקס פון דעם פּאַרשניטענעם זשע־לעכאָוו, וואָס האָט זיך אַליין געקרעפּטיקט אין אָרנטלעכער, פרום־ייִדישער מענטשלעכקייט; און דאָס בוך איז אין איינוועגס דער עדות אויפן גרויסן ווייטיק, וואָס שלמה ברײַנסקי האָט מיט זיך מיטגע־נומען אין קבר אַרײַן — דעם ווייטיק מחמת דעם ביטערן געשעען מיט די ייִדן פון זײַן זשעלעכאָוו.

* * *

ש. ברײַנסקי האָט ווי ס'רוב ייִדן פון זײַן היימשטעטל געפירט אַ שווער און ערלעך לעבן. אַזוי אין זײַן יוגנט, ווען ער האָט פאַר־בראַכט אין זשעלעכאָוו, אַזוי אויך שפּעטער, אויף עמיגראַציע. ער האָט אין פולער מאָס געטיילט דעם גורל פון די ייִדן, וואָס זענען אומדערבאַרעמלעך געשמיסן געוואָרן פון די בייזע ווינטן פון פּוילנס נאַציאָנאַליסטישן און שווערן עקאָנאָמישן קלימאַט. געבוירן און דער־צויגן זיך אין שטעטל האָט ער באַצייטנס דערשפּירט די היצן און קעלטן פון פּוילנס ווירקלעכקייט און ער האָט זיך געזען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן ס'לאַנד פון זײַנע עלטערן. ס'פּאָטערלאַנד האָט ער דער־שפּירט אַ פּיינטלעכס.

אָבער צוערשט איז געווען דער פּעריאָד פון אַנטוויקלונג, גייס־טיקע אַנטוויקלונג, וואָס איז אונטערגעוואָרפן השפּעות. געלעבט אין שטוב פון זײַן פאָטער ר' שימעלע שוחט, איז אים קודם כל געווען נאָענט די סביבה פון פרומקייט און ייִדישלעכע טראַדיציעס, אַרומ־

געפּאַנצערט מיט שטרענגע גדרים. שלמה ברײנסקי, דער מעזיניק פֿון זײַן עלטערן־הויז איז זשעלעכאָוו, האָט געלערנט בײַ פֿרומע מלמדים, דערנאָך אין ישיבה און טאַטע־מאַמע האָבן דערוואַרט אים צו מאַכן פֿאַר אַ רב אין אַ ייִדישער קהילה. די צוגווינטן, וואָס האָבן זיך אַריבערגעטראָגן איבער זײַן צײַט, האָבן אָבער פֿאַרשטאַרקט ברײנסקיס תשוקה צום לערנען די פֿרומע ספֿרים און אים אַריבערגעפֿירט אין אַנטקעגנגעזעצטן — סאָציאַליסטיש־ציוניסטישן געדאַנק. שלמה ברײנסקין האָבן געצויגן די קרײַזלעך וואָס האָבן שטילערהייט געטאָן ייִדיש־סאָציאַליסטישע אַרבעט און עס האָבן אים געצויגן די ראשים פֿון דער גײַסטיקער ייִדישער שעפֿערישקייט, וואָס האָבן שטאַרק משפּיע געווען אויף דער יוגנט פֿון די שטעט און שטעטלעך. פּרץ, מענדעלע מוכר ספֿרים און ביאַליק פֿון איין זײַט און די סאָציאַליסטישע טעאָריע פֿון דער אַנדערער זײַט. איין שטראָם פֿון גײַסטיקן וועלט־באַנעם האָט דערגאַנצט דעם צווייטן שטראָם און דאָס האָט אויסגעשטאַלטיקט דעם ייִד און שרײַבער שלמה ברײנסקי. יאָ, עס האָט אַ סך זיך אָנגעלייענט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און מיט איר געלעבט דער יונגער ברײנסקי.

אַנאַליזירן די באַזונדערע פּעריאָדן פֿון ש. ברײנסקיס לעבן, מיינט פֿעסטצושטעלן אַז שלמה ברײנסקי האָט לױט זײַן גײַסטיקן עלעמענט פֿאַרגעשטעלט מיט זיך אַזוי צו זאָגן אַ געבוירענעם ייִדישן סאָציאַליסט. יושר, פֿרײַהייט, אומאָפּהענגיקייט, זענען פֿון תמיד אָן געווען די אייגנשאַפֿטן, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט אַלע זײַנע האַנדלונגען. צו זײַן באַשיידענעם מענטשישן גליק זענען גראָד אין זײַנע שטעטלשע יאָרן אויפֿגעקומען ייִדישע קלובן און פֿאַראיינען און אין זיי האָבן באַקומען אַ תּיקון ברײנסקיס נייגונגען פֿאַר אַרבעט לטובֿת די באַלײַדיקטע און באַעוולהטע. דער שרײַבער פֿון די דאָזיקע שורות איז געווען נאָענט מיט שלמה ברײנסקין בערך דרײַסיק יאָר און ער האָט זיך צוגעקוקט צו אַלע גלגולים, וועלכע ער איז אונטערגעוואָרפֿן געוואָרן אין לויף פֿון צײַטן און אומשטאַנדן.

דער יונגער ברײנסקי איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן אידעאַל וויבאַלד דער־אָ שטראָם האָט נאָר אַרײַנגע־

דרונגען אין שטעטל. ס׳איז געווען אַזוי, גלייך ווי אָט־די באַוועגונג וואָלט באַשאַפן געוואָרן אומיסטן פאַר אים, שלמהן, שימעלע דעם שוחטס. די דאָזיקע באַוועגונג האָט אים נשמהדיק געפּאַנגען און ער האָט זיך צו איר פאַרקנסט אויפן גאַנצן לעבן. אין יענע גאָר יונגע יאָרן איז אין ש. ברײנסקים לעבן אַריינגעטראָטן אַ דראַסטישער איבערבראָך: קעגן איינפיר אין מאַמע־מאַמעס הויז האָט ער איבערגעריסן מיטן גאָרן יידיש־טראַדיציאָנעלן און אַזוי אַרום ממש אויפגעשטעלט קעגן זיך אַ וועלט פון... יללה, פון פאַרלייקענונג מצד די נאָענטסטע, וועלכע ער האָט ליב געהאַט אהבת נפש. ער האָט זיך אַנדערש נישט געקענט העלפן. די נייע גייסטיקייט, וואָס האָט געלעבט אין ש. ברײנסקין האָט גענומען די אייבערהאַנט איבער זיין הנהגה. אַ מענטש, הייסט עס, לעבט נישט כדי אויפצועסן כמה וכמה פוד ברויט, אלא עפּעס מתקן צו זיין פאַר די מיטמענטשן. און איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די באַלפור־דעקלאַראַציע, ווען שלמה שימעלע שוחטס איז נאָך געווען גאָר יונג, האָט ער זיך שוין געפילט אַ רייפער ציוניסט־סאָציאַליסט און ס׳איז ביי אים צייטיק געוואָרן די אידייע פון עולה זיין קיין ארץ־ישראל. עס איז געגאַנגען אַ חלוציש עליה, האָט שלמה ברײנסקי זיך אויסגעלערנט סטאָליערײ און איז אַוועק ווי אַ יגיע כפּיימניק העלפן בויען דעם ישוב ארץ־ישראל. עס איז געווען אין פולן הסכם מיט זיין לעבנס־אידעאַל. ער האָט פאַרבראַכט אין לאַנד העכער פון צוויי יאָר. צוריקגעקערט זיך אין זיין געבוירנשטעטל זשעלעכאָוו, האָט ער אין זיך שוין אַנטפּלעקט דעם ניצוץ פאַר ליטעראַרישער יצירה. ס׳האָט עפּעס גענאָגט און געלאָקט. די געענדערטע לאַנדשאַפט, וואָס ער האָט אויפגעדעקט אין ארץ־ישראל, האָט קענטיק אַ צערודער געטאָן אין ברײנסקין מיט פאַרשלעפּערטע כוחות און ער האָט אָנגעהויבן שרייבן. אגב האָט ער זיך דעמאָלט שוין דערזען אין דער נאָענטקייט פון זיין חשובן בן־עיר יהיאל לערער, וואָס איז אינצווישן אויפגעגאַנגען ווי אַ פיינער פּאָעט, און ער האָט געפילט די ממשותדיקע וואָג פון זוייסנבערגס אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט שטילערהייט אָנגעהויבן וועבן דעם חלום צו ווערן אַ שרייבער און במסתרים געטאָן אין דער איידעלער מלאכה.

אַ גרונטיקן שריט ווייטער אין זיין אַנטוויקלונג האָט ש. ברייני־סקי דערגרייכט אין קאָלאָמביע, ווו ער איז אָנגעקומען להשתקע.

* * *

פון ארץ־ישראל האָט ש. ברייניסקי זיך אומגעקערט קיין פּוילן אַ גייסטיק־דערדריקטער. ווייל אַ גרויסער חלום איז אים צעשטערט געוואָרן, און דאָס מחמת די שווערע באַדינגונגען, וועלכע ער האָט נישט געקענט גובר זיין. און בלייבן אין דעם אומליבן פּאָטערלאַנד, ווו יידן זענען געווען גערודפט געוואָרן, איז אים געוואָרן אומדערטרעגלעך. צער האָט געטראָטן די איידעלע נשמה פון ברייניסקין. ער האָט גע־פירט אַ שווערן געראַנגל מיט זיך און מיט די האַרטע לעבנס־תנאים אין שטעטל און ער האָט באַשלאָסן צו לאָזן זיך אויפן פריקרע וועג פון עמיגראַציע.

קיין קאָלאָמביע, באָגאָטאַ, איז שלמה ברייניסקי אָנגעקומען אין 1934, ווען דער יידישער ישוב איז געווען לגמרי רוי, ווייל סך־הכל עטלעכע יאָר אַלט. פּעדלעריי איז געווען די הויפּט־פּרנסה פון די איינגעוואַנדערטע, ס׳געזעלשאַפטלעכע לעבן איז געלעגן אין תוהו ובוהו פון אומעקסיסטענץ. פּרנסה איז געווען דער עיקר־ציל פון דער אימיגראַנטישער מאַסע. אויך ברייניסקין האָט דער צושטאַנד גע־ווירקט גאָרנישט פריילעך. צו וואָס זיך נעמען? וואָס אָנהייבן? אומעט, ספיקות, האָבן אים געמאַטערט און די זאָרגן פאַר חיונה לאָזן נישט חלומען וועגן ברייטע, פרייע האָריזאָנטן. דער קינסט־לער־אומרו האָט אים אָבער נישט געלאָזן פאַרגליווערן און ער האָט זיך גענומען פאַר דער פּען. נאָך נישט געווען פאַרהיימישט מיט דער נייער לאַנדשאַפט און די נייע אומשטאַנדן, האָט ברייניסקי זיך געצייגט קודם צו דער נאָענטער, פּוילישער פאַרגאַנגענהייט און ער האָט אָנגעשריבן אַ קרעפּטיקע דערציילונג „אַ צופאַל״, וועלכע האָט עושה־רושם געווען אין די אויגן פון דעם באַוווסטן דיכטער א. לייע־סין, דעם דעמאָלטיקן רעדאַקטאָר פון דער ניו־יאָרקער „צוקונפט״ און ער האָט זי פאַרעפנטלעכט אין דעם פּראָמינענטן זשורנאַל. פאַרן יונגן מחבר איז עס געווען אַ געדענקלעכע, פריידיקע דאַטע און ער האָט מיט באַדאַכטקייט זיך גענומען אָפּגעבן דער שרייבעריי. אין

„צוקונפט" איז געווען ברײנסקיס דעביוט, אויב נישט רעכענען וואָס ער האָט נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן אָפּגעדרוקט עטלעכע פראַג־מענטן פון זײַן ערשטלינג־ראָמאַן „די ליבע פון אַ משוגענעם" אין א. מ. ווייסנבערגס וואַרשעווער זשורנאַל „אינדזער האָפֿענונג". משמעות, אַז ברײנסקי גופא, וואָס האָט אָפט אין דער שטיל גע־צווייפלט אין זײַנע שרײַבערישע מעגלעכקייטן, האָט זײַן ליטעראַ־רישן דעביוט באַטראַכט ערשט פון דער דערציילונג „אַ צופאַל" (1935). און טאַקע דער מאָמענט האָט געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָלע אין ברײנסקיס ליטעראַרישן אויפֿטו פון שפּעטער.

הגם דאָס לעבן אין באַגאָטאַ איז געווען גאָרנישט לײַכט, האָט ברײנסקי אָנגעהויבן נעענטער זיך באַקענען מיט די אייגנאַרטי־קייטן פון וועלט און מענטש אין דעם נײַעם ווינקל אויף דער ערד און ער האָט דאָ געפונען שעפערישע אינספּיראַציע. ער האָט גע־שריבן אויף דער נײַער טעמאַטיק, און מצליח געווען. די פילפאַרבי־קייט פון דער גרויסשטאָט, די עקזאָטישקייט פון באַגאָטאַ און איר באַטור און אירע מענטשן האָבן פאַרכאַפּט זײַן טאַלאַנט און ער האָט אָנגעשריבן נײַע דערציילונגען, וואָס זענען אויפגענומען גע־וואָרן מיט אָנערקענונג סיי מצד די ייִדישע קרייזן, סיי מצד די קאָ־לאָמביאַנער ליטעראַרישע אויטאָריטעטן. אדרבא, די גרעסטע צײַטונגען פון קאָלאָמביע האָבן אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס דעם נײַעם שרײַבער, וואָס זעט איר ווירקלעכקייט מיט אַנדערע, טיף אָפּשאַצנדיקע אויגן. שלמה ברײנסקי איז געפעלן געוואָרן די שרײַבערס פון קאָלאָמביע און זיי האָבן אים געגעבן די נייטיקע וואַרעמקייט. מ'איז אים דאַנקבאַר געווען פאַרן דערזען אין דעם רײַכן באַגאָטאַ די מחנות נאַקעטע, הונגעריקע קינדער, וואָס האָבן זייער היים אין גאַס; מ'האָט דערזען דעם נײַעם שרײַבער וואָס האָט אַן אָפן אויג פאַר דער עקסטרעמער נויט, פאַר דער מיזעריע וואָס טאָטשעט דאָס לײַב פון מאַסן קאָלאָמביאַנער, וואָס דרייען זיך אָרום אונטער די שיינע הימלען מיט ליידיקע מאָגנס און לעבן אין טויבן־שטייגן. זײַן ערשטע קאָלאָמביאַנער דערציילונג „טשינאָס" (גאַסן־קינדער) האָבן אים געעפנט די טיר צום האַרץ פון אַ גאַנץ פאָלק. דערנאָך זענען געקומען זײַנע ווײַטערדיקע ליטעראַרישע דערפאָלגן

אין דער שפּאַנישער איבערזעצונג. ער האָט זיך איינגעקויפט אין פריינדשאַפט ביי אָנגעזעענע קאָלאָמביאַנער שריפטשטעלער. דער גרויסער פּאָעט ווידאַלעס האָט געעפנט פאַרן יידישן שרייבער זיין הויז און דאָס טויער צו דער ליטעראַרישער עפנטלעכקייט.

דאַכט זיך, פאַרן כמעט אומבאַקאַנטן יידישן שרייבער־אימי־גראַנט האָט אָנגעהויבן שיינען די זון. אַ שריט פאָרויס צו דערנענ־טערונג צום יידישן לייענער־עולם האָט ברייינסקי געמאַכט ווען קיין באָגאָטאַ איז אָנגעקומען, אין שליחות פון ייוואָ, דער אַרגענטינער יידיש־שפּאַנישער שרייבער שכנא רעזניק. עס איז געווען אין 1936. שכנא רעזניק האָט זיך באַקענט מיט שלמה ברייינסקיס דערציילונ־גען און ער האָט זיך אַנטציקט מיט זיי. אין פועל־יוצא דערפון איז אין רעזניקס פאַרלאַג „כודאַיקאַ" דערשינען ברייינסקיס ערשטע בוך „מענטשן אין שפּאַן", אין שפּאַנישער איבערזעצונג. דאָס בוך איז פון דער קריטיק אויפגענומען געוואָרן ווי אַן ערנסטע ליטעראַרישע אַנטפּלעקונג. מיט אַ יאָר שפּעטער איז אַרויס שלמה ברייינס־קיס בוך „מענטשן אין שפּאַן" אין יידישן אָריגינאַל. 10 דערציי־לונגען האָט אַנטהאַלטן די שפּאַנישע ווערסיע פון דעם בוך, וואָס איז געווען אַ געשעעניש אין ליטעראַרישן וועלטל, בעת די יידישע אויפלאַגע האָט אַריינגענומען 16 דערציילונגען, אויך אַזעלכע וואָס האָבן טעמאַטיש געהערט צו דער אַלטער היים, פון וועלכער ש. ברייינסקי האָט בשום אופן זיך נישט געקענט שעפּעריש דערווייַ־טערן. און פאַרשטענדלעך. ווי אַזאַ, וואָס וואָרצלט טיף אין דער סביבה, וואָס האָט אים אַרויסגעבראַכט און ער קערט זיך אום צו־ריק צו איר מיט ליבשאַפט, האָט די ליטעראַטור־קריטיק אָפּגע־שאַצט דעם שרייבער שלמה ברייינסקי און זי, די קריטיק, האָט אים געלויבט אויך פאַר זיין פאַרשטענדעניש פאַר די פּראָבלעמען און די מענטשן פון דער נייער ווירקלעכקייט.

אין זיין נייער היים אויף דרום־אַמעריקאַנער ערד האָט ברייינ־סקי פּאַוואָליע זיך איינגעוואָרצלט און ער איז איר געוואָרן אַן אייגענער מענטש. שלמה ברייינסקי האָט זיך איינגעגלידערט אין די אָרטיקע באַדינגונגען פון קאָלאָמביאַנער יידישן ציבור, האָט געשריבן עסייען פאַר זיין שריפט „לאַ וואָז" (די שטימע), ווו ער

איז זינט 1943 געוואָרן איר ליטעראַרישער רעדאַקטאָר. דעם גייסט און די אידייען פון י. ל. פּרץ, ה. ד. נאָמבערג, יוסף אָפּאַטאָשו, שלום אַש, אברהם רייזען, האָט ש. ברייסקי זיך באַמיט אַריבערצוטראָגן אין דער יִדיש־אָפּגעפרעמדטער סביבה פון דעם פּאַרוואָרפענעם קאָלאָמביע. און האָט מען אים געליענט, האָט מען ליב געקראָגן דעם יִדיש־טרייען שלמה ברייענסקי. אגב, אַ צייכן פון ש. ברייענס־קיס ווּקס וואָס שייך זיינע ליטעראַרישע פאַרמעסטן האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט צו פאַרצייכענען לפּחות אין דעם וואָס זיינע וואָגיקע עסייען איבער ליטעראַטור זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דעם בוענאָס־אײרעסער גרויסן יִדיש־שפּאַנישן זשורנאַל „כודאַיקאַ" און באַוווּסטע קריטיקערס האָבן מיט ערנסט קאָמענטירט ברייענס־קיס שרייבערישע דערגרייכונגען.

מיטן אומגעריכטן אַוועקגיין פון שלמה ברייענסקי ע"ה איז פאַרשניטן געוואָרן אַ פּרוכטיקער צווייג פון יִדישן ליטעראַרישן בוים וואָס בליִט און ברענגט פרישע פּירות פאַר די כמעט פאַרגעס־סענע קלענערע יִשובים אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. שלמה ברייענסקי האָט אַריינגעבראַכט לעבעדיקן אָטעם אין דער קאָלאָמ־ביאַנער אימיגראַנטישער יִדישער קאָלאָניע. נאָך אים איז געבליבן טרויעריקע ליידיקייט אין יִדישן הויז פון באָגאָטאַ און פון שכנות־דיקע עדהס.

„מענטשן פון זשעלעכאָוו" איז געווען דער לעבעדיקער חלום פון שלמה ברייענסקי, אומצוקערן זיך גייסטיק צום וואָרצלדיקן יִדישן אַמאָל. וועגן די מענטשן פון זשעלעכאָוו האָט ער אָפט גערעדט מיט בענקשאַפט. דאָס דערשיינען פון אָט־דעם בוך וועט אין אַ געווויסן זין אונדז צוריקקערן די וואַרעמע שטים פון שלמה ברייענסקי, דעם האַרציקן יִיד און ערלעכן שרייבער, וואָס האָט תּמיד געדענקט וועגן אַ מצבה נאָך די אומגעבראַכטע יִדן פון שטעטל. לאָמיר זשע באַ־טראַכטן דאָס בוך „מענטשן פון זשעלעכאָוו" ווי די מצבה נאָך דעם פאַרטיליקטן יִדישן שטעטל, וואָס שלמה ברייענסקי האָט אַזוי ליב געהאַט. און זאָל די דאָזיקע ליבע זיינע אונדז לייכטן ווי אַן אָנדענק נאָך אים, דעם פיינעם מחבר.

שמעון גובערעק.

באָגאָטאַ, 1960.

1

אונדזער שטוב

שבת פֿאַרטאָג. דער וואַנט־זייגער האָט אויסגעקלונגען פֿינף. אין שטוב איז שטיל, אַ געדיכטע פֿינצטערניש פֿאַרהילט אַלץ אַרום. דאָס קלינגען פֿון זייגער האָבן מיך איבערגעוועקט. אין דער ערשטער רגע בין איך ווי אין גאַנצן פֿאַרשלונגען פֿון דעם חושך, וואָס האָט אַלץ איינגע־זאַפּט אין זיין געדיכטקייט. איך בין איצט נישט מער ווי אַ קאַפּליע וואַסער וואָס ווערט פֿאַרלוירן און איינגעזאַפּט פֿון אַ ריזיקער שוואָם.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער דערפֿיל איך, מער מיטן חוש ווי מיט די אויגן, אַ קאַרגע שיין פֿונעם אַראָפּגעדרייטן לאָמפּ פֿון דער עסשטוב; די שיין גנבעט זיך אַריין דורך דער שפּאַרע פֿון דער אָפּגעלענטער טיר אינעם שלאָף־חדרל, וואָס דער טאַטע האָט אָפּגעצוימט מיט אַ ווענטל, כדי ווען ער שטייט אויף אינדערפֿרי זאָל ער קענען עוסק זיין אין זיינע ספֿרים נישט האַרט ביי די בעטן. דאָס ווידער־קול פֿון די פֿינף אויסגעקלאַפּטע זייגער־קלאַנגען איז זיך נאָך נישט צעשוומען, עס הענגט נאָך אַלץ אין חלל אַ נישט אויסגעוועפּטס און דער טיק־טאַק פֿונעם זייגער שניידט די אַרומיקע שטילקייט.

דאָס זעקס־יאָריקע ייִנגל ווערט אַרומגעכאַפּט פֿון אַ מאָדנע שרעק וואָס טראָגט זיך סיי פֿון דער פֿינצטערניש, סיי פֿון דער שטילקייט און סיי פֿון דעם אומהיימלעכן דרויסן אין ווינטערדיקן פֿרייטיק צונאַכטס. און כאָטש אין בעט איז געמוג וואַרעם, שוידער איך אויף, כ׳ציטער אין גאַנצן פֿון שרעק וואָס עסט זיך איין אין מיין גאַנץ לייב־און־לעבן.

אָט הערן זיך טריט אויף די טרעפּ, באַלד אַ קלאַפּ אין טיר. „קטאָ טאַם?״ — גיט די מאַמע אַ פֿרעג. „איך, יאַנאָוואַ. עפּן אויף, שימאָוואַ״, הערט זיך אַ קול פֿון יענער זייט טיר. מיין עלטערער ברודער גייט אַראָפּ

פון בעט, עפּנט, און אַ פּאָר מינוט שפּעטער פּאַרעט זיך שוין די אַלטע יאַנאָוואַ ביים אויוון. זי האָט אַרויסגעדרייט דעם פּלאָם פון גרויסן לאָמפּ, וואָס שטייט פון נעכטן פאַרנאַכט אָן אָנגעצונדענער מיט אַ קליין פייערל. אין שטוב איז געוואָרן ליכטיק, די שרעק־אָניאָגנדיקע שאָטנס זענען אויסגערונען, פאַרשוווּנדן. מיטאַמאָל איז פון דער פינצטערניש אַרויסגעשווּמען און זיך אויף ס׳ניי אַנטפּלעקט די היימישע, פריינטלעכע שטוב מיטן גרויסן טיש מיט די לייכטער. אָט איז אויך די הויכע שוואַרצע מלבושים־שאַנק מיטן געזימס וואָס רירט אָן דעם סופיט. אויך דער אַלמער מיט די פינף פּאָליצעס, פולע מיט ספרים: פון אויבן דער ווילנער ש״ס מיט די גלאַנציק־לעדערנע רוקנס און די רעשט פּאָליצעס מיט ספרים פון קלענערן יחוס — אַפילו אָט־די פּראָסטע ברעטער־שאַנק ווינקט איצט מיט היימישקייט. פונעם שויבן־שענקל, וואָס שטייט אָן אַריינגעפּאַסטס אין ווינקל פון דער רעכטער זייט פענצטער, גלאַנצן ערשט אַרויס די פּסחדיקע קאָלירטע כוסהלעך. עס דוכט זיך מיר, אַז די גאַנצע שטוב צוזאַמען מיטן מעבל פילן זיך איצט אַ סך אויפגעלייגטער און פרייער. ווען אָט־די שטומע און טויטע זאַכן וואָלטן געקענט רעדן, וואָלטן זיי זיכער געזאָגט: „נו, געלויבט איז גאָט וואָס סוף־כל־סוף איז מען בשלום איבערגעקומען, מ׳איז ענדלעך באַפרייט געוואָרן פון דער שוואַרצער תפיסה, וואָס האָט אונדז געהאַלטן געבונדן אַ גאַנצע פעליקע נאַכט״.

דאָס האָלץ אין אויוון האָט זיך שוין צעברענט. דאָס פריילעך קנאַקנדיקע פייער שפּרייט אויס אַ וואַרעמע געמיטלעכקייט. אינעם קאַווע־אייוועלע האָט דער טשייניק שוין אָנגעהויבן זשומען מיטן זום־זום פון וואַסער וואָס דערהיצט זיך און באַלד וועט עס נעמען זידן.

דער טאַטע און די צוויי עלטערע ברידער האָבן זיך שוין אָנגעטאָן, אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און זאָגן קריאת שמע.

— נו, קינדער, — הערט זיך דעם טאַטנס גוטמוטיק קול, — לאָמיר כאַפּן אַ קוק וואָס איר האָט אויפגעטאָן איבער דער וואָך. דאַכט זיך, איר האַלט ביי דער סוגיא פון בשר בחלב? און באַלד צעטראָגן זיך איבער דער שטוב מיינע ברידערס שטימען, צום ערשט מיט שטילקייט, מיט עפּעס אַ מידקייט, נאָר אָט זענען זיי מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם ענין וואָס זיי

האָבן געלערנט און זייערע קולות ווערן וואָס אַ מאָל אַלץ מער לעבעדיק און צעוואָרעמט.

בלויז איך און די מאַמע ליגן נאָך אין די בעטן. און פונדערווייטנס דערפיל איך ווי דער מאַמעס האַרץ קוועלט אָן פון נחת, וואָס אין איר שטוב קלינגט עס און ס׳צעטראָגט זיך דאָס קול פון דער תורה. מער מיטן חוש ווי מיט די אויערן פיל איך און דערהער די שטילע, קוים הערבאַרע ווערטער וואָס אירע ליפן שעפטשען: אַ דאַנק דיר, ווען איך בין נישט ווערט אָנצורופן ביים נאָמען, — פאַר דעם חסד וואָס דו טוסט צו מיין הויז.

מיט אַ שעה שפּעטער איז שוין דאָס האַלץ אין אויוון אויסגעברענט. די אַלטע יאַנאָוואַ זיצט אויף אַ קליין בענקעלע און מיט אַ שאַר־אייזן צע־שפּרייט זי אינעווייניק די צעברענטע קוילן. אַ רויטער אָפּשיין פאַלט אויף איר צעקנייטשט פּנים. אַלע ווײַלע כאַפּט זי אַ בליק צום טיש, וווּ עס זיצן דער טאַטע מיט די ברידער. אויף אירע באַקן צעלייגט זיך אַ גרימאַסע, פון די אויסגעלאָשענע אויגן קוקן אַרויס טרויער און קינאה און פון דער פאַרוויאַנעטער ברוסט רייסט זיך אַרויס אַ טיפער קרעכץ: „אָט אַ לעבן, מורמלט זי, אַ מחיה, וואָרעם, ליכטיק און מען מאָדלעט זיך, אַ פרייד פאַר גאָט און פאַר מענטשן. נישט ווי די אַלטע זינדיקע יאַנאָוואַ, וואָס לויפט אַרום הייצן די אויוונס ביי די זשידעס!״

—נו, מען מוז ווייטער לויפן, — גיט זי פלוצלינג אַ זאָג, — ביי דער יאַנקלאָווע און ביי דער כייעמאָווע זענען שוין די אויוונס פעווע צעברענט. מע דאַרף פאַררוקן דעם שיבער. זי שטעלט זיך אויף און מיין ברודער יואל גיסט איר אָן אַ גלעזל בראָנפן וואָס זי ליידיקט אויס מיט איין זופּ, ער שניידט איר אָפּ אַ שטיק חלה. זי זאָגט „אַ גוטן טאָג״ און גייט אַוועק.

דורך די אָראָפּגעלאָזענע ראָלעטן רייסט זיך אַריין פון די פענצטער אַ שיטערע גרויקייט, וואָס האָט ווי מיט געוואַלד דורכגעשניטן די געלב־לעכע לייוונט פון ראָלעט. דער לאָמפּן־שיין ווערט באַפאַרבט מיט אַ געלב־לעכן קאָליר; פאַמעלעך, פאַמעלעך מ־שן זיך, גיסן זיך צונויף די אויפ־גייענדיקע גרויקייט פונעם נייע־געבוירענעם טאָג מיטן געל־רויטלעכן

לאָמפּן־ליכט, וואָס פאַרלירט זײַן גלאַנץ און קראַפט אין דער העלקייט פון דעם אויפגייענדיקן טאָג.

— נו, קינדער, — זאָגט דער טאַטע — לאָמיר טרינקען אַ גלאָז טיי.

דערווייל הייבן אָן אָנקומען די שטענדיקע שבת־געסט. דער ערשטער ווייזט זיך דוד וואַטע־מאַכער, אָדער דור שמואל לייבס. דאָס איז אַ הויכער ייִד פון אַ יאָר עטלעכע פערציק מיט אַ שוואַרץ־געדיכטער באָרד, וואָס נעמט אַרום זײַן גוטמוטיק, שטענדיק שמייכלענדיק פּנים. אַ ווילער און טשעקאַווער ייִד איז דער דוד וואַטע־מאַכער, וואָס אַ חוץ דער פּרנסה פון זײַן וואַטע־מאַשין, ציט ער נאָך אַ ביסל חיונה פון מלומדות, צו וואָס ער טויג זיך אין גאַנצן נישט אויס. ווייל צוליב זײַן גוטמוטיקייט קריכן אים די תּלמידים אויפן קאָפּ, און דוד וועט חלילה נישט אויפהייבן קיין האַנט אויף אַ ייִנגל. מען רייסט זיך צו לערנען ביי אים, וואָרן אַ חוץ לערנען חומש און גמרא קען מען זיך ביי אים אויך אַרײַנכאַפּן אַלע ווײַלע אין שפּייכלער, וווּ עס שטייט די וואַטע־מאַשין און אַ קלענער מאַשינדל צו קראַצן וואָל. און וואָס פאַראַ פרייד איז צו געבן זיך אַ כאַפּ־צו צו דער קאַרבע, צו דרייען דאָס גרויסע אומגעלומפּערטע ראָד, וואָס איז באַדעקט מיט וואַטע ווי מיט ווייסן שניי.

מײַן טאַטע איז שטאַרק מקרבֿ אַט דעם דודן, ווייל אַ חוץ דעם וואָס ער איז אַ פײַנער ייִד איז ער נאָך ר׳ שמואל לייבס איידעם. ס׳איז דער באַוווּסטער ר׳ שמואל לייב, וועלכער האָט אין דעם פינפטן יאָר, ווען די אחדות־לייט, די פּושעים, האָבן זיך אַ מאָל אַרײַנגעריסן אין בית המדרש אַריין אין אַ טאָג ווען מען האָט גוזר־תּענית געווען, געזאָגט תּהילים, אַז דער רבונו של עולם זאָל זיך מרחם־זײַן און אָפּהיטן ייִדן פון פּאָגראָמען — און דער ראש זייערער, הערשל טאָקער, האָט געוואָלט האַלטן אַ „מאָוועץ״, — האָט זיך ר׳ שמואל לייב איינגעשטעלט דאָס לעבן. מיט דער גבֿורה פון אַ צעהיצטן לייב איז ער אַרויף אויפן באַלעמער, האָט אויפגעריסן דאָס העמד אויף זיך און אַנטקעגנשטעלנדיק אַ נאַקעטע ברוסט האָט ער אַ געשריי געטאָן, טאַקע צו הערשל טאָקער: „נעם, פּושעי ישׂראל, שיס, האַרגעט!״, און מיט אַ קול וואָס האָט דערציטערט אַלעמען, האָט ער אויסגעשריגן: תּהילים זאָל מען זאָגן, ייִדן, תּהילים זאָל מען זאָגן! יאָ, אַ חוץ

דעם אַלעם, האַלט מיין טאַטע דודן פאַר אַן ערלעכן ייִד און גרויסן ירא שמים. דוד איז אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, דאָך וועט ער זיך קיין מאָל נישט באַקלאָגן פאַר וועמען ס׳איז, אויסער ווען עס איז שוין באו מים עד נפש. דעמאָלט איז מיין טאַטע דער איינציקער, פאַר וועמען ער לאָזט פאַלן אַ וואָרט. דערפאַר האַלט ער זיך נאָענט צו אונדזער שטוב.

— גוט שבת, גוט שבת, — שאָקלט דוד פון זיך אָפּ די באַגינענדיקע קעלט וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דרויסן. „גוט שבת“, — ענטפערט אים דער טאַטע, — „זעץ דיך, דוד, און טרינק אַ גלאָז הייסע טיי“.

באַלד קומט אויך אָן משהלע שלום יאָסלס, אַ ייִד מיט אַ קליין בער־דעלע און פאַרטרערטע אויגן. פונקט ווי די אויגן, איז אויך דאָס קול זיינס שטענדיק אַ וויינענדיקס און פאַרטרערטס. אין „שטיבל“ שטייט ער שטענ־דיק ביים אויוון און קוועטשט שטאַרק יעדעס וואָרט ביים דאַווענען, גאָר נישט מעשה קאָצקער חסיד. ער איז נישט קיין גרויסער למדן, אָבער אוי־סערגעוויינלעך פרום. מען דערציילט, אַז ווען ער איז געווען מלמד אין אַ דאָרף, פלעגט ער אין די גרעסטע פרעסט אויפהאַקן דאָס אייז פון טייך, צו קענען זיך טובל זיין לכבוד שבת. אויך ער קומט יעדן שבת צו אונדז טרינקען טיי און אין איינוועגס פרעגן דעם טאַטן מיינעם דעב פשט פון זאַכן וואָס ס׳איז אים שווער צו פאַרשטיין. אַ לעבן לאַנג האַלט אָט דער משהלע אין לערנען דאָס ספר „תפארת“ פון מהר״ל. אַז דער טאַטע טייטשט אים אויס דעם ענין, צעלייגט זיך אויף זיין פנים אַ מין תענוג און די פאַרטרערטע אויגן נעמען בלישטשען מיט פרייד.

עס טרעפט זיך אַ מאָל, אַז צווישן די שבת־פּאַרטאָגיקע געסט קומט אויך יאַנקל וואַינער. וואַינער רופט מען אים, ווייל ער שטאַמט פון דעם שטעטל וואַיין, כאָטש שוין יאָרן ווי ער וווינט אין זשעלעכאָוו. ער איז כמעט קיין מאָל נישט אינדערהיים. אייביקע יאָרן איז ער מלמד ערגעץ אין דער פרעמד, ביי וועלכן־ס׳איז גביר, אַ קאָצקער חסיד. וויפל מאָל מ׳האָט אים געבעטן, ער זאָל בלייבן אין זשעלעכאָוו, מ׳וועט אים אויך דאָ צונויפשטעלן אַ מלומדות, — איז ער קיין מאָל אויף דעם נישט איינ־געגאַנגען. קיין טעמים פאַר אָט דעם פירן זיך האָט ער נישט געגעבן. אַ סברא אַז ער האָט אויסגעמיטן די היים, צוליב דעם ווייב זיינעם. ווייל

פונקט װי ער איז געװען אַ הױכער גלײכער ייִד, פֿון װעמען עס האָט גע־פּעכלט מיט רײנקײט, אַזױ איז זײן װײב געװען אַ פֿאַרשליאָכעטע ייִדענע, שטענדיק אַן אָפּגעלאָזטע; פֿונקט װי פֿון זײן פּנים האָט שטענדיק אַראָפּ־געשײנט גוטמוטיקײט, די אױגן האָבן געלױכטן מיט פֿרײד, איז זײן ייִדענע געװען אײביק אַ פֿאַרכמורעטע און בײזע. יאַנקל איז געװען אַ ייִד אַ למדן, אַ שאַרפֿער קאָפּ און מײן טאַטע האָט געהאַלטן פֿון אים אַ װעלט. אַז ער פֿלעגט קומען, האָט דער טאַטע בשום אופֿן נישט געקענט בײשטײן דעם נסיון נישט צו באַװײזן זיך פֿאַר אָט דעם ידיד — מיטן מעזיניק זײנעם.

און עס גײט אױף אין מײן געמיט אַזאַ שבתדיקער פֿאַרטאָג. אַלע געסט זיצן בײם טיש, מ׳האָט שױן אָפּגעטרינקען די טײ און דער טאַטע יאָגט מיך אונטער, איך זאָל מיך אױפֿהײבן, כאָטש מיך גלוסט זיך גאָר נישט אַרױסצוקריכן פֿונעם מחיהדיקן בעט. פֿון דעסטװעגן דער חשק צו באַװײזן זיך פֿאַר אַזאַ למדן װי יאַנקל װאָרעבער איז גובר די פֿױלקײט און איך טו זיך אָן.

— װאָס לערנט אַזאַ ייִנגעלע, פֿון װעמען דער טאַטע דער שוטה מאַכט עפּעס אַ גאַנצן צימעס? — שמײכלט יאַנקל.

איך װער רױט און ענטפֿער:

— קידושין לערן איך.

— נו, לאָמיר זשע הערן װאָס אַזאַ למדן קען באַװײזן, — חוזקט נאָך ר׳ יאַנקל.

מען מאַכט אױף די גמרא. אין אָנהײב בין איך צעשראָקן און די װערטער קומען אַרױס אַזעלכע שװערע, פֿאַרפּלאָנטערטע. איך כאַפּ אַ בליק אױפֿן טאַטן. ער קוקט מיך אָן מיט גוטסקײט און װי מיר דוכט זיך — אױך מיט געבעט, גלײך ער װאָלט מיר געזאָגט: װעסט דאָך מיך נישט פֿאַרשעמען, קינד מײנס. מיטאַמאָל בין איך גובר די צעשראָקנקײט. מײן קול װערט דרײסטער, שאַרפֿער און צעװאַרעמט. און װיפֿל עס זאָל נישט זײן שװער, ס׳װילט זיך נישט רעדן דערפֿון, אָבער נאָך איצט, שרײבנ־דיק די שורות נאָך אַזױ פֿיל אָפּגעפּלאָסענע בלוטיקע יאָרן, אָפּגעריסן פֿון די װאָרצלען װאָס זענען אין גאַנצן חרוב געװאָרן, — יאָ, נאָך איצט פֿיל איך די האַרציקע בליקן פֿון מײן טאַטנס שײנענדיקע אױגן. זײ װאָרעמען

עד היום מיין געמיט אין דער ווייטער און קאַלטער פרעמד, וווהין דער גורל האָט מיך פאַרוואָרפן.

...דערנאָך, אַז מען האָט זיך אָפּגערוט פון פילפול, דער שמועס איז געוואָרן פרייער און צוגעלאָזענער, איז אויפן שפּעטן טאָג אויך אָנגעקומען פּרצל, אַן אַלטער קאָצקער, וועלכער איז נאָך געפאָרן צו ר׳ דודלען ז״ל. איז אַוועק אַ שמועס וועגן חסידות, פון פּשיסכע, פון וווּרקע און פון קאָצק. האָט מיין טאַטע דערציילט פון זיין זיידן נחום ז״ם (זייגער מאַכער), וועלכער איז כל ימיו געווען אַ מתנגד און גערודפט די חסידישע יונגעלייטלעך עד חרמה, ביז אין אַ שיינעם טאָג האָט ער פּלוצלינג דערפילט אין זיך עפּעס אַ מין ליידיקייט: עס האָט געפעלט די אינערלעכע חדווה, וועלכע אַ טרוקענער מתנגד איז קיין מאָל נישט ראוי צו דערגרייכן. דער זיידע נחום, האָט דער טאַטע דערציילט, איז דעמאָלט צוגעקומען צו דעם שטאָפּל וואָס איז שיער נישט די גרענעץ פון כפירה, רחמנא ליצלן. וואָרן דער גאַנצער סדר זיינער פון זאָגן אַ יום תהילים, לערנען אַ פּרשה חק ישראל און דאַווענען דריי מאָל אין טאָג האָט פאַרלוירן דעם טעם. „וואָס ווייטער?״ האָט דער שטן געעקבערט. און דער זיידע נחום איז אַראָפּגעפאָרן אויף אַ שבת קיין קאָצק צו ר׳ מענדעלען ז״ל.

— איז וואָס זאָל איך אייך דערציילן — האָבן דעם טאַטנס אויגן געלויכטן — צוריקגעקומען איז ער אין גאַנצן אַן אַנדערער, ממש אַ ביי־געבוירענער מענטש. אין קאָצק, האָט דער זיידע געזאָגט, האָב איך דער־זען אַז איך שטיי ערשט ביים סאַמע אָנהייב. איך האָב איינגעזען, אַז מעשים און לעבן וואַלגערן זיך דאָ אונטער די טישן און אונטער די בענק.

אַזוי איז דער זיידע נחום געוואָרן אַ קאָצקער חסיד און שפּעטער איינער פון די נאָענטסטע מקורבים דעם רבינס.

— טיפע ווערטער, — האָט משהלע שלום יאָסלס געקנייטשט מיט די אויגן — טייערע ווערטער: — מעשים און לעבן וואַלגערן זיך אונטער די בענק.

אין דרויסן איז שוין ליכטיק. די שיין פון לאָמפּ פאַרלירט זיך שוין אַנטקעגן דעם טאָג־ליכט. באַלד הייבט אָן די קנויט צו שפּריצן מיט רויט־לעכע פונקען, אַ שפּריץ, אַ צאַנק און אויס לאָמפּן־שיין. דער זייגער איז

שוין צען. דער טאַטע טוט אָן דעם טלית אונטערן פּאַלטן, די קעשענעס זענען אויסגעליידיקט שוין פֿון נעכטן פֿאַרנאַכט, ער נעמט אַרויף אויפֿן האַלדז דאָס טאַשן־טיכל און מיר גייען אין „שטיבל אַרײַן" דאַווענען. כאָטש אין שטאָט איז פֿאַראַן אַן ערוב, איז מײַן טאַטע זיך נוהג נישט צו טראָגן אין שבת.

2

אונדזערע שכנים

דאָס הויז וווּ מיר האָבן געוווינט, איז געווען אַן אַלטע הילצערנע צוויי־שטאָקיקע געביידע פֿון עטלעכע דירות, וווּ עס האָבן געוווינט פֿאַרשיידענע שכנים. כמעט אַלע זענען געווען בעלי־מלאכות, מענטשן אַזוי צו זאָגן, פֿון אַן אַנדערן שטאַנד ווי עס זענען געווען מיינע עלטערן. דאָס הויז איז געווען אַ ראָגאָווע און עס האָט פֿאַרכאַפּט דעם סוף פֿון דער באָד־גאַס און אַ שטיקל פֿונעם בית־עולם־געסל. אַלע מיינע קינדער־יאָרן און אַ שטיק פֿון מיין יוגנט ביזן פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל, וואָס איז אַזוי גרויזאַם פֿאַרשניטן געוואָרן, — זענען פֿאַרלאָפֿן אין אָט די היימישע צוויי שטיבלעך מיט דער קיך, פֿון וואַנען מיר האָבן זיך קיין מאָל נישט אַרויסגעצויגן. און כאָטש דער טאַטע פֿלעגט אַ מאָל לאָזן פֿאַלן אַ וואָרט וועגן טוישן די דירה — דאָס פֿלעגט טרעפֿן, ווען די שכנים פֿון די אַרומיקע הייזער האָבן זיך גענומען קריגן און אָפּט מאָל זיך שלאָגן, אַז די געשרייען זענען דערגאַנגען צו אונדז אין שטוב אַריין. מיין מאַמע האָט אָבער געזאָגט, אַז זי וועט זיך נישט רירן פֿון דעם שטיקל נחלה, וואָס איז איר געבליבן בירושה פֿון דעם גאַנצן געביי וואָס איז אַמאָל געווען דאָס אייגנטום פֿון איר טאַטן ר' שלמה שוחט. פֿון אָט דער גרויסער געביידע מיט עטלעכע שכנותדיקע פּלעצער וואָס איז צעטרענצלט געוואָרן פֿון די יורשים, האָט מיין מאַמע מיט ציין און נעגל דערהאַלטן די צוויי שטיבלעך פֿון אונדזער דירה און בשום אופֿן זיך נישט געוואָלט רירן פֿון דאָרט.

די אונטערשטע צוויי דירות האָבן פֿאַרנומען: רעבטס, בנימין שלאָסאַרזש, וועלכער האָט נאָך אָפּגעלאָזט אַן אַלקער פֿאַר לייזער וואַסערטרעגער. די לינקע זייט פֿון הויז האָט פֿאַרנומען כיל לויס דער קאַשעמאַכער. צו דער זייט פֿון דער באָד־גאַס האָט נאָך פֿאַרנומען אַ לאַנגע

שמאָלע שטוב מיט אַ גלעזערנער טיר דער שוסטער הערשל פלײשל.

בנימין שלוסאַרזש איז געװען אַ הױכער, דאַרער ייִד מיט צװײ פֿאַר־װאַקסענע געדיכטע ברעמען װאָס זענען געהאָנגען װי דעכלעך איבער זײַנע שאַרפֿע בײזע אױגן.

פֿון אין דער פֿרי ביז שפּעט בײַנאַכט האָט זיך פֿון זײַן שטוב געהערט דאָס גרילצן פֿון דער פֿײל, דאָס סקריפּען פֿון בױער איבער שטיקלעך בלעך און ס׳קלאַפּן פֿון אַ האַמער.

די ערשטע צײַטן האָב איך מורא געהאַט און געציטערט פֿאַר אָט דעם ייִד אימת מות.

װען איך האָב מיך אײן מאָל אָפּגעשטעלט פֿאַר זײַן אָפֿענער טיר און זיך צוגעקוקט צום רױט־צעגליטן פֿרענט אײַזן װאָס ער האָט קונציק געדרײט איבער דער קאָװאַדלע און אױסגעמאָדולירט אַ קײַלעכדיקע באַמ־בע אין סאַמע שפּיץ, — האָט ער פּלוצלינג געטאָן אַ הײב אױף די אױגן פֿון אונטער די געדיכטע ברעמען און מיך געגעבן אַ קוק אָן מיט אַ בליק װאָס האָט נישט דערמאָנט קײן גוטס. איך בין אַנטלאָפֿן, װי געיאָגט פֿון אַ בײזן הונט װאָס בילט נישט, נאָר זײַן װאָרטשען װאַרפֿט אָן אַ פּחד. אַ חוץ דעם האָט דער ייִד אַנגעװאָרפֿן אױף מיר אַן אימה צוליב נאָך עפּעס אַ זאַך: אַ פּאָר װאָכן נאָך דעם װי ער האָט זיך אַרײַנגעצױגן צו אונדז אין הױז, איז בײַ אים דאָס װײַב קראַנק געװאָרן און געשטאָרבן. עס איז געװען דאָס ערשטע מאָל אין מײַנע קינדער־יאָרן, װען איך האָב מיך אָנ־געטראָפֿן מיטן טױט פּנים אל פּנים. יענעם פֿרימאָרגן האָב איך זיך אַרײַנגעשטופּט צו בנימינען אין שטוב. די טױטע איז נאָך געלעגן אַ נישט־אָפּגעהױבענע, דאָס פּנים נאָך נישט צוגעדעקט און ביז הײַנט קען איך מיך נישט באַפֿרײַען פֿון דעם גלעזערנעם בליק פֿון יענע טױטע אױגן, װאָס האָבן געקוקט, װי מיר האָט זיך אױסגעװיזן, גלײַך אױף מיר.

אָנגעגאָסן מיט פּחד בין איך באַלד אַרױס פֿון דאָרט. פֿאַר דער טיר זענען שױן געשטאַנען אַ סך מענטשן און דער שכן פֿון אַנטקעגנאיבער, הערשל שקראָפּ, אַ ייִד אַ שוסטער, אָנגעטאָן אין אַ גלאַנציקן לעטניק און אַ פּאָר ברילן מיט אָן אײנציק גלעזל און זײ זענען מיט שטריקלעך און שטיקלעך דראָט געװען צוגעטשעפּעט צו די אױערן. אַ ייִד װאָס װען ער

גייט איבער דער גאַס טשאַפּעט ער הילכיק מיט די שטיקלעך פון זיינע שטיוול, פון וועלכע די כּאַלעוועס זענען אָפּגעשניטן. ער מאַכט אַזאַ רעש מיט זיין גיין, גלייך אַ גאַנצע ראָטע זעלנער וואָלט דורכמאַרשירט. הערשל שקראַפּ האָט געגעבן אַ רוק אַרויף די ברילן אויפן שטערן און אַ זאָג געטאָן אינעם רעדל מענטשן אַריין: „ביסט אַ מבין, וואָס פאַר אַ „טאַרעס" אויף ווייבער עס איז אָט דער בנימין? שוין די דריטע ביי אים". אַ „טאַרעס" האָט מען ביי אונדז געזאָגט אויף אַזעלכן, וואָס צערייסט גיך די מלבושים אָדער שיך. אַז איך פלעג אַהיימקומען מיט אַ געוואַלד־ריס אין די הייזלעך, האָט מיין מאַמע נישט געהאַט קיין אַנדער וואָרט פאַר מיר: „אַן אומגליק מיט דעם קינד, אַ ווּיסטער טאַרעס". און דאָ הער איך גאָר: „אַ טאַרעס אויף ווייבער". אוודאי, מיט אַזעלכע געדיכטע ברעמען און אַזעלכע בייז־האָגלענדיקע אויגן, ווי קען עס זיין אַנדערש! אַזוי האָב איך אַ שטיק צייט געציטערט פאַר דעם ייִד, וואָס אַ חוץ זיין בייזקייט, איז ער נאָך „אַ טאַרעס" אויף ווייבער. אַ ביסל שפּעטער איז די דאָזיקע שרעק פאַרשוווּנדן. איך האָב מיך צוגעבונדן צו דעם ייִד און יעדע פרייע מינוט בין איך אָפּגעלעגן ביי אים אין וואַרשטאַט.

כּיל לויס, דער קאַשע־מאַכער, איז געווען דער היפּוך פון זיין שכן. דאָס איז געווען אַ ייִד פון מיטעלן וווּקס מיט אַ געלע געדעכטע באָרד אַרום אַ פול, גוטמוטיק, אָפן פּנים. זיינע שמייכלענדיקע אויגן פלעגן מיך שטענדיק באַגעגענען מיט אַ גוט־ברידערישקייט און אָפנהאַרציקייט. ער פלעגט מיר דערלויבן אַ מאָל צו געבן אַ דריי ביי דער קאָרבע פונעם „מלינעק", דאָס מילעכל וואָס האָט אויסגעשיילט די קאַשע פון די פּלעווּעס. מיט זיין ייִנגל יצחק, וואָס איז געווען עלטער פון מיר מיט דריי יאָר, זענען מיר געווען חברים. ער האָט געקענט דערציילן אָן אַ שיעור מעשיות פון שדים און לצים, פון כּישופמאַכערס און, להבדיל, פון גרויסע צדיקים. אין די זומערדיקע פרייטיק נאָכמיטיקן, ווען מ'קומט אַהיים פרי פון חדר, פלעגן מיר אַ מאָל פאַרקריכן אויפן בוידעם, וווּ עס זענען געלעגן די פּלעווּעס. מיר האָבן זיך אין זיי אַריינגעוואָרפן אַזוי, אַז מ'האָט אונדז קוים אַרויסגעזען. דאָרט האָט מיר יצחק דערציילט די מוראַדיקסטע מעשיות פון די שרעטעלעך וואָס בלאָנדזשען אַרום ביינאַכט אין די ראָוועס. און

זײ זענען אַזוי פּיצלדיק, אַז מען קען זײ מיטן אויג נישט דערכאַפּן. און דעריבער, אַז מ׳גיסט בײנאַכט אויס אַ פּאָמישאַף, דאַרף מען כסדר זאָגן: „היט זיך, היט זיך, היט זיך״. ווײל טאָמער חלילה גיסט מען זײ אָפּ, האָט מען זיך געקויפט מפטיר בײ זײ און קײן צרות וועט שוין אַזאַ אומפּאַר־זיכטיקן נישט פעלן.

מיט כיל לויס שטוב זענען מיר געווען הײמישער ווי מיט די רעשט שכנים. ס׳טרעפט זיך: ווינטער־צײט, אויפן מאַרק איז אַלץ בחצי חינם, כאַפּט זיך דבורה די קאַשע־מאַכערן אַרויס און קויפט אַ צוויי גענדז. קומט זי דעמאָלט אַרויף צו אונדז און זאָגט דער מאַמען: ליבעשי קרוין, איך האָב געקויפט צוויי גענדז, ממש אַ גנבה, און איך האָב אײנזינען געהאַט איר זאָלט זײן אַ שותפטע. יאָ אַ גנבה, נישט אַ גנבה, די מאַמע שטײט צו צום שותפות. שעכט מען די גענדז, לאָזט מען אויס שמאַלץ, טײלט מען זיך מיט די גריוון און וויפל די מאַמע שרײט נישט: רבונו של עולם, ווי קומט אַ ייִנגל אין דײנע יאָרן מיטצוגײן צו אַזעלכע זאַכן, אָבער איך לויף מיט אַראָפּ און זאַפּ אײַן אין זיך דעם מחיהדיקן ריח פון פרישׁ אויסגעלאָזענעם שמאַלץ און געפּרעגלטע גריוון. און נישט אַזוי צוליב די גוטע זאַכן מיט וואָס מען איז אונדז קינדער אויך מכבד, נאָר צוליב דער הײמישקײט און געמיטלעכקײט וואָס ווײעט דאָ פון יעדן ווינקל, לויף איך מיט צו כיל לויס. דבורה די קאַשע־מאַכערין איז אַ ייִדענע אַ ווערטאַנעס. יעדן דאָנער־שטיק בײנאַכט הײצט זי אויס דעם באַק־אויוון און אַ חוץ חלות און קיכ־לעך באַקט זי אויס אויך פּאַשלעדנע פלעצלעך, וואָס זײער מחיהדיקער ריח צעטראָגט זיך איבערן גאַנצן הויז. מײן מאַמע וואָס איז אין די ווינטער־דיקע טעג שטאַרק פאַרנומען אין אונדזער נאַפּט־שפּײכלער, קען זיך נישט פאַרגינען דעם תענוג פון אַלײן אויסהײצן דעם אויוון און באַקן, טוט איר די גוטע שכנטע דבורה די טובה. זי פאַרקנעט איר דאָס טײג באַזונדער און לאָזט איר איבער די מצווה פון נעמען חלה און באַקט אָפּ פאַר אירטוועגן פון כל טוב.

געוויינטלעך, ווען איך קום דאָנערשטיק בײנאַכט צוריק פון חדר און טרעף נישט די מאַמע אין שטוב, אין הויז שמעקט שוין דער קימל פון די פרישע פּאַשלעדנע פלעצלעך. ווײס איך שוין ווו די מאַמע איז און תיכף

בין איך ביי כילן אין שטוב. „גוט, קינד מיינס, וואָס דו ביסט געקומען — דערפרייט זיך מיט מיר די מאַמע. — אָט נעמט מען אַרויס פון אויוון פרישע פלעצלעך. באַלד וועל איך דיר צוגעבן אַ שטיקל פיש און דו וועסט זיך מחיה זיין, קינד מיינס״.

און כיל לויס אַליין דרייט זיך אַרום איבער דער שטוב אַן כאַלאַטל, אינעם בלויזן וואַטאָוון שפּענצער, די ציצית פון טלית קטן באַמבלען זיך פון אַלע פיר זייטן ווי באַשיצנדיקע מלאכים.

— כיל, וואָלסט שוין אפשר גענעגט אַרויסכאַפּן די פלעצלעך פון אויוון, — זאָגט זיין ווייב.

כיל קאַשע־מאַכער איז אַ ייִד וואָס טויג זיך אויס צו אָט די זאַכן, כאָטש עס איז אים אויך נישט פרעמד קיין פּרק משניות, אַ שטיקל „עין יעקב״, אַ בלעטל גמרא, אָבער וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לייט איז צו לייט.

— שלמהלע, — דערפרייט ער זיך מיט מיר — שוין פון חדר? און מעריב האָסטו שוין געדאַוונט?

— זייט וועןִ! — ענטפער איך אים אַ פאַרוווּנדערטער.

— עס וועט נאָך לאַנג געדויערן, ר׳ כיל, צום אַרויסנעמען די פלעצ־לעך? — ווער איך אומגעדולדיק.

— אַ ייִנגעלע טאָר נישט זיין קיין זולל וסובא, — ווערט ר׳ כיל מכלומרשט אין כעס.

— פון פאַרנאַכט אָן נישט געהאַט אין מויל, — פאַרענטפערט מיך די מאַמע מיינע.

אָבער נישקשה, איך ווייס, דאָס מאַכט זיך כיל בלויז אַזוי. עס וועט גאָר נישט לאַנג געדויערן און איך וועל עסן די געשמאַקע פאַשלעדנע פלעצלעך געטונקען אין פרישע פיש־יויך.

די צוויי שכנים, בנימין שלוסאַרזש און כיל לויס זענען געווען די אינטימסטע מיט וועלכע מיר פלעגן זיך עפּטערס צונויפטרעפן. מיט לייי־זער וואַסערטרעגער, וועמען מ׳האָט גערופן, איין גאָט ווייסט פאַרוואָס, „טאַטע לייזער״, האָבן מיר נאָר געהאַט אַזוי פיל צו טאָן אויף וויפל ער פלעגט ברענגען וואַסער און פרייטיק געקומען אָפּנעמען זיין שכירות. אַ

מאָדנער בייזער ייִד געווען, אָט דער טאַטע לייזער. עס מאַכט זיך, עס פּעלט אַ מאָל אויס וואַסער אין שטוב און ס׳טרעפט אים פּונקט עמעצער אויף דער גאַס און גיט אים אַ זאָג: „גוט, ר׳ לייזער, וואָס איך האָב אייך געטראָפן. דאָס פאַס איז טרוקן. זייט אַזוי גוט און ברענגט אַרויף אַ פּאָר וואַסער״. אַ גאַנץ אומשולדיקער זאָג, דאַכט זיך. נו, נו, פרעגט שוין גאָר נישט. דער שטענדיק שטילער און רויִקער ייִד ווערט פּלוצלינג אָנגעצונדן ווי אַ פייער. איז עס די מאַמע, וואָס האָט אים געבעטן די טובה אַרויפצוברענגען וואַסער, טוט ער בלויז אַזאַ בייזן וואָרטש אין זיך און מ׳קען בשום אופן נישט דערגיין וואָס ער האָט געענטפערט. טאָמער איז עס אַ ייִנגל אָדער אַ מיידל, וואָס האָט זיך צו אים געווענדט, טוט ער זיך אַ האַסטיקן שטעל אָפּ און נעמט שרייען מיט באַנומענע קולות: „דו שייגאַץ איינער, וואָס פאַר אַ ר׳ לייזער בין איך דיר. וואַסער ברענג אים, קראַנק און געשוואָלן ביסטו אַליין צו טראָגן וואַסער, אַזאַ ממזר! אויף דער גאַס גאָר וועט ער מיך אָפּשטעלן, וואָס אַ חבר מיינער ביסטו? צוזאַמען מיט דיר חזירים געפּאַשעט? אַזאַ העזה און חוצפּה״.

ווען מיין מאַמע האָט אים אַ מאָל געפרעגט, פאַרוואָס ער בייזערט זיך אַזוי, אַז מ׳זאָגט אים, ער זאָל אַרויפברענגען וואַסער, האָט ער וואָרטשענדיק געענטפערט, אַז ער וויל נישט מען זאָל אים זאָטשעפּען אויף דער גאַס. אפשר איז עס געווען אַזאַ שטומער פּראָטעסט קעגן דעם גורל זיינעם וואָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ וואַסערטרעגער און ער האָט נישט געוואָלט מען זאָל אים כסדר דערמאָנען אין דעם. ווער איז אין שטאַנד זיך צו דערגריבלען צו די טיפענישן פון אַ מענטשלעכער נשמה? וואָס עס זאָל נישט האָבן געווען, ווייזט אויס, אַז דער ייִד האָט נישט מיט אַזאַ שטאַרקער צופרידנקייט געטראָגן דעם גורל זיינעם וואָס האָט אים איינגעשפּאַנט אין די נאַשעס מיט די שווערע עמערס. דערפאַר מסתמא האָט ער דאָס איינציקע ייִנגל זיינס געהאַלטן מיט אַלע זיינע כוחות אין חדר און געמאַכט אים פאַר אַ לערנער. איך האָב דעם ר׳ לייזער קיין מאָל נישט געזען זיך אַריינלאָזן אין אַ שמועס מיט דער מאַמען מיינער, ווי עס פלעגן דאָס טאָן די אַנדערע מענטשן וואָס זענען געקומען צו אונדז אין קיך אַריין. בלויז איין מאָל, געדענק איך, האָט ער אין אַ ווינטערדיקן טאָג, נאָך דעם

ווי ער האָט אָנגעגאָסן דאָס פּאָס מיט וואַסער, אַ טיפּן זיפץ געטאָן און זיך אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט. דעמאָלט האָט די מאַמע מיינע גובר געווען די באַהאַלטענע שרעק פאַר דעם מענטש און אַרויסרוקנדיק אַ שטול, געבעטן אים זיצן און מיט אַ ציטער אין קול האָט זי אים געפרעגט:

— אפשר אַ גלאָז הייסע טיי, ר׳ לייזער?

שווייגנדיק האָט ער אויסגעטרונקען די טיי און געלאָזט פאַלן אַ וואָרט אַז ער איז קראַנק. אַ שטיק צייט נאָך דעם איז ער טאַקע געלעגן אין בעט און געקרענקט. מ׳האָט עס געשפּירט אין אַ סך הייזער. נישט געקומען דער בייזער, ווילער ייִד מיטן וואַסער. אַ שאָד, אַ שאָד.

די מאַמע מיינע האָט זיך מיט געוואַלד אָפּגעריסן פון איר פאַריאָגט־קייט און איז עטלעכע מאָל אַרויסגעגאַנגען אין גאַס אַריין קלייבן נדבות פאַר זיינעטוועגן.

אַ באַזונדערע וועלט פאַר זיך, אָפּגעזונדערט פון אַלץ און אַלעמען איז געווען הערשל פליישל, דער וואָס האָט געוווינט אין דער לאַנגער שמאָ־לער שטוב מיט דער גלעזערנער טיר ביים עק פון דער באָד־גאַס. דאָס איז געווען אַ נידעריק מענטשל פון אַ יאָר עטלעכע דרייסיק. דאָס שוואַרצע בערדל האָט אַרומגעזיימט אַ פּנים אַ קיילעכדיקס וואָס אָן שום אויסדרוק. און פּונקט ווי דאָס פּנים — אַזוי האָבן אויך די גלעזערנע אויגן זיינע געקוקט, גלייך עס וואָלט אים גאָר נישט אָנגעגאַנגען וואָס אַרום טוט זיך.

ער איז געווען אַ שוסטער, שטענדיק געזעסן איינגעבויגן איבער דער אַרבעט. קיין מאָל האָב איך פון דעם מענטש אַפילו קיין קלאַנג נישט געהערט, אַזש אַ שטיק צייט האָב איך געמיינט, אַז דער ייִד איז אַ שטו־מער. ס׳פאַרקערטע איז געווען דאָס ווייב זיינס, אַ ברייטע ייִדענע, וועלכע האָט זיך שוין דווקא יאָ געלאָזט הערן אויף כלערליי קוויטשענדיקע טענער פון איר שטימע. זי האָט שרייַיק געפירט דעם האַנדל. זי האָט געבערענגט צו שלעפּן די קראַיעס לעדער און זיך געדונגען, געקריגט זיך מיט לייביש הירוש דעם בעל עגלה. דינסטיק פלעגט זי אַרויסגיין אויפן מאַרק פאַר־קויפן די געמאַכטע שטיוול. הערשלען איז דאָס אַלץ נישט אָנגעגאַנגען. אַ מאָל אַז ס׳איז אַריינגעקומען אַ גוי עפּעס קויפן אָדער פאַרריכטן און ס׳ווייב

איז פּונקט נישט געווען אין שטוב, האָט ער נישט אויפֿהייבנדיק די אויגן פֿון דער אַרבעט, געגעבן אַ ברום אַרויס דעם פּרייז און זיך מער נישט אומגעקוקט, גלייך דער ענין וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען.

אַ מאָל האָב איך געזען דעם ייִד זיך נאָכיאָגן נאָך זיין ייִנגל. אויך אין דעם לויפֿן זיינעם איבער דער גאַס איז נישט געווען קיין צעוואָרעמט־קייט, ווי ביי אַנדערע ייִדן, וואָס פּלעגן מיט געפּילדער זיך יאָגן נאָך זייערע פֿאַרזינדיקטע ייִנגלעך און מיט באַנומענע קולות שרייען: „אַ כאַ־לערע וועט דיך שוין טרעפֿן, ממזר איינער! דו וועסט אַריינפֿאַלן אין מיינע הענט, וועל איך פֿון דיר שניידן די הויט״. אין הערשל פֿליישלס יאָגן זיך און לויפֿן איז געווען אַן אימפּעט, ווי ער וואָלט גאָר אין אמתן נאָך אַלץ געזעסן אויפֿן שוסטער־בענקעלע, נאָר בלויז די פֿיס האָבן זיך אָפּגעריסן און גענומען לויפֿן. ער האָט קיין מאָל קיינעם קיין „גוט מאָרגן״ נישט געזאָגט און מיט קיינעם קיין מגע ומשא נישט געהאַט. אַפֿילו סוכּות, ווען אַלע שכנים האָבן געגעסן צוזאַמען אין סוכּה איז ער אויך נישט געקומען. מ׳האָט געשמועסט צווישן שכנים, אַז ער שעמט זיך, ווייל ער קען נעבעך נישט קיין קידוש מאַכן. נאָר אַן איינאיינציק מאָל געדענק איך ווי אַט דאָס אויסדרוקלאָזע פּנים האָט אָנגענומען לעבן און די גלעזערנע אויגן האָבן זיך געצונדן מיט אַ בלישטשנדיק פֿלעמל.

דאָס איז געווען אין די ערשטע וואָכן פֿון דער וועלט־מלחמה. אין איינעם אַ פֿרייטיק, אַרום ניין אַ זייגער אינדערפֿרי, האָבן זיך באַוויזן באַקאַנטמאַכונגען, אַז אַלע ייִדן מוזן פֿאַרלאָזן די שטאָט אין משך פֿון פֿיר און צוואַנציק שעה. נישט איך וויל איצט דערציילן וועגן דער יללה וואָס האָט אויסגעבראָכן צווישן די ייִדן. עס איז ערב שבת. פּאַר אַ פֿורל צאָלט מען מיט גאָלד, עס איז אוממעגלעך אויף דער געשווינד צו פֿאַרפּאַקן און מיטצונעמען יאָרן לאַנגע איינגעפּונדעוועטע באַלעבאַטישקייטן. און אָט האָט מען זיך ביי אונדז דערמאָנט, אַז אונטער הערשל פֿליישלס דירה געפֿינט זיך אַן אויסגעמויערטער קעלער מיט אייזערנע טירן וואָס ביז דעמאָלט האָט קיינער פֿון די שכנים אים נישט באַנוצט. אַלע שכנים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו הערשלען אין שטוב אַריין ווי צו אַן אָרט, וווּ ס׳געפֿינט זיך די ישועה. און ביז היינט קען איך נישט פֿאַרגעסן די וואָרעמ־

קייט, צוגעלאָזנקייט וואָס האָט זיך מיטאַמאָל צעגאָסן איבער זיין אויס־דרוקלאָזן פּנים:

— פאַרוואָס נישט, ר׳ שימעלע? מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, — האָט ער געקוואָלן. — עטץ אויך, און כיל און בנימין. אדרבא, דער קעלער איז וענוג גרויס. ער איז מיטאַמאָל געוואָרן רירעוודיק און באַרעדעוודיק, גלייך ער וואָלט אַראָפּגעשאָקלט פון זיך לאַנגע יאָרן פון שטומקייט און אומ־באַוועגלעכקייט.

ער האָט טאָקע אויך געהאָלפן טראָגן די פּעק, געשטאַנען אויף די טרעפּ און אָנגעוויזן ווו עפּעס אַוועקצולייגן.

— דערלאַנגט מיר דאָס פּעקל, ר׳ שימעלע, — האָט ער זיך גע־וואָנדן צו מיין טאַטן, — ווי איז דאָס פּאַר אייערע כוחות צו שלעפּן אַזעל־כע שווערע פּעק? אין גאַנצן איז ער געווען אַ צוואָרעמטער און אויפגע־לייגטער, גאָר נישט ענלעך צו די אַנדערע יידן, וואָס זענען געווען דער־שלאָגן פונעם אומגליק.

ווען איך האָב מיט יאָרן שפּעטער געטראַכט פון אָט דעם מאָמענט וואָס איז פּאַר אַלע געווען אַן אומגליק און פון וואָס הערשל פליישל איז אַזוי אויפגעהייטערט געוואָרן, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז דער דאָ־זיקער דערשלאָגענער מענטש מיט דער פאַרמאַכטער נשמה פאַר וועמען קיינער האָט מן הסתם קיין מאָל נישט פאַרמאָגט קיין וואָרעם וואָרט, — אַז אָט דער ייִד האָט לאַנגע יאָרן געוואַרט אויף דעם טאָג, ווען ער וועט זיך קענען מאַכן ניצלעך פאַר אַנדערע: אָקערשט דעמאָלט איז געקומען די שעה ווען אַנדערע האָבן אים געדאַרפט. און קיין איינציקע מינוט איז אים נישט איינגעפאַלן צו לאָזן זיך בעטן, אָדער זיך הייסן באַצאָלן פאַר דער טובה. היינט גיי זיי אַ חכם צו וויסן ווו צו זוכן און צו געפינען די רערלעך, דורך וועלכע עס קען אַ מאָל פליסן די וואָרעמקייט פון אַ מענטשלעך האַרץ.

נישט אַן אינערלעכן ציטער דערמאָן איך מיך אין נאָך איינע אַ שכנטע, וועלכע האָט לאַנגע יאָרן פאַרנומען אַ שטיבל, טיר ביי טיר מיט אונדזער דירה. כאַמע ריוועלעס איז געווען אַ הויכע, שמאָלע און דאַרע פרוי פון אַ יאָר עטלעכע פערציק. זי איז געווען אַן אלמנה און פון מיינע פריסטע קינדער־יאָרן געדענק איך זי ווי די נאָענטסטע שכנטע אונדזערע.

איר מאַן ר׳ לײב כהן, װעמען איך האָב נישט געקענט, איז געװען פון יענעם סאָרט ייִדן, װאָס ביים לעבן נאָך װערן אַרום זײ אױסגעשפּינען לעגענדעס. איך האָב אים נישט געקענט, נאָר פון װערטער װאָס איך פלעג אַ מאָל כאַפּן בײ אונדז אין שטוב, האָב איך זיך דערװוּסט, אַז ר׳ לײב איז געװען אײנער פון די נאָענטסטע מענטשן ביים רבין פון לובלין. נאָך דער פּטירה פון דעם אַלטן ז״ל זענען אַ סך פון די אָנגעזעענסטע חסידים געװען דערפאַר ער זאָל ממלא מקומו זײן, כאָטש ר׳ לײב אַלײן איז נישט געװען פון דער רבישער גזע. ר׳ לײב איז נישט באַשטאַנען דערױף מחמת ענױות. ער איז ראױ געװען, האָט מײן טאַטע געלאָזט פאַלן אַ װאָרט װעגן דעם. שװער הײנטיקע צײטן צו געפינען אַזעלכע ייִדן. װען ער איז געשטאָרבן נאָך גאָר אַ יונגער מאַן, האָט ער איבערגעלאָזט אַן אלמנה מיט צװײ קינדער, אַ ייִנגל פון אַ יאָר צען און אַ מײדל מיט פיר יאָר ייִנגער. שטענדיק געדענק איך אָט די שכנטע אַן ערנסטע און װי אַן אײנגעהילטע אין טיפן טרױער. נאָך ר׳ לײבן האָט כאַמע אַפילו נישט געטראַכט נאָכאַמאָל חתונה צו האָבן, כאָטש זי איז נאָך געװען יונג. איר גאַנץ לעבן האָט זי אָפּגעגעבן די צװײ קינדער. כ׳דערמאָן זיך: יאָסל כאַמעס ריװועלעס איז שױן געװען אַ בחור פון אַ יאָר זעכצן, אַ הױכער, אַ שלאַנקער און גוטמוטיקער, װען ער פלעגט אַרײנקומען צו אונדז אין שטוב און אַרומשטיפן מיט מיר, דעם צען יאָר ייִנגערן פון אים.

ביז אײן מאָל האָט ער זיך אַ פּאָר טעג נישט געװיזן. װען איך, אַ שטאַרק צוגעבונדענער צו דעם פרײלעכן עלטערן חבר מײנעם, האָב געװאָלט אַרײנלױפן צו אים אין שטוב, האָט מײן מאַמע מיך נישט געלאָזט און געזאָגט, אַז מען טאָר אַהין נישט אַרײנגײן, װײל יאָסל איז, נישט פּאָר אונדז געדאַכט, שטאַרק קראַנק. ביי צען טעג דורכאַנאַנד האָב איך מיך געהאַלטן אין אײן נאָכפרעגן, װען איך װעל שױן קענען זען יאָסלען, און די מאַמע האָט אַלץ געענטפערט, װאָס אַ מאָל שטילער, טרױעריקער, אַז דערװײל טאָר מען נאָך נישט. השם יתברך זאָל אים שיקן אַ רפואה, ער דאַרף נעבעך גרױס רחמים, — און אַ טרער האָט זיך אַראָפּגעקײקלט איבער אירע באַקן.

... װען איך האָב זיך יענע װינטער־נאַכט איבערגעװעקט, האָט נאָך

דער לאָמפּ געברענט מיט דער גאַנצער העלקייט. איך האָב געכאַפּט אַ בליק צו די בעטן פון מײַנע עלטערן און דערזען, אַז זיי זענען ליידיק. איך האָב אָנגעשפּיצט די אויערן און דערהערט טריט אין דרויסן. אַ פאַרשטיקט יאָמערלעך געוויין האָט דורכגעשניטן די שטילקייט. אַ מאָדנע שרעק האָט פאַרגאָסן מײַן האַרץ. מער מיטן אינסטינקט ווי מיטן באַוווסטזיין, האָב איך דערפילט די טריט פונעם טויט וואָס געפינט זיך איצט אין אַזאַ נאָענט־קייט צו מיר. איך האָב זיך אײַנגעקאָרטשעט. דערנאָך האָט זיך שטיל אַרײַנגעשאַרט די מאַמע. זי האָט מיך דערזען אַ וואַכעדיקן. „שלאָפסט נישט, קינד מײַנס?", האָט זי, שטיקנדיק די טרערן, מיך געפרעגט. זי האָט זיך צוגעשפּאַרט אויף מײַן בעטל — און צודריקנדיק מיך צו איר האַרץ, האָט זי שטיל געכליפּעט: „אַזאַ יונגער בוים, אַזאַ אומגליק, קיין שום מאַמע זאָל אַזעלכעס נישט צוהאַנדן קומען".

געשטאָרבן מיט אַ טרויעריקן טויט מײַן יונגער שיינער חבר.

אָבער דאָס לעבן איז זיך ווײַטער געגאַנגען זײַן וועג. כאָמע איז, אמת, געוואָרן נאָך אײַנגעצויגענער, מער פאַרשלאָסן אין זיך און דער טרויער האָט זי פאַרהילט נאָך מער, טיפער. אָבער דאָס מיידל אירס, יוכבדל, איז שוין אַלט געווען אַ יאָר צוועלף און געוואַקסן ווי אַ בלימל. זי איז אויך געווען אַזאַ דינע און שלאַנקע ווי די מוטער. דאָס לענגלעכע פּנימל מיט די ראָזע בעקלעך האָט געשײַנט און געלויכטן. די צוויי שוואַר־צע דיקע און לאַנגע צעפּ פלעגט זי אַריבערוואַרפן איבער די ייִנגע, נאָר וואָס שפּראָצנדיקע בריסטלעך, וואָס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן בערגלען אונטערן ווייסן בלוזקעלע. צוליב דעם וואָס די מוטער אירע איז אָפט גע־פאָרן אויף די ירידים אין די נאָענטע שטעטלעך מיט איר שניט־סחורה און פלעגט אַהיימקומען שפּעט — פלעגט יוכבדל אין די אָוונטן זיצן ביי אונדז אין שטוב. אַלע האָבן זי געזעען מיט גינציקייט, שוין נישט צו רעדן פון דער מאַמען. אַפילו דעם טאַטנס אויגן האָבן אויפגעלויכטן מיט גוטס־קייט, ווען ער איז אַרײַנגעקומען און געטראָפן יוכבדלען. און אַז זי, פון דרך ארץ פאַרן טאַטן, האָט זיך אויפגעשטעלט פון טיש, פלעגט דער טאַטע שמייכלען: שאַדט נישט, שאַדט נישט, ר' לייב כהנס מיידל מעג זיצן אַ ביסל נעענטער...

פֿאַר מיר זענען די אָוונטן פֿון מאָנטיק און דאָנערשטיק, די יריד־טעג, געווען פֿול מיט פֿרייד און דערוואַרטונג. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ בין איך געלאָפֿן איבער די טרעפּ און געבעטן גאָט, אַז כאָמע זאָל נאָך נישט האָבן צוריקגעקומען. וואָרן נאָר אַזוי אַרום וועט יוכבדל נאָך זיצן בײַ אונדז. און גאָט איז געווען אַ גוטער. אַממערסטן האָב איך זי געטראָפֿן זיצן בײַם טיש, אָדער בײַם אויוון. איר פֿאַררויטלט פּנימל האָט געלויכטן פֿאַר מיר מיט דער גאַנצער צאַרטקייט פֿון אַ יונג בלימעלע. זי האָט אויפֿגעהויבן די בלישטשנדיקע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן פֿאַרמאָגט אין זיך די לוי־טערקייט פֿון אַ קראַפּליע פּרימאָרגן־טוי און מיט איידלקייט האָט זי מיר געהאָלפֿן אויסטאָן דעם שווערן פֿאַלטן מיטן פּוטערנעם קעלנעריל.

דער באַריר פֿון איר וואַרעמער האַנט האָט געקוויקט און געגלעט ווי סאַמעט. איך בין נאָך געווען זייער יונג, נאָך קיין צען יאָר נישט אַלט, און מײַנע פֿרומע טאַטע־מאַמע האָבן נישט געקוקט קרום אויף אָט די צערטלעכקייטן.

אַממערסטן פֿלעגט זי אַרײַנקוקן אין אַ מעשה־ביכל. „וואָס לייענסטו יוכבדל?" האָב איך אַ צעוואַרעמטער געפֿרעגט. „איי, שלמהלע, אַ ווינדער שיינע מעשה פֿון אַ ייִד וואָס האָט שטאַרק אָפּגעהיטן די מצווה פֿון מלווה מלכה און וועגן שדים וואָס האָבן אים געוואָלט פֿאַרפֿירן. אָט ענדיק איך. עס אָפּ און איך וועל עס דיר באָרגן".

און עס טרעפֿט זיך: איך האָב נישט קיין געדולד צו וואַרטן ביז זי וועט פֿאַרענדיקן דאָס לייענען. איך רוק מיך צו צו איר און כאַפּ דערווייל אַ בליק. עס טוט אויף מיר אַ ווייע מיטן בשמים ריח פֿון איר יונגן קער־פּער און כ׳וואַר אויף אַ רגע ווי צעשראָקן פֿון דעם דופּט און וואַרעמ־קייט וואָס האָט אויף מיר אַ שלאָג געטאָן. עפּעס דאַכט זיך מיר, די מאַמע האָט געכאַפּט אַ בליק און אַז זי ווייסט אַלץ, וואָס אין מיר קומט איצט פֿאָר, גיב איך מיך אַ האַסטיקן רוק אָפּ פֿון יוכבדלען. יוכבדלס אויגן קוקן מיך אָן מיט אומשולד ווי זיי וואָלטן פֿרעגן: וואָס ביסטו עפּעס אַנטלאָפֿן? און שפּעטער, ווען איך ליג שוין אויף מײַן געלעגער, באַפֿאַלט מיך עפּעס אַזאַ מאָדנע בענקשאַפֿט, פֿאַר וואָס גאָט האָט מיך נישט באַגליקט מיט אַזאַ שוועסטערל ווי יוכבדל.

3

דעם רבינס הויף

פאַרהאָרעוועט און פאַריאָגט אין שווערן עול פון פרנסה זענען די פשוטע ייִדן פון זשעלעכאָוו. איינגעבויגן זענען די רוקנס פון די שוסטערס, שניידערס, בייגערס און גאַרבערס, וואָס שטייען ביי זייער אַרבעט פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט. אויסגעפּעטעסט פון טראָן, סמאָלע און לעדער זענען זייערע הענט און פּנימער. אויסגעבייטשט און אויסגעאַרבט פון ווינט, פראָסט און רעגן זענען די פּנימער פון די באַלעגאָלעס, טשעלענטניקעס (קעלבער־סוחרים) און דאָרף־גייערס. דאָס אויף גיך אַריינגעכאַפּטע דאַווענען סטייעט קוים לעבלעך צו האַלטן די נשמות און אַ סך מאָל דערגייט עס, אַז מ׳זאָל חלילה אין גאַנצן פאַרגעסן אין ייִדישקייט. און כּדי די הערצער פון אָט די פשוטע לייט זאָלן חס ושלום נישט אין גאַנצן געפּרוירן ווערן, האָט זיי דער וואָס לעבט אייביק פאַרזאָרגט מיט אַן אייגענעם היימישן גוטן ייִד.

דער רבי רעב ישעיהלע איז אַ ייִד פון אַ יאָר פופציק. זיין איידל, גוטמוטיק פּנים איז אַרומגענומען מיט אַ שוואַרץ בערדל וואָס איז דורכגעפלאָכטן מיט זילבערנע פעדעם. זיינע אומשולדיקע אויגן קוקן מיט גוטסקייט אויף אַלץ אַרום. די אַלטע, הילצערנע נידעריקע געביידע מיט דער צוגעבויטער שאַפּע, וואָס דינט אין די ימים נוראים פאַר אַ בית המדרש צום דאַווענען, — ווו ער וווינט, איז רעכטס אַרומגענומען פון אַ גרויסן ליידיקן הויף און לינקס טונקלען זיך אַ סך אויבסט און קאַשטאַנביימער, וואָס מען רופט „דעם רבינס סאָד״. אַהינצו כאַפּן זיך אָפט אַריין חדר־ייִנגלעך, וואָס האָבן ליב אַרומצושטיפן. אָרעם און פשוט איז דעם רבינס שטוב. נידעריק און שווער לייגט זיך דער מאָך באַוואַקסענער דאַך איבער די געזונקענע ווענט און די קליינשייבלדיקע פענצטערלעך ליגן האַרט ביי

דער ערד. פונקט אַזוי זענען אָרעם און באַשײדן די הײמען פון די אָרעמע לײט, דעם רבינס חסידים.

נישט בלויז די פּראָסטע ייִדן, נאָר די גאַנצע שטאָט אָן אויסנאַם האָט ליב דעם רבין אהבת נפש. טרעפט זיך חלילה אַ צרה בײ װעמען, װערט חלילה װער נישט געזונט, איז דאָס ערשטע צו גײן צום רבין זאָל לעבן מיט אַ קוויטל. טוט זיך די ייִדענע אָן איר בעסער מלבוש און לויפט צום רבין. שרײבט אײנער פון די דרײ משמשים אָן דאָס קוויטל, עפענען זיך בײ דער ייִדענע אויף אַלע קוואַלן פון טרערן: „הײליקער רבי, אַזאַ ייִנגער בוים, אַזאַ גאָלדן קינד און ער װערט פאַרשרפעט פון היץ. פריִער גאָט און דער־נאָך איר הײליקער רבי קענט אים העלפן!“

זיצט דער רבי, ער קוקט נישט חלילה דער אישה אין פנים אַרײַן. זײַן לויטער פנים װערט װי אײַנגעצויגן פון צער און די אויגן נעפּלען זיך װי פאַרטרערטע פון ייִדישע צרות. דער רבונו של עולם װעט שיקן אַ רפואה שלימה, קרעכצט ער — און למען השם, מען זאָל רופן אַ דאָקטער. און אַז ער דערװיסט זיך, אַז די ייִדענע איז אַן אָרעמע, װערט שוין באַ־זאָרגט אין יענער שטוב אַרײַן אַ ביסל יויך, אַ פּרוכט, אַ פלעשל װײַן און אַ פּאָר גילדן אויף די נײטיקסטע הוצאות. איז טאָקע די נויט בײַם רבין אַן אָפּטער גאַסט, װײַל די גוטסקײט פון אָט דעם תמימותדיקן ייִד װערט אָפט מאָל אויסגעניצט פון פאַרשײדענע יאָ און נישט נויטבאַדאַרפטיקע. דערפאַר האַלטן ייִדן פאַר אַ הײליקן חוב נישט צו לאָזן חלילה פאַלן זײער רבין. פישערס שיקן צו פיש אויף שבת, קצבים — פלײש, און קרעמערס מעל און אַנדערע זאַכן. מען װײסט: אַזוי װי די רביצן װעט נאָר אַרײַנ־קריגן די ערשטע פּאָר רובל װעט אַלץ ערלעך באַצאָלט װערן.

װי אַ שאַרפן קאָצקער חסיד איז מײַן טאַטן געװען אַ ביסל פרעמד־לעך די דרכים פון דעם רבין פון די שוסטערס, שנײַדערס, קצבים און באַ־לעגאָלעס. עס איז אים נישט געװען צום האַרץ דאָס גלאָצן מיט די אויגן פון רעב ישעיהלען, זײַן װילד װאָרפן זיך און שאָקלען זיך בײַם דאַװענען. װײַל קאָצק, פלעגט מײַן טאַטע זאָגן, זוכט אינעװײניקדיק פײַער און נישט קײן חיצוניות. אָבער ער איז אַן ערלעכער תמימותדיקער ייִד און אַ גרוי־סער בעל מידות, פלעגט ער צוגעבן. דערפאַר אָבער האָט מײַן מאַמע

שטאַרק געהאַלטן פון דעם היימישן רבין. איך דערמאָן זיך איינעם אַ ווינ־טערדיקן ביינאַכט: איך בין צוריקגעקומען פון חדר. מען האָט מיר גע־גרייט צום טיש. איך האָב פאַרזוכט די קאַשע מיט יויך און אָפּגערוקט דעם טעלער. „וואָס עסטו נישט" — האָט די מאַמע געפרעגט. — „די יויך איז היינט טעם גן־עדן, מיט געגנדזנס געקאָכט". און איידער איך האָב נאָך באַוויזן צו ענטפערן, איז זי שוין געשטאַנען נעבן מיר, געטאַפּט דעם קאָפּ צי איך האָב נישט קיין היץ. „אוי, אַ בראָך איז צו מיר, האָט זי פאַר־בראָכן די הענט, דאָס קינד גליט דאָך אין גאַנצן ווי פייער". צומאָרגנס איז געקומען אַ דאָקטער, געשטופּט אַ לעפל אין האַלדז אַריין, געמאַכט אַן ערנסטע מינע, פאַרשריבן שמירעכצן און אַז עס איז מיר אַלץ נישט בעסער געוואָרן, האָט די מאַמע געהייסן דעם טאַטן בלייבן אין שטוב, ווייל זי גייט צום רבין. פון דעם שמייכל אויף זיין פנים האָב איך אַרויס־געלייענט, אַז דער ענין פון דער מאַמעס גיין צום רבין איז אים נישט אַזוי שטאַרק צום האַרץ. מילא, האָט ער אַ זאָג געטאָן, גיי און פּועל אויס גוטס.

... זיינע טיש־זיצערס און מקורבים זענען געווען פּשוטע ייִדן, בעלי מלאכות, ווייל זעלטן ווען האָט וועלכער ס'איז קאָצקער, גערער אָדער אַלעקסאַנדערער חסיד זיך גענומען די מי צו גיין צום היימישן רבינס טיש, וועלכער פלעגט זיך אָגב ווינטער־צייט פאַרציִען ביז אַ זייגער צוועלף ביינאַכט. מיין טאַטע פלעגט יאָ אַ מאָל אין די ווינטערדיקע פרייטיק־צו־נאַכטסן גיין צו אים, ווייל אַ חוץ אַלעם האָט ער אים געהאַלטן פאַר אַן ערלעכן ייִד אַ בעל מידות און בן קדושים. אַ קליינינקייט דען, וואָס זיין יחוס ציִט זיך פון ייִד הקדוש אָן.

ביים רבינס טיש האָט קיין מאָל חלילה נישט געפעלט סוכער־בער טרעגער, אַ נידעריק־געפּאַקטער ייִד, וואָס האָט אַ גאַנצע וואָך געטראָגן שווערע פּעק, אָפּגעלאָדעוועט פעסער נאַפט און זעק מיט מעל, זאַלץ און צוקער. שטענדיק, ווען ער האָט אָפּגעלאָדעוועט צו אונדז אין שפּייכלער אַריין די פעסער נאַפט וואָס מ'האָט געברענגט פון דער באַן און אַרויפּ־געקומען אין שטוב נאָכן געצאָלטס, פלעגט ער איבערדערציילן דעם טאַטן דעם רבינס תורה פון לעצטן שבת. אויך סראָל לייבעלע שניידער, אַ פרוי־

מער ייִד, וואָס פּלעגט אַרײַנלייגן די שטיקלעך יתור אין די קעשענעס פון די אָפּגעבראַכטע מלבושים, האָט קיין מאָל נישט מטמא געווען זײַן נאָדל בײַ גייען חלילה אַ קורץ מלבוש; אָט דער סראָל־לייבעלע האָט נישט אויס־געפעלט ביים רבינס טיש, נישט פרײַטיק צונאַכטס און נישט שבת בײַ־טאָג, סײַ זומער און סײַ ווינטער. און אוודאי האָט נישט געפעלט זישע יאַנקל־מאירלס, אונדזער שכן, וואָס פלעגט צוויי מאָל אין וואָך, זונטיק און מיטוואָך אויסלאָדעווען אויף זײַן ריזיקן וואָגן קעלבער, קוישן מיט הינער און אייער און זיי געפירט קיין וואַרשע.

אַ טשעקאַוווער ייִד איז געווען אָט דער זישע. יעדן זונטיק און מיט־וואָך פון אַרום אַכט אַ זייגער אינדערפרי ביז אַרום פינף פאַרנאַכט האָט זיך פאַר זישעס שטוב געטאָן חושך. אַ געמעקערײַ פון קעלבער, אַ קוואַ־קערײַ פון הינער, געגנדז, קאַטשקעס און אינדיקעס וואָס מען האָט גע־שטופּט אין די גרויסע קוישן אַרײַן. געוואַלדן, קללות און קריגערײַען פון ווײַבער־אויפקויפערנס, און זישעס געשרייען האָבן איבערגעשריגן אַלץ און אַלעמען.

אָבער פרײַטיק נאָכמיטיק, ווײַבאַלד דער צעוואַקסענער וואָגן, אָנגע־לאָדעוועט מיט כלערליי סחורות איז סקריפּענדיק מיט די שווערע רעדער פאַרפאָרן צו זײַן שטוב, האָט זישע אַלץ איבערגעלאָזט אויף די הענט פון זײַן זון. איז נאָך געווען צייט צו לויפן אין מקוה אַרײַן איז אוודאי גוט געווען. און טאָמער איז שוין געווען שפּעט, האָט ער אויף גיך אַראָפּגע־וואָרפן פון זיך די וואָכעדיקע מלבושים, אָנגעטאָן די אַטלאַסענע קאַפּאָטע מיטן סאַמעטענעם היטל און געלאָפן צום רבין. און געווען נאָך אַ סך אַזעלכע ייִדן. ווער איז אין שטאַנד זיי אַלע אָנצורופן בײַ די נעמען און אויסרעכענען!

זיצנדיק ביים טיש, אין אָנבליק פון רבינס לויטערן פּנים, האָט מען אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די גאַנצע וואָכעדיקייט. געבויגענע פּלייצעס האָבן זיך אויסגעגלײַכט, פּנימער צעאַקערטע פון ווינט, פראָסט און רעגן זענען ווי אויסגעאיידלט געוואָרן און געמיטער פאַראומערטע פון אַ גאַנצער וואָך האָרעוואַניע אין עול פאַר דער ביטערער פּרנסה — זענען צעוואָרעמט

געוואָרן פון דער רוחניות וואָס האָט דאָ געשיינט. זי האָט זיך איינגע־זאַפּט אין זיי און זיך באַהאַפטן מיט זייערע נשמות.

*

גאָר אַ גרויס געשעעניש, וואָס האָט וואָכן לאַנג געהאַלטן די גאַנצע שטאָט ווי אין אַ יום־טוב, איז געווען תמיד ווען דער רבי האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער.

טעכטער זענען ביים רבין געווען דריי. די עלטערע צוויי געדענק איך נישט, ווייל ווען זיי האָבן חתונה געהאַט און אַוועק אין דער פרעמד, בין איך נאָך געווען גאָר יונג. איך דערמאָן מיך בלויז די יינגסטע, וועלכע איך האָב אָפט געזען, ווען איך בין געגאַנגען צוזאַמען אין חדר מיטן רבינס יינגסטן זון און בין דעריבער אָפט אַריינגעקומען צו זיי אין שטוב.

ווי לעבעדיק שווימט אַרויס פאַר מיינע אויגן יענער זומערדיקער נאָכמיטיק, ווען צוליב עפּעס אַ סיבה, האָט דער מלמד אונדז אָפּגעלאָזט פון חדר אַ סך פריער ווי שטענדיק און מיין חבר יאַנקעלע דעם רבינס, האָט מיך פאַרבעטן צו זיי אין סאָד אַריין.

עס איז געווען אַרום פיר אַ זייגער. אַ גליענדיקע תמוז־זון האָט גע־שאָטן מיט פייער. דער גרויסער פוסטער הויף איז געלעגן ווי פאַרשמאַכט און דאָס נידעריקע הויז האָט געדרימלט אין דער נאָכמיטיקדיקער היץ. מיר זענען דורכגעגאַנגען דאָס ליידיקע בית־המדרש, ווו הערשל משמש איז געלעגן אויף אַ באַנק און געדזשימיעט. פון בית המדרש זענען מיר אַריין אין דער שאַפע און פון דאָרט אין סאָד אַריין.

דאָ איז געווען קיל און שאָטנדיק. די שטיקער טיף־בלויער הימל, וואָס האָבן דורכגעריסן די געדיכטע באַבלעטערטע קאַשטאַן־ביימער, האָבן דאָ נישט געברענט מיט דער דרויסנדיקער היץ, נאָר מחיהדיק געגלעט. אויף גיך האָב איך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס כאַלאַטל און מיך אַריינ־געוואָרפן אינעם געדיכטן גראָז אונטער אַ בוים.

אָבער גאָר פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ לויטער זילבערן קולכל: „יאַנקעלע, וואָס עפּעס אַזוי פרי פון חדר?״ פאַר מיר איז געשטאַנען אַ מיידל פון מיטעלן וווקס אָנגעטאָן אין אַ העל זומערדיק קליידל. דאָס

עטוואָס לענגלעכע פּנימל מיט די ראָזע באַקן האָט אין דער האַלב־שאָטנ־דיקייט געלויכטן מיט אַלע זיבן חנען. די אויגן האָבן געקוקט מיט מײלד־קייט און אַ קאָפּ בלאָנדע האָר פאַרפלאָכטן אין אַ דיקן צאָפּ האָט זיך געמיניעט און געגאָלדיקט פון אַ זון־שטראַל, וואָס האָט זיך פאַרגנבעט פון צווישן די ביימער כדי אַ קוש צו געבן די ליכטיקע מיידל־געשטאַלט.

„און ווער איז דאָס יינגעלע?" זי האָט עס געפרעגט און אירע אויגן האָבן מיך געגלעט. „שלמהלע, שימע שוחטס", — האָט יאַנקעלע געענטפערט. — „מיר גייען צוזאַמען אין איין חדר".

„איר האָט היינט נישט קיין חדר?", — איז זי נישט אָפּגעשטאַנען.

„וואָס מאָרדעווועסטו?" — האָט יאַנקעלע זיך שוין געבייזערט — „זעסט דאָך, אַז מיר האָבן נישט קיין חדר".

„זיי נישט אין כעס, יאַנקעלע", האָט זי געשמייכלט — „וואַרטס־צו, קינדער, באַלד וועל איך אייך ברענגען אויבסט צו דערכאַפּן דאָס האַרץ" — און מיט לייכטע טריט האָט זי אַוועקגעשוועבט.

אַ מינוט בין איך געזעסן ווי צעמישט.

— ווער איז דאָס, יאַנקעלע? — האָב איך געפרעגט מיין חבר.

— ווער זאָל דאָס זיין? מיין שוועסטער מלכהלע, — האָט ער אַן התפּעלות געענטפערט.

און דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָב איך במחשבה פאַרראַטן אונ־דזער שכנטעס מיידל יוכבדל. מיין האַרץ האָט געברענט פון קנאה צו יאַנקעלען, וועמען גאָט האָט געשאָנקען אַזאַ שוועסטער. זע, פאַר אים איז עס אַזוי פּשוט און פאַרשטענדלעך.

און אָט גייט אויף אין מיין זכרון יענער זומער פון מלכהלעס חתונה.

עס איז ח ו ד ש א ל ו ל. די טעג גייען אויף און ווערן געבוירן אַזעלכע העלע און ליכטיקע. טיף בלאָע הימלען הענגען איבערן שטעטל. די נעכט זענען טונקל בלאָע און די מיליאָנען שטערן פינקלען מיט קילער העלקייט. זיי אָטעמען שוין מיט אַ הויך פון אָנזאָגנדיקן ווינטער און פראָסט.

עס דערנעענטערן זיך די הייליקע טעג, ס'קומט אָן דער גרויסער יום הדין, ווען יעדן הייבן אָן מאַכן אַ חשבון הנפש.

די בתי מדרשים זענען פון באַגינען אָן געפּאַקט מיט מענטשן וואָס קומען זאָגן סליחות און דאַווענען מיט מנין. דורך די אָפענע פענצטער פון די חסידישע שטיבלעך רייסט זיך פון צייט צו צייט אַרויס דאָס קול פון שופר, וואָס שטיבל־יינגלעך האָבן ערגעץ דערטאַפּט און פּרוּוון מיט אים אויס זייערע כוחות. פון די שוסטער־ און שניידער־וואַרשטאַטן הערט מען היינט נישט די באַקאַנטע לידלעך פון פּאַרלאָזטע כלות אָדער פון טויבאַלע יאָסל דזשבעכטס, וואָס איז אַוועק צום שמד און ווי אַזוי סאַנע שענקער האָט זי אָפּגעראַטעוועט. ניין, היינט רייסן זיך פון דאָרט אַרויס ימים־נוראימדיקע שטיקלעך. צביהלע די פוּיראַטע, וואָס ווייס אַלע שטעג־לעך אויפן „גוטן אָרט״ אַ סך בעסער ווי ביי זיך אין שטוב, די צביהלע איז פאַריאָגט מיטן אַרומפירן ווייבער פון דאָ הי און געקומענע פון דער פרעמד אויף קבר אבות און אברהם דער משגיח פון דער חברה קדישא, דער וואָס גייט פאָרויס יעדער לוויה מיט דער פושקע און רופט — „צדקה תציל ממות״, איז שוין הייזעריק פון מאַכן אל מלא רחמימס.

פון דעסטוועגן הענגט היינט דער פאַרכטיקער חודש אלול מיט אַ סך ווייניקער שווערקייט איבער די געמיטער ווי שטענדיק. ס׳איז דערפאַר, ווייל אַ גרויס געשעעניש האָלט אַלעמען אין פריידיקער דערוואַרטונג. מלכהלע דעם רבינס האָט חתונה היינטיקן חודש.

שוין וואָכן לאַנג קאָכט עס און זידט אין רבינס הויף. ייִדן אויסגע־שמירטע אין וואַפּנע, מיט זעק אַרום די לענדן קאַלעכן און ווייסן ווענט און סופיטן. סטאָליערעס הובלעווען ברעטער, קלאַפּן טשוועקעס, לאַדעווען און פאַרריכטן אויס די שאַפע, גרייטן און שטעלן אויף טישן און בענק פאַרן גרויסן עולם, וואָס וועט זיך צונויפקומען און אָנפאָרן צו דער חתונה. רחלע די וועש־נייטאָרן און רבקהלע די קליידער־שניידערן האָבן נאָך מיט וואָכן צוריק אַריבערגעבראַכט זייערע ניי־מאַשינען, פּרעס־אייזנס, שער־לעך און טישן צום רבין אין הויף אַריין. שטייען ביידע מייסטערנס, פרוּ־מע ווייבלעך מיט קופּקעלעך אויף די געגאָלטע קעפּ איבער שטיקער הייגצלס ווייסע לייוונט, איבער „סאַטין דע ליאָן״, צייכענען, מעסטן און רייסן שטיקער פון דעם טייערן שטאָף און זייד. מיידלעך שטעפּן אויף מאַשינען, נייען מיט דער האַנט און גרייטן צו מלכהלעס וויפּראַווע.

עטלעכע טעג פאַר דער חתונה האָט מען אָנגעהויבן צו ברענגען קאַ־שיקעס מיט לעבעדיקע פיש, וואָס מען האָט אַריינגעלאָזט אין גרויסע פע־סער מיט וואַסער. גאַנצע מחנות מיט היגער, קאַטשקעס און אינדיקעס האָבן פאַרהילכט דעם הויף מיט זייער קוואַקעריי. ווייבער זענען געשטאַ־נען איבער גרויסע מולטערס און געקנעטן דאָס קאַלישער מעל פון פיר זערעס, וואָס איז אונטער זייערע געשיקטע הענט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געל טייג און ס'האָט געשמעקט מיט מאָן און זאַפרען. פון דער גרוי־סער קיך און פונעם באַק־אויוון זעצט אַ היץ. מען האַקט פיש און מען פליקט עופות און איבער אַלע קעכינס קעניגט דאָ די גרויסע בריה טעמע־לע, אַ קליין ווייבעלע מיט צוויי לעבעדיקע אויגן, וואָס קוקן, זוכן און היטן אין אַלע זייטן. די רביצן לויפט פון איינער צו דער צווייטער, כאַפּט אַ בליק, פרעגט צי עס פעלט גאָרנישט. זי מוז נאָך אין גאַנצן רעש און געפּילדער אויסהערן די ווינטשעוואַניעס פון די אָן אַ שיעור ווייבער, וואָס האַלטן אין איין אָנקומען ווינטשן מזל־טוב און פרעגן צי דאַרף מען נישט אַ מאָל זייער מיטהילף.

*

און אויפן הויף מושטירט זיך די גוואַרדיע.

עס איז שוין אַן אַלטער מינהג אין רבינס הויז: ביי דער חתונה פון אַ טאָכטער זאָלן אַ דריי מנינים ייִדן זיך פאַרשטעלן פאַר זעלנער און אָט דער רעגימענט איז די לייב־וואַך פונעם חתן די גאַנצע שבעת ימי המשתה.

פאַר מיר, דעמאָלט אַ ייִנגל פון אַ יאָר צען, זענען די טעג ערב מלכהלעס חתונה געווען פול מיט רייץ. קודם כל בין איך געווען כמעט פריי פון חדר. אונדזער רבי לאָזער שניצער, איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע מחותנים. ווייל ערשטנס איז ער געווען דער, וואָס האָט צוגעגרייט עפּעס אַ וואַזשנע קונציקע לאַמטער פון אָן אַ שיעור קאָלירן. די לאַמטער האָט באַדאַרפט הענגען אין שיל־הויף ווען מען וועט שטעלן די חופה. צווייטנס, איז ער האַלבע טעג און גאַנצע נעכט געווען פאַרנומען מיט אויפשרייבן אַ לאַנגן שיר אין גראַמען האַלב אין ייִדיש און האַלב אין לשון קודש, וואָס ער וועט זאָגן ביי דער חופה־וויעטשערע. שוין מיט

אַכט טעג פאַר דער חתונה, פלעגט ער אונדז נאָכמיטיק באַפרייען פון חדר און איך בין געלאָפן צום רבינס הויף און איינגעזאַפּט אין זיך דעם פריי־דיקן טומל וואָס האָט דאָ אויסגעפּולט יעדעס ווינקל, און (אַ חרפה צו דערציילן) כדי צו כאַפּן אַ בליק אויף דער כלה, וועמענס ליכטיקע געשטאַלט עס האָט זיך אַריינגעריסן אין מיין האַרץ זינט יענעם נאָכמיטיק, ווען כ׳האָב זי צום ערשטן מאָל געזען אין רבינס סאָד.

דער טאָג איז אויפגעגאַנגען אַ לויטערער און ווי אַן אויסגעוואַשע־נער פון די ליכטיקע פרימאָרגן־שטראַלן, וואָס האָבן אַ גאַנצע נאַכט אים געהאַלטן אין איין אויספּוצן צום גרויסן יום־טוב פון מלכהלעס חתונה.

איך האָב זיך אויף גיך אָנגעטאָן, אָפּגעדאַוונט און אַרויסגעלאָפן אין גאַס אַריין.

אַ לויטערקייט איז געהאָנגען איבער דער וועלט, ווי אויסגעצוואָגענע אין יונגן פרימאָרגן זענען געשטאַנען די הייזלעך עפּעס אַזעלכע פרישע און יום־טובדיקע. פון די דעכער אַראָפּ האָבן מחנות פייגעלעך מיט אַ פריי־לעך טרעלן דערציילט דער גאַנצער וועלט, אַז מלכהלע דעם רבינס האָט היינט חתונה.

נאָכמיטיק, צום רבינס הויף האַלטן אין איין אָנקומען פורלעך גע־שפּאַנטע אין איינס אָדער אין צוויי פערד. באַזעצט זענען די וועגעלעך מיט מענטשן ווי פליגן. דאָס קומען אָן די חסידים פון די נאָענטע שטעט־לעך, סטאָצק, ריקע, יאַדאָמאָוו, מאַטשעוויץ, לאַסקעראָוו, געניוועשאָוו און סאָבעלאָוו. עס פאַרפאָרן מיט געסט אויך אַלע פורלעך פון די שטאָ־טישע באַלעגאָלעס, וואָס האָבן היינט אין ערגעץ קיין יאַזדעס נישט גע־מאַכט, כדי צו קענען אָנטקעגן פאָרן דעם חתן. אַלע קעסט איידעמלעך, אַלע עלטערע שטיבל יינגלעך, אויסגעפּוצט אין געהאַקטע קאַפּאָטקעלעך און עלעפּאַגענע כאַלאַטלעך וואַרטן שוין אויפן „הויף״. און אָט הייבט זיך אָן זיך אויסשטעלן די גוואַרדיע.

מיט סכנת נפשות, מיט עלנבויגנס וואָס שניידן ווי מיט וויעסלעס די ענגשאַפט פון די אַרומשטייענדיקע, קריג איך מיך צו נעענטער, כדי צו זען בעסער און הערן.

ביי אַ דריי מנינים ייִדן, אָנגעטאָן אין געלע הויזן מיט רויטע לאָמ־

פאָסן, בלאָע רעקלעך און גרינע היטלען מיט לעדערנע דאַשקעס, מיט שווערדן ביי דער זייט, שטייען אויסגעשטעלט אין שורות. יצחק שלמהלע, אַ נידעריקער מיט אַ שוואַרץ בערדל זיצט רייטנדיק אויף אַ פערד. זיין מונדיר איז באַהאָנגען מיט בלישטשנדיקע מעדאַלן אין די שליפעס פונעם מונדיר זענען פון סאַמע גאָלד. קוים מיט צרות באַווייזט ער קוים אינעם טומל און אין דער ענגשאַפט איינצושטעלן זיין רעגימענט. איך כאַפּ אַ בליק אויף די פאַרשטעלטע און ס'ווילט זיך אויסשרייען: אַלץ היימישע און באַקאַנטע. אָט איז לייבאלע בייגל־בעקער, אַ ייִד מיט פאַרשלאָפענע אויגן, ביי וועמען עס וואַקסט כמעט נישט קיין באָרד. ער שטייט אין דער ריי און ווי מיר דאַכט, אַז ער כאַפּט אויך איצט אַ דרימל; אָט איז מאיר לאָפּאַטע, סוכער־בער דער טרעגער, זישע יאַנקל־מאירלס און נאָך, און נאָך, אַלץ באַקאַנטע און היימישע. אחת, שתיים, שלוש, ימינה — הערט זיך יצחק שלמהלעס קוויטשנדיק קולכל. ווי פרומע ייִדן וועלן זיי חלילה נישט מאַרשירן לינקס, און די גאַנצע גוואַרדיע לאָזט זיך אַרויס פונעם הויף, זי וועט דורכגיין מיט פּאַראַד די גאַנצע שטאָט ביז נאָך דער בריק. דאָרט ערשט וועלן זיי אויפזיצן אויף די פורן און אַנטקעגנפאָרן דעם חתן.

אויך עטלעכע גויִים האָבן דאָ פאַרבלאָנדזשעט און ראַשקיעוויטש דער בעדנאַר, דער שונא ישראל, מאַכט אַפילו חוזק פון דעם ייִדישן וואָיסק, וואָס קען, לויט אים, אַפילו קיין לייטישן טריט נישט שטעלן און איז נישט אין שטאַנד צומאָל די „לאַזשניע" (די באָד) צו שטורעמען. אָבער מיר האָבן אים טיף אין דער ערד, דעם פּיאַניצע וואָס וואַלגערט זיך גאַנצע טעג אין די רינשטאָקן, און ווען ער שיכורט זיך אָן, שלאָגט ער ס'וויב און דעם הונט זיינעם און די געוואַלדן גייען ביז אונטערן הימל. איז ער דען אַפילו איין איינציקע שעה פון זיין טמא לעבן מסוגל אויפצונעמען די פרייד, מיט וועלכער עס אָטעמט אַ שטאָט מיט ייִדן אין טאָג פון זייער גרויסער שמחה?

— — — — — — — — — — — — — —

אַ גאַנצע נאַכט איז דעם רבינס הויף פול געווען מיט מענטשן, און ווען די קאַפּעליע מיט פראַיִם־מנשהן אין דער שפּיץ האָבן נאָך דער חופּה געגעבן אַ שפּיל אויף דעם חופּה־מאַרש און פון טויזנטער ברוסטן האָט זיך

אַרויסגעריסן אַ הילכיקער, פריילעכער מזל־טוב, — האָט זיך אין מיין קינדערשער ברוסט פלוצלינג פאַרגנבעט אַ שטיל נאָגנדיקער טרויער.

איז עס געווען דערפאַר וואָס מלכהלע איז שוין געוואָרן אַ ווייבל, אַן אשת איש, וועגן וועלכער מען טאָר אַפילו נישט קיין טראַכט געבן? איז עס אפשר געווען דערפאַר, וואָס פראָים־מנשהס פידעלע האָט אַפילו ביי די פריילעכסטע שטיקלעך אויסגעוויינט טרויעריקע טענער? און אפשר איז עס געווען די שטים פון מיין אונטערבאַוווסטזיין וואָס האָט אין די טיפענישן פון מיין קינדיש לעבן נבואות געזאָגט, אַז אָט די רבישע חתונה איז די לעצטע, וואָס איך זע. אָט דאָס איז דער סוף פון אַ טויזנט־יאָריק איינגעוואָרצלטן לעבן, וואָס וועט מיט יאָרן שפּעטער אַזוי אכזריותדיק פאַרשניטן ווערן?

4

מלמדים

מיט אַ סך פאַרביטערטקייט האָט מען אין אונדזער ליטעראַטור געשריבן וועגן דעם אַלטן ייִדישן חדר. עס איז גוט באַקאַנט דאָס ווערטל: אַז אַ ייִד אַ בטלן און שלימזל האָט זיך צו גאָר נישט אויסגעטויגט, איז ער געוואָרן „אַ פּעדאַגאָג" — אַ מלמד וואָס האָט דערצויגן ייִדישע קינדער. זיכער איז פאַראַן אין דעם אַ סך אמת. זיכער זענען צווישן די מלמדים געווען אַן אַ שיעור מענטשן וואָס האָבן זיך נישט אויסגעטויגט צו דער אחריותדיקער זאַך פון מחנך זיין דעם יונגן ייִדישן דור. אָבער ווען אין מיין זכרון הייבן אָן אויפלעבן די געשטאַלטן פון די עטלעכע מלמדים — ביז דער ישיבה, — ביי וועמען עס זענען אַריבער די זיבן אָדער אַכט יאָר פון מיין קינדהייט, דערמאָן איך זיי נישט מיט קיין פאַרביטערטקייט. אדרבא, זיי גייען אויף אין מיין זכרון ווי מענטשן אינטערעסאַנטע, מיט אייגענעם כאַראַקטער, וואָס האָבן זיך באַמיט — יעדער לויט זיינע מעגלעכקייטן — גייסטיק אויסצופורעמען די ייִנגלעך וואָס מען האָט זיי אָנפאַרטרויט. קיין שום פאַרביטערונג קעגן אָט די מענטשן האָב איך נישט מיטגעטראָגן מיט זיך אין דעם זיג־זאַגישן לעבנס־וועג מיינעם — פון דעם היימיש־וואַרעמען שטעטל זשעלעכאָוו ביז דעם קאַלט־באַרגיקן באָגאָטאַ, וווהין איך בין פאַרוואָרפן געוואָרן.

דער ערשטער רבי מיינער, בצלאל מלמד, צו וועמען מען האָט מיך אָפּגעגעבן, ווען איך בין נאָך קיין גאַנצע פיר יאָר נישט אַלט געווען, איז געווען אַ שטילער גוטמוטיקער ייִד מיט אַ געדיכט־שפּעדיקער באָרד וואָס האָט אַרומגענומען זיין פול פּנים. דעם ערשטן טאָג פון מיין אָנקומען צו אים אין חדר, האָב איך מיך געשראָקן פאַר אָט דעם פרעמדן ייִד מיט דער געדיכטער באָרד. איך האָב מיך שטאַרק צעוויינט און געוואָלט אַהיימגיין.

אָבער דער רבי האָט מיך איינגענומען נישט מיט קיין געשריי און נישט מיט קיין געבייזער. אויף וויפל איך בין אין שטאַנד נאָך אַזוי פיל יאָרן צו געדענקען, דערמאָן איך מיך זיינע ווערטער:

— אַז לעולם האָט ער גאָר נישט אָקעגן דעם אַז איך זאָל אַהיימגיין. אָבער, — האָט ער געגלעט זיין לאַנגע באָרד, — זאָג מיר, וואָס וועט זיין דער תכלית? דו ווילסט דאָך זיכער נישט בלייבן אַ ווילדער גאַסן־יונג וואָס קען חלילה נישט לערנען. און אויב אַזוי, האָט ער ווייטער גע־טענהט, מוזסטו דאָך אָנהייבן. דאָס מאָל מוז דאָך זיין אַ מאָל. און, אַז אַ יינגעלע לערנט זיך אויס דאַווענען, לערנט ער שפּעטער חומש מיט רש״י, דערנאָך, גמרא מיט תוספות, פּוסקים, ש״ך, יורה דעה און מיט גאָטס הילף קען ער אויך ווערן אַ רב.

אַזוי האָט מיין ערשטער מלמד איינגעטענהט מיט מיר. און כאָטש דעם פיר יאָריקן בחור איז קנאַפּ־וואָס אָנגעגאַנגען דער תכלית פון אויס־וואַקסן אַ ייִד אַ למדן און ווערן אַ רב, האָט אים נישט אַזוי שטאַרק גע־לאָקט, אָבער די וואַרעמקייט און האַרציקייט פון דעם ייִדס ווייכער שטימע האָבן געטראָפן אינעם קינדישן האַרץ. דאָס שמועסן פון דעם עלטערן מיטן קינד ווי מיט זיינס גלייכן האָבן געוועקט צוטרוי און איך בין געבליבן.

ביי אָט דעם מלמד האָב איך מיך אויסגעלערנט דאַווענען, אָנגעהויבן חומש און אויך אַריין אין דער גמרא. ביז היינט צו טאָג וואַרעמען מיין נשמה די האַרציקע טענער פון דעם „ואני״, און „איך יעקב האָב צו דיין מוטער נישט אַזוי געטאָן״. און זיכער וועלן שוין אויף אייביק פאַרבלייבן אין מיין נשמה די שאַלנדיקע טענער פון אקדמות, וואָס אָט דער אַלט־מאָדישער ייִד האָט געוווסט אויף אייביק איינצוואָרצלען אין מיין געמיט.

אַ שטאַרק ערלעכער ייִד איז געווען אָט דער בצלאל מלמד. מיטן גאַנצן האַרץ האָט ער געוואָלט די קינדער זאָלן איבערנעמען און איינזאַפּן אין זיך דאָס וואָס ער האָט זיי געלערנט. איך דערמאָן מיך נישט קיין קאַנטשיק, קיין שלאָגן און אוודאי נישט קיין שמייסן. און טאָמער האָט זיך געטראָפן אַ ייִנגל, וואָס האָט בשום אופן נישט געוואָלט, אָדער נישט געקענט פאַרנעמען דאָס לערנען, פלעגט ער שיקן רופן, אָדער אַליין אַרי־בערגיין צו די עלטערן און בעטן מען זאָל דאָס קינד אַרויסנעמען פון חדר.

„איך וויל נישט אומזיסט קײן געלט, איך טויג מיך נישט אויס דערצו", האָט זײן ווייך קול ווי געבעטן זיך, „אפשר גרשון מאַנעלע, וועלכער קען אויפהייבן אַ האַנט" (אגב איז אָט דער גרשון מאַנעלע געווען באַקאַנט ווי אַ ייִד אַ רוצח, וואָס האָט געשלאָגן מכות רצח די קינדער).

זײן ווײב, טויבעלע די רביצן, אַ קלײנטשיק ייִדענעלע מיט אַ ריזי־קער קופּקע אויפן געגאָלטן קאָפּ איז אויך געווען אַזאַ שטילע און גוטע נשמה. ווינטער, צווישן מנחה ומעריב, ווען דער רבי פלעגט גײן אין בית המדרש אַרײן, פלעגן מיר קינדער זיך צונויפנעמען אַרום איר. דער לאָמפּ איז געווען אַרײנגעדרײט, כדי נישט אויסצוברענען קײן סך נאַפט. שאָטנס האָבן געטאַנצט אין די ווינקלען און אויף די ווענט פון דער גרויסער פּיר־עקיקער שטוב. דורך די פענצטער האָבן זיך געצייכנט די טורעמס פון אַנט־קעגנאיבערדיקן קאַשטשאָל און די טונקעלע קעפּ פון די ביימער אין גלחס סאַד. די רביצן האָט אונדז דערציילט וווּנדערלעכע מעשיות.

— הערטזשע זיך אײַן, קינדער, — האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ זינ־גענדיק קול, — און אַז עס איז געקומען די צײַט, ווען משה רבינו, זײַן זכות זאָל אונדז בײַשטיין, האָט באַדאַרפן אָפּגעבן זײַן הייליקע און כשרע נשמה, — איז מיט טרויער שוין אָפּגעגאַנגען איר זינגעוודיקייט און זי האָט איבערדערציילט די מעשה פון נשיקת משה. איך זיץ און ציטער פון אויפרעגונג. וועלן אפשר די ימים אויספּועלן רחמים ביים רבונו של עולם? אָט זענען שוין אויך געקומען די בערג זיך אײַנשטעלן פאַר דעם צדיק, אַלע טײַכן, פעלדער און וועלדער. אָבער ניין, עס איז נישטאָ קײן אַנטלויפן, קײן אויסבאַהאַלטן און אַנטרינונג פאַר דעם אומפאַרמײַדלעכן און משה רבינו הויכט אויס זײַן הייליקן אָטעם בנשיקה, וואָס דער רבונו של עולם אַליין פרעסט אָפּ אויף זײַנע ליפּן — — —

עס עפנט זיך די טיר, דער רבי איז שוין דאָ צוריק פון בית המדרש. ער דרייט אַרויף דעם לאָמפּ, די שאָטנס פאַרשווינדן און מיר דערוואַכן ווי אַרויסגעריסענע פון דער לעגענדאַרער וועלט, וווּ מיר האָבן פאַרבראַכט.

צו די ייִנגלעך, ביי וועלכע ער האָט געזען אַ פּעולה אין לערנען, איז זײַן דרך געווען ווי פון אַ טאַטן צו אײגענע קינדער. איך געדענק דעם ווינטער, ווען איך האָב אָנגעהויבן בײַ אים לערנען גמרא. בין איך עפּעס

נישט געזונט געוואָרן און גאַנצע צוויי וואָכן נישט געקענט גיין אין חדר, פלעגט ער יעדן אָוונט, נאָכן אָפּפּאַרטיקן זיך מיטן חדר, קומען צו אונדז אין שטוב אָפּלערנען מיט מיר. מיר האָבן געלערנט: שניים אוחזין בטלית. און אַז ער איז איינע אַ נאַכט נישט געקומען, צוליב אַ גרויסער זאַוויע־רוכע — האָב איך פּשוט געבענקט נאָך רבי בצלאל. ביי יעדן טריט, וואָס כ׳האָב געהערט אויף די טרעפּ, האָב איך אויפגעצאַפּלט אין פריידיקער דער־וואַרטונג. ווייל זיין קומען איז נישט געווען אַזוי ווי פון איינעם וואָס מוז אָפּצאָלן אַ חוב. „וואָס מאַכסטו, שלמהלע?״ איז געווען די ערשטע פראַגע, און נאָך דעם ווי די מאַמע האָט אים מכבד געווען מיט טיי, פלעגט ער מיט האַרציקייט מיך ווידער פרעגן: „נו, פילסטו דיך היינט בכוח צו לערנען אַ שטיקל גמרא?״ — „אַוודאי, רבי״, האָב איך געצאַפּלט מיט פרייד, און מיר האָבן געעפנט דאָס קליינע גמראלע בבא מציעאָ וואָס דער טאַטע האָט פאַר מיר געקויפט און עס האָט זיך פון דעם נאָך געטראָגן דער ריח פון פאַפּ. מיט גלוסטונג האָבן מיר געלערנט די מעשה פון צוויי יידן וואָס רייסן און שלעפּן בייביידע עקן פון אַ טלית, יעדער איינער פון זיי שרייט, אַז דער טלית איז אין גאַנצן זיינער...

יאָ, אַן פאַרביטערונג דערמאָן איך אָט דעם ווילן ייד, צו וועמען איך האָב מיך פּשוט צוגעבונדן. ווען עס איז געקומען די צייט אריבער־צוגיין אין אַן אַנדער חדר, האָט אַ מאָדנער טרויער געגאַגט מיין האַרץ פון בענקשאַפט צום אַלטן רבין. מיט אַ ציטער בין איך אַנטקעגן געגאַנגען דאָס נייע און אומבאַקאַנטע.

*

מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ, וואָס אָט האָט ער אַ בליאַסק גע־טאָן און תיכף זיך פאַרלאָשן, — טראָגט זיך פאַר מיר פאַרביי די גע־שטאַלט פון מיין צווייטן מלמד יאַנקל שלמה מאַנישס. דאָס איז געווען אַ יונגער מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, אַ הויכער, אַ שלאַנקער מיט אַ שיטער בלאָנד בערדל וואָס האָט באַזיימט זיין אויסגעבלייכט, איידל פנים. דער טאַטע זיינער, שלמה מאַניש איז געווען אַ פּראָסטער ייד אַ בעקער, וואָס האָט געדאַוונט אין קאַצקער שטיבל. יאַנקל איז געווען אַ

בחור אַן עילוי און ייִדן חסידים לומדים האָבן זיך געצאַצקעט מיט אים, ווײַל ער איז געשוווּמען אינעם ים־התלמוד ווי אַ פיש אין וואַסער. ביז עס איז געקומען אַ ייִד פון אַ שכנותדיק שטעטל, צוגעזאָגט גאַנצע בערג מיט גליקן און אַרײַנגעכאַפּט יאַנקלען פאַר אַן אײדעם. אײדער וואָס־ווען איז געקומען אַ קינד און אַ צווייטס, און אײדער דער יונגער מאַן האָט זיך אומגעקוקט, — האָט ער זיך דערזען אײַנגעשפּאַנט אינעם יאָך פון אַ ווײַב מיט צווײ קינדער בײַ אַ שווער אַן אביון.

יאַנקל שלמה מאַנישס איז צוריקגעקומען קיין זשעלעכאָוו און חסי־דים האָבן אים צונויפגעשטעלט אַ מלומדות. און כאָטש איך האָב גוט גע־קענט יאַנקלען ווי אַ היימישן מענטש, וואָס איז בחורווײַז אָפט אַרײַנ־געקומען צו אונדז אין שטוב, בין איך פון דעסטוועגן געווען פול מיט אומרו און אויך מיט אַ ביסל שרעק פאַר דעם נײַעם רבין, צו וועלכן מ׳האָט מיך אָפּגעגעבן.

עס איז געווען נאָך סוכות. דער טאָג איז געווען אַ טריבער, אַ שטע־כעדיק האַרבסט־רעגנדל האָט געקאַפּעט פון די בלײַערנע הימלען. ווען דער טאַטע האָט מיך געוועקט, בין איך שוין פון אַ גוטער ווײַל געלעגן וואַך. עפּעס אַ טרויער האָט גענאָגט מײַן קינדיש געמיט. אמת, איך האָב יאַנק־לען גוט געקענט, אָבער ער איז, דאַכט זיך, נישט דער אײגענער גוטמו־טיקער, פרײלעכער וואָס אַ מאָל. עפּעס איז ער געוואָרן ערנסטער און פאַרטראַכטער. אַ בערדל נעמט אַרום זײַן פּנים וואָס איז הײַנט ווי אויס־געבלײכט און פון די אויגן קוקט אַרויס אַ יאוש. אויף מײַן „גוט מאָרגן״ האָט מיר געענטפערט אַ יונג ווײַבל מיט טרויעריקע אויגן. איך בין גע־ווען דער ערשטער צו קומען אין חדר. באַלד איז אַרײַנגעקומען דער נײַער רבי. „גוט מאָרגן, שלמהלע״, האָט ער מיך באַגריסט מיט אַ ווײכער, טרויער־אָנגעזאָפּטער שטימע — „גוט, וואָס דו ביסט געקומען אַ ביסל פרי־ער. זעץ דיך, האָסט שוין געגעסן אָנבײסן?״ און אײדער איך האָב צײַט געהאַט צו ענטפערן „יאָ, רבי״, האָט ער אַ זאָג געטאָן צום יונגן ווײַבל: „חיהּ, גיס אָן אַ גלאָז קאַווע פאַר מײַן ערשטן תלמיד״.

— דער טאַטע דײַנער, — האָט ער זיך שוין צוגעזעצט צו מיר, — האָט מיר דערצײלט, אַז דו האָסט נישט קײן שלעכט קעפּל. דאָס איז טאַקע

גוט, אָבער — האָט ער געצופּט דאָס בלאָנדע בערדל — מען דאַרף אויך האָבן אַ ווילן. זיין אַ מתמיד איז אפשר אַ גרעסערע מדרגה ווי צו האָבן אַ גוטן קאָפּ, ווייל תורה איז מען קונה נאָר דורך שווערער אַרבעט און דורך יסורים, — האָט ער אָפּגעזיפצט. אַ מינוט איז געוואָרן שטאַרק שטיל. אַ שווערער אומעט האָט מיך אַרומגענומען. די תורה וואָס איך דאַרף איינ־האַנדלען ביים נייעם רבין דורך שווערער האָרעוואַניע און דורך יסורים, האָט מיך געשראָקן און זיך געלייגט ווי בליי אויף מיין געמיט. באַלד האָט ער ווידער אָנגעהויבן:

— הער מיך אויס, שלמהלע. עס איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן וואָס איך בין אַ מלמד. יונגע יינגלעך זענען בטבע שטיפערס. און מיר איז פרעמד די מלאכה פון שרייען, בייזערן זיך און אוודאי בין איך ווייט פון שלאָגן אַ יינגל. וואָלט איך זייער און זייער געוואָלט דו זאָלסט פאַרשטיין מיין לאַגע. — דאָ האָט זיך פון זיין ברוסט אַרויסגעריסן אַ שטאַרקער און טרוקענער הוסט. ער האָט שווער אָפּגעזיפצט. איך האָב געשוויגן. אַלץ אין מיר איז געווען פול מיט רחמנות צו דעם בלאַסן יונגן מאַן און צום צעשראָקענעם ווייבל, וועלכע איז באַלד אונטערגעלאָפן מיט אַ גלאָז הייסע מילך. אין האַרץ האָב איך מיר געגעבן אַ שבועה זיך אויפ־צופירן אויפן בעסטן אופן אינעם נייעם חדר.

לייכט, ממש שוועבנדיק איז פאַרבייגעפלויגן יענער ווינטער. אפשר דערפאַר, ווייל מיר זענען נישט געווען מער ווי זיבן יינגלעך, אַלע פיל ווייניק מיט די זעלבע פעיקייטן. איך דערמאָן מיך נישט קיין געשרייען, קיין בייזערן זיך און אפשר דערפאַר וואָס דער רבי אונדזערער פלעגט זיך אָפּט אַ כאַפּ טאָן ביי דער ברוסט, פון וואַנען עס האָט זיך אַרויסגעריסן אַ שווערער, טרוקענער הוסט און אויפן בלאַסן פנים האָט זיך צעלייגט אַ ווייטיק־גרימאַסע, — אפשר צוליב דעם האָבן מיר זיך באַמיט צו לערנען מיט קאָפּ כדי אים נישט צו פאַרשאַפן קיין צער. זיכער איז עס אויך גע־ווען דערפאַר, וואָס יאַנקל האָט געלערנט מיט אונדז נישט ווי אַ רבי מיט תלמידים, נאָר ווי אַ גלייכער מיט גלייכע.

עס טרעפט זיך: מיר זיצן ביי דער גמרא. זיין ווייך קול צעטראָגט זיך איבערן מיט ריינקייט פעכלדיקן אַלקער. דאָס ווייבל זיצט אַן דער

זייט און שטריקט אַ זאָק אָדער טוט אַ צווייטע שטוב־אַרבעט. זיבן קינ־דערשע שטימעלעך קלינגען מיט חשק און ברען. דער רבי האָט געגעבן דעם טאָן, אונדז אַריינגעוואָרפן אין די שטורמישע וואַסערן, אָבער ער האָט אונדז אויף קיין איינציקער מינוט נישט איבערגעלאָזט אַליין אין די טיפע וואַסערן. מיט אַ וואַכזאַם אויג היט ער אונדז אין דעם שווערן וועג. און אַז האָט אַ שטאַרקע כוואַליע זיך געגעבן אַ הייב אויף און אונדז פֿאַרהאַלטן. ווערן די קינדערשע קולעכלעך שוואַכער, די אָרעמס שלאַבעריקער אין גער־ראַנגל מיט דעם צעשטורעמטן ים פֿון תלמוד. „אַ שווערער ענין, שמייכלט אונדזער רבי, לאָמיר כאַפּן אַ בליק, קינדער, און לאָמיר אָנהייבן פֿון דאָס ניי״. הייבן מיר אָן נאָך אַ מאָל. די קינדערשע שטערנס קנייטשן זיך, די מוחות שטרענגען זיך אָן אין געשפּאַנטקייט און כמעט שטענדיק געלינגט אונדז דורכצוברעכן די האַרבע מויער און דורכצושווימען די שטורמישע כוואַליע, וועלכע האָט אונדז אויף אַ ווייל פֿאַרשטעלט דעם וועג. דער רבי האָט אונדז אַ שפּאַר ביסל אַרויסגעהאָלפֿן, אָבער בלויז מיט אַ ווונק, מיט אַ האַלב וואָרט. און שטענדיק באַמיט ער זיך צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז אין אמתן האָט ער גאָר נישט געטאָן, אַז דאָס אַלץ האָבן מיר גובר געווען מיט די אייגענע כוחות. וואָס פֿאַר אַ פֿרייד עס ברויזט דעמאָלט אין די קינדערשע הערצער! און ער שמייכלט: „האַ, זעט איר שוין? דער ענין איז לעולם אַ זייער גרינגער. מיט אַ קליין ביסל גוטן ווילן און מיט אַ ביסל חשק האָט איר אַליין, אָן שום אויסטייטשונג אַלץ פֿאַרשטאַנען״.

מיט דעם ווינטער איז אויך פֿאַרבונדן איינע פֿון די שענסטע דערינע־רונגען פֿון מיינע יונגע יאָרן. עס איז געווען אַ דאָנערשטיק ביינאַכט, ד״ה יענע נאַכט פֿון סוף־וואָך, ווען די יינגלעך אין די חדרים חזרן־איין דעם שיעור פֿון דער וואָך. דער דרויסן איז געווען אַ הינטישער. אַ געדיכטע שניי־זאַווערוכע האָט פֿון פֿאַרנאַכט אָן געבושעוועט מיט שטורעם און בייזקייט. אין דעם שמאָלן לענגלעכן אַלקער איז איצט וואַרעם, ליכטיק און געמיטלעך. בלויז פֿון צייט צו צייט האָט זיך פֿון דרויסן אַריינגעריסן דאָס בייזע וואָיען פֿון ווינט. „נו, שלמהלע, זאָגט דער רבי, נעם די גמרא און זאָג איבער דעם שיעור״. מיט אַ גרינג געמיט, ווייל איך האָב גוט געקענט דעם שיעור, האָב איך געעפֿנט די גמרא און אָנגעהויבן זאָגן, צו

ערשט שטיל, רויק און געלאַסן. באַלד האָב איך מיך צעוואַרעמט. מיט זיכערקייט האָט געקלונגען מיין קול און לייכט ווי אַ פישל בין איך געשווומען אין דער שווערער סוגיא. ווען איך האָב שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיקן, האָט אומגעריכט זיך געעפנט די טיר און עס איז אַריינגעקומען מיין טאַטע. מיט אַ פריילעכן „גוטן אָוונט", האָט ער אָפּגעשאָקלט פון זיך דעם שניי, מיט וואָס ער איז געווען אין גאַנצן באַשאָטן. „וואָס עפּעס, טאַטע?" — האָב איך געפרעגט. „גאָר נישט, האָט ער געשמייכלט, איך בין פּונקט פאַרבייגעגאַנגען, אין דרויסן איז אַזאַ וועטער, האָב איך אָפּגעטרעטן דיך אַהיימצונעמען". אין גאַנצן איז ער געווען באַלעבט פון אַ פרישקייט, ר'איז געווען צעשטראַלט און זיינע אויגן האָבן געשפּריצט מיט נחת. ער איז נאָך אונטערגעזעסן אַ ווייל און ווען מיר זענען אַהיימגעגאַנגען, האָט פון זיין האַנט, מיט וועלכער ער האָט פעסט געהאַלטן מיינע, געשלאָגן אַזאַ וואַרעמקייט אַזש זי האָט זיך צעגאָסן איבער מיין גאַנץ לייב.

יענער אויפדערנאַכט איז מיר געווען אַ גרויסע פרייד — כ'האָב געשפּירט דעם טאַטנס ליבשאַפט.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב מיך פאַרנומען אויף גאָר אַנדערע דרכים, וואָס האָבן מיין טאַטן פאַרשאַפט צער און עגמת נפש, האָב איך זיך דערוווסט פון וואַנען עס האָט געקוואָלן פון אים אַזויפיל פרייד און וואַרעמקייט יענעם דאַנערשטיק ביינאַכט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן: אין יענעם אָוונט, ווען ער איז פּלוצלינג געקומען נאָך מיר, האָט ער הינטער דער טיר מיך דערהערט זאָגן דעם שעור. מיין זיכערקייט און דאָס קלינגענדיקע קול פון דעם זיבן יעריקן זון זיינעם, וואָס איז מיט דרייסטקייט געשווומען איבער די שטורמישע וואַסערן פון דער תורה, האָט אים אַזוי פאַרכאַפּט, אַז ער איז געבליבן שטיין הינטער דער טיר און זיך איינגעהערט. „גאַנץ פּשוט, — האָט ער מיט צער און בענקשאַפט מודה געווען, איך האָב דעמאָלט מורא געהאַט פאַר אַן עין הרע. יאָ, האָט ער אַ קרעכץ געטאָן, עס האָט געקענט עפּעס אַרויסקומען פון דיר. און וואָס איז געוואָרן פון דיר?" — און ער האָט ווידער טיף אָפּגעזיפצט. אמת, טאַטע, וואָס איז טאַקע געוואָרן פון מיר אין דער ווייטער, קאַלטער פרעמד?

...און מן הסתם וואָלטן נאָך אַ פּאָר פון מיינע קינדער־יאָרן פאַר־

פלאָסן אונטער דער השגחה פון דעם נײַעם מלמד מײַנעם. וואָרן עס איז אין גאַנצן נישט געווען קײן רײד מיך אָפּצוגעבן אין אַ צווײטן חדר. די טאַטעס זענען געווען צופרידן און צום נײַעם זמן זענען אַלע תלמידים פאַרבליבן אויף ווײַטער לערנען בײַ ר׳ יאַנקלען. אָבער שוין דרײַ וואָכן נאָך פּסח, ווען איך בין אין אַ פרימאָרגן געקומען אין חדר אַרײַן, האָב איך געטראָפן דעם רבין ליגן אין בעט. איך בין געבליבן דערשטוינט, ווײַל קײן מאָל האָט זיך קײן זאַך נישט פאַרלאָפן אַז מיר זאָלן אים טרעפן ליגן אין בעט. ער האָט מיך צוגערופן. איך האָב געכאַפּט אַ בליק אויף זײַן וואַקסיק־געל פּנים. און אײדער ער האָט נאָך באַוויזן מיט אַ שוואַך קול צו זאָגן: „איך בין עפּעס נישט געזונט״ — האָב איך דערקענט, אַז ער איז שטאַרק קראַנק... „מאָרגן אם ירצה השם, וועל איך מן הסתם מיך שוין פילן בעסער, האָט ער געשמײכלט, זאָלסטו למען השם נישט פאַרגעסן צו קומען פרי״. איך האָב אים געווונטשן אַ רפואה שלימה און אַהײם געגאַנגען.

אָבער נישט אויף צומאָרגנס און נישט אויך איבערמאָרגן האָט ער געקענט אויפשטײן. די סוכאָטעס, פון וואָס ער האָט געליטן, האָבן מיט אומגעהויערער שנעלקײט גענומען פרעסן דעם אויסגעמאַטערטן קערפּער און דערנעענטערט זײַן סוף.

אַ סך מאָל בין איך געגאַנגען אים מבקר חולה זײַן. די ערשטע טעג פלעגט ער נאָך שמײכלען: „נו, וואָס זאָגסטו שלמהלע? גענומען און זיך אַרײַנגעלײגט אין בעט ווי אַ פּריץ. אַ שפּאָר ביסל האָבן מיר שוין פאַרשפּעטיקט, מען וועט מוזן אונטעריאָגן״. „מילא, רבי, — האָט איך געפּרוווט צוריקשמײכלען, — פאַרפאַלן, וועלן מיר זיצן אַ שעה לענגער״. אָבער מיט יעדן טאָג איז זײַן מעמד געוואָרן ערגער און ערגער. אויף אײביק וועט שוין בײַ מיר בלײַבן אײַנגעקריצט דער לעצטער וועג צו דעם מלמד מײַנעם. ס׳איז געווען אַ גאַנג, וואָס האָט אַ שניט געטאָן אין יונגן האַרץ און עס פאַרווונדיקט.

עס איז געווען אַ פאַר־שבועותדיקער נאָכמיטיק. דרײַ אָדער פיר ייִנגלעך זענען מיר געגאַנגען מבקר חולה זײַן אונדזער רבין. דער טאָג האָט געלויכטן און געשײַנט מיט יונגן פרילינג. אַ יונגע זון האָט אַראָפּגעקוקט פון די שײנע הימלען, אונדז מחיהדיק געגלעט און געמאַכט פאַר־

געסן, אַז מיר גייען מבקר־חולה זיין אַ שווער קראַנקן. אָבער תיכף ווי מיר האָבן איבערגעטרעטן די שוועל פון דער פאָדערשטער שטוב פון שלמה מאַניש בעקערס הויז, ווו אונדזער רבי איז געלעגן, איז אונדזער היימלעכ־קייט פאַרטונקלט געוואָרן. לעבן דער קיך, נישט ווייט פון דער טיר, איז געזעסן אונדזער רבינס מוטער, אַ הויכע איינגעדאַרטע ייִדענע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף ביידע הענט. פון איר פאַרחושכט פּנים האָט אַרויסגעקוקט אַזוי פיל יאוש. נישט ווייט פון איר איז געזעסן דעם רבינס יונגע ווייבל מיט פאַרוויינטע אויגן און שלמה מאַניש, די הענט פאַרשטעקט אין די הינטער־קעשענעס פון זיין שוואַרצער קאַפּאָטע האָט ער מיט ריזיקע שפּרייזן געשפּאַנט איבער דער שטוב, אַהין און צוריק, גלייך אַן אומזעבאַרע קראַפט וואָלט אים געיאָגט פון איין עק שטוב צום אַנדערן.

איך בין אַריינגעגאַנגען אינעם אַלקער, ווו דער רבי איז געלעגן. אונטער דער ליכט־שפּע, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן דורכן אָפענעם פענצ־טער, האָט זיין פּנים געגלאַנצט מיט אַן אויסטערלישער געלקייט, די נאָז איז געווען מאָדנע פאַרשפּיצט, די אויגן האַלב פאַרמאַכט און זיין גאַנצע געשטאַלט האָט איצט אויסגעזען אַ סך לענגער און אויסגעצויגענער, אין גאַנצן אַנדערש ווי מיר האָבן אים געקענט. ביי אונדזער אַריינקומען האָט ער געעפנט די אויגן, געפּרווווט טאָן אַ שמייכל, אָבער באַלד איז זיין פּנים אויסגעקרימט געוואָרן פון אַ ווייטיקלעכער גרימאַסע און פון זיין ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן נישט קיין קרעכץ, נישט קיין הוסט, נאָר עפּעס אַ מין כאָרכלען, ענלעך צום כאָרכלען פון אַ קאַלב, וואָס מען האָט נאָר וואָס געשאָכטן. אַ שרעק, צוזאַמענגעמישט מיט צער און פאַרצווייפלונג האָט פאַרגאָסן מיין האַרץ. אַ קנויל, ווי אַ פויסט האָט זיך מיר געשטעלט אין האַלדז, געשטיקט, געוואָרגן און זיך אַרויפגעדרונגען צו די אויגן. אין מורא, איך זאָל מיך נישט צעוויינען, בין איך אויף דער גיך אַרויס פון צימער.

אין צוויי טעג אַרום איז אונדזער רבי געשטאָרבן.

*

איינער פון די מפורסמע מלמדים ביי אונדז אין שטאָט איז געווען מאיר געצלס. דאָס איז געווען אַ הויכער, ברייט־ביייניקער ייִד מיט אַ פּאָר־כמורעט פּנים און אַ פייער־רויטע נאָז, אַ דורכגעקרייצטע מיט אַן אַ שיעור רויטע און ברוין־בלאָע דינענקע אָדערלעך. ער איז געווען אַ שווייגנדיקער, אַן אָפּגעזונדערטער. ער האָט אייביק זיך געשאַרט אין אַ זייט, אויסגע־מיטן מענטשן. ער האָט געדאַוונט אין „לובלינער שטיבל" וואָס איז געווען נישט ווייט פון אונדזער הויז. געווייינטלעך גייען ייִדן אַרויס פון „שטיבל" נאָכן דאַווענען גרופּעסווייז, צו צוויי, צו דריי, כאַפּנדיק אַ שמועס איבערן וועג אַהיים. אים האָב איך קיין מאָל נישט געזען גיין מיט נאָך עמעצן. שטענדיק איז ער אַרויס איינער אַליין, אַוועקגעשאַרט זיך פון די איבע־ריקע ייִדן און מיט גיכע טריט האָט ער זיך פאַרנומען צו דער באָד־גאַס, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט עס זאָל אים חלילה ווער עס איז נישט פאַרהאַלטן. די גאַנצע שטאָט האָט געוווסט, אַז דער ייִד האָט אַ גוואַלדיקע שוואַכקייט צום ביטערן טראָפּן, כאָטש קיינער האָט נישט געוואַגט אים צו רופן מיטן נאָמען: „שיכור".

נישט געקוקט אויף זיין אָפּגעזונדערטקייט און זיין שוואַכקייט צום ביטערן טראָפּן, האָט ער גע'שמט פאַרן בעסטן מלמד. שטענדיק האָט ער געהאַט דאָס בעסטע מלומדות אין שטאָט. חול המועד פלעגט ער קיין מאָל נישט קומען צו די בעלעבאַטים בעטן מ'זאָל אים אָפּגעבן אַ ייִנגל, ווי דאָס האָבן געטאָן די אַנדערע מלמדים.

זיין מלומדות איז געווען אַ גאַנץ אַנדערס. האָט אַ פאָטער געוואָלט אָפּגעבן זיין ייִנגל צו אים אין חדר, — פלעגט ער אים אָפּזוכן אין שטיבל צי אין בית המדרש און געזאָגט: איר וועט אַזוי גוט זיין, ר' מאיר, זיך צוכאַפּן צו מיר אין חול המועד. איך רעכן צום נייעם זמן אַריינצוגעבן צו אייך אין חדר מיין ייִנגל.

גאַנצע דריי זמנים האָב איך געלערנט ביי אָט דעם ייִד. די ערשטע טעג פון מיין אָנקומען צו אים אין חדר האָבן זיך מיט שווערקייט געלייגט אויף מיין קינדיש געמיט. עפּעס אַן אומעט געמישט מיט שרעק האָט גע־יאָגט אויף מיר פון דעם פאַרכמורעטן מענטש. און דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס צוליב זיין רעדן אונטער דער נאָז, זענען די ווערטער אַרויס־

בעקומען פאַנפעוואַטע און איך האָב נישט פאַרשטאַנען קיין איינציק וואָרט זיינס. אָבער פאַמעלעך, פאַמעלעך האָב איך מיך צוגעוווינט צו אים און שפּעטער אים אַפילו ליב באַקומען. די פרעמדקייט וואָס האָט געיאָגט פון אים און מענטשן דערווייטערט, איז געווען נישט מער ווי אַן אויסערלעכע שאָל, מיט וועלכער ער האָט זיך אַרומגעהילט. די דאָזיקע שאָל פון אומ־היימלעכקייט האָט ער אין גאַנצן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך, ווען ער האָט זיך געפונען פנים אל פנים מיט זיינע תלמידים, די יינגלעך, וועלכע ער האָט ליב געהאַט מיט אַ גוט־פּעטערישער האַרציקייט. ביי דעם רבין האָב איך זיך אויסגעלערנט קיין מאָל נישט משפטן מענטשן בלויז לויט זייער אויסערלעכקייט. אַ דאַנק דעם מלמד איז צום ערשטן מאָל דערגאַנגען צו די טיפעניש פון מיין האַרץ די קלאָרקייט, אַז דעם מענטשנס לעבנס־וועג גליטשט זיך נישט מיט דער גלאַטיקייט פון אַ שפּאַציר־שיפל איבער די שטילע, בלאָע וואַסערן. און ביי אים האָב איך געלערנט הייליק צו האַלטן און שוינען מענטשלעכע שוואַכקייטן און פעלערן, אין וועלכע מען פאַלט אָפט אַריין קעגן דעם אייגענעם ווילן.

דאָס וואָס מען האָט געשמועסט וועגן זיין נטיה צום ביסל משקה איז געווען דער ריינער אמת. מ׳האָט עס געוווּסט און געגלייבט דערין סתם, כאָטש קיינער פון די תלמידים האָט אים נאָך נישט געזען זיך צו־רירן צו בראַנפן און אַפילו אויף אַ שמחה, ווען מען האָט אים מכבד געווען מיט אַ גלעזל, האָט ער שטענדיק געענטפערט: „איך טרינק נישט״. אָבער מיר יינגלעך האָבן שוין דערשנאַפּט ווען ער טרינקט: מיט אַ מאָל, מיר זיצן ביי דער גמרא, שטעלט ער זיך אויף פלוצלינג, לייגט אַרויף די פאַטשיילע איבערן צעבלעטערטן ספר, עפנט די טיר פון דער שטוב־קאַמער און פאַרשווינדט. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער שוין דאָ צוריק, דאָס פנים דערריטלט און די אויגן בלישטשען. „נו, קינדער, ווו זענען מיר געבליבן שטיין?״ און עס גייט דערנאָך אַ לערנען מיט פייער. קיין הויך וואָרט, קיין בייזערן זיך, גלייך די גאַנצע וועלט וואָלט זיך אויסגעליי־טערט מיט אַ גרויסער ליכטיקייט. דעמאָלט האָבן מיר שוין געוווּסט, אַז דער רבי האָט נאָר וואָס געמאַכט אַ געזונטן אַ לחיים.

און עס גייט אויף פּאָר מיר יענער ווינטער ביינאַכט, ווען ס׳האַרץ

פון דעם פֿאַרכמורעטן, אָפּגעזונדערטן מענטש האָט זיך אומגעריכט אויפֿגעעפֿנט און אַנטפּלעקט זיך פֿאַר זײַנע אײנציקע פֿרײַנד, די ייִנגלעך. די גאַנצע טראַגיק פֿון אַ מענטש וואָס ליגט ווי אַ געבונדענער אין דער גנעך פֿון זײַן לײדנשאַפֿט האָט זיך דעמאָלט אויסגעשפּרייט פֿאַר מיר און אַרײַנגעדרונגען אין מײַן האַרץ.

...דער טאָג איז געווען אַ שווערער. פֿון די טריבע ברודיק־שמאָטעדיקע הימלען האָט כסדר געקאַפּעט מיט אַ שטעכעדיק אומעטיק רעגנדל וואָס האָט זיך אײַנגעפֿרעסן אין די בײנער און איז אויך פֿאַרקראָכן אינעם געמיט מיט נאָגנדיקן אומעט. דער רבי האָט זיך אַ גאַנצן טאָג נישט געקאָנט געפֿינען קײן אָרט. ער האָט געהאַלטן אין אײן גײן אין קאַמער אַרײַן: לחיים, צרהדיק געמיט, לחיים, מאיר!

ווען איך בין נאָך מעריב צוריקגעקומען אין חדר אַרײַן, האָב איך דעם רבין געטראָפֿן אײנעם אַלײן מיט אַ געזונקענעם קאָפּ איבער אַן אָפֿענער גמרא. „שוין שפּעט?“, האָט ער זיך ווי אויפֿגעכאַפּט בײַ מײַן אַרײַנגעקומען. „ניין, רבי, האָב איך געענטפֿערט, אין בית המדרש האָט מען נאָר וואָס אָפּגעדאַוונט דעם ערשטן מעריב“. עס זענען זיך צונויפֿגעקומען די רעשט ייִנגלעך און מיר האָבן זיך געזעצט לערנען. אָבער דאָס לערנען איז דאָס מאָל געווען אָן טעם. מיר האָבן זיך געשלעפּט ווי אַ שווער באַלאָדענער וואָגן איבער אַ טיפֿער בלאָטע. מיט אַ מאָל האָט דער רבי אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ פֿון דער גמרא, ער האָט אויסגעגלײכט דעם רוקן און אַ זאָג געטאָן: ווײסט איר וואָס, קינדער? לאָמיר אויף הײַנט בײַנאַכט אָפּלאָזן די גמרא און אַ ביסל שמועסן.

מילא, אויף אַוועקלײגן די גמרא זענען מיר אַלע געווען בעלנים, אָבער שמועסן מיטן רבין? דאָס איז פֿאַר אונדז געווען נײַ און אויסטערליש. אמת, עס פֿלעגט זיך אַ מאָל טרעפֿן, אַז ער האָט פֿאַרמאַכט די גמרא אַ ביסל פֿריִער, אָבער דעמאָלט האָט ער אונדז דערצײלט אַ מעשה. אַמערסטן פֿונעם „חוזה“ פֿון לובלין, אָדער פֿון אַנדערע צדיקים, אָבער סתם אַזוי שמועסן? אַלע זענען מיר געבליבן זיצן שטיל און מיט נײַגיער געוואַרט אויפֿן אָנהײב פֿונעם שמועס. עס האָט זיך געצויגן אַ גרויסע שטילקײט. דער רבי האָט זיך אינדעם אומגעקוקט. אַ חוץ אונדז איז אין

שטוב קיינער נישט געווען. דאָס ווייב זיינס איז נאָך פֿאַרנאַכט אַוועק צו איר אויסגעגעבענער טאָכטער.

— דאָס מאָל וועל איך אייך נישט דערציילן קיין מעשיות פון צדי־קים — האָט ער אָנגעהויבן. איך וועל היינט דערציילן פון מיר אַליין. אַ פּאָר מאָל זיך נאָך געגעבן אַ דריי אויפן בענקל, פֿאַרדרייט אַ ציגאַר טיטין, זיך צוגעבויגן צום גלעזל פּונעם לאָמפּ צו פֿאַררייכערן און פון ס'ניי אָנגעהויבן:

— ווי איר אַלע ווייסט, בין איך נישט קיין הי־געבוירענער. איך שטאַם פון לובלין. אַ סך וואָלט פֿאַרנומען צו דערציילן פון וואָס פֿאַר אַ היים איך קום. חוץ דעם וואָלט עס אויסגעקוקט ווי באַרימערײַ — וועל איך אייך בלויז זאָגן, אַז ווען איך האָב צו אַכצן יאָר חתונה געהאַט און געוואָרן ר' געצלס איידעם, האָט דאָס מזל מיינס געלויכטן ווי זיבן זונען. אַ חוץ די טויזנט קערבלעך נדן, האָט דער שווער עליו השלום מיך גע־האַלטן אויף קעסט. אַ שאַרפער ייִד געווען, אַ גביר און האָט געפירט גרויסע געשעפטן. זי, דאָס ווייב מיינס, עליה השלום, איז געווען אַ מלכותדיקער פֿאַרשוין. דער עלטסטער זון מיינער משה פון לובלין, וועמען איר האָט זומער דאָ געזען, איז טאַקע פון איר. און איר ווייסט דאָך, קינדער, האָט ער אַ שמייכל געטאָן, אשה נאה, דירה נאה און כלים נאים מרחיבין את דעתו של אדם. בין איך טאַקע געווען דער שאַרפער יונגער מאַן; צוויי, דריי מאָל אין יאָר געפֿאָרן קיין לובלין צום רבין און כ'האָב געמיינט, אַז אַנדערש קאָן שוין גאָר נישט ווערן. אָבער, האָט ער שוין אָפּגעזיפצט, רבות מחשבות בלב איש. דאָס איז געווען אין יענעם יאָר, ווען איינער אַ הדיוט קופץ בראש האָט געבראָכן דעם באַרדיטשעווער ז"לס צוואה, אַז מען זאָל נישט דוכענען אין יום־טוב שחל בשבת. און נאָך דרייסיק יאָר, וואָס די שטאָט האָט נישט געוווסט פון קיין שריפה, איז אויסגעבראָכן אַ פייער וואָס האָט פֿאַרצערט כמעט די גאַנצע שטאָט. פון מיין שווערס האָב־און־גוטס איז געבליבן אַ ביסל אַש. מיין ערשט ווייב, עליה השלום האָט פון שרעק געמפּילט און מיט צוויי טעג שפּעטער איז זי געשטאָרבן. איך בין געבליבן ווי אויפן וואַסער מיט אַ פּיצל קינד, אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה, (פונקט דעמאָלט איז אויך מיין מאַמע געשטאָרבן און דעם

טאַטנס מסחרים זענען אַוועק גאַר שלעכט) און אַן דעם מינדסטן אויס־זיכט אויף פּרנסה.

דעמאָלט האָבן גוטע פריינד מיך אָנגעהויבן עצהנען, איך זאָל זוכן אַ מלומדות. עס איז זיך גרינג אָפּצורעדן: זוכן אַ מלומדות. ווי אַזוי האָב איך, דער שאַרפער יונגער מאַן און געקעכלטער קעסט־איידעם געקאָנט אָנהייבן זיך שווארצן דאָס פּנים? אָבער, אַז עס איז געוואָרן באו מים עד נפש — איז פאַרפאַלן. דער ערשטער, צו וועמען איך בין געקומען בעטן זיין יינגל פאַר מיין קנעלונג, איז געווען אברהם יצחק שאַרפהאַרץ. ס׳גע־ווען חול מועד סוכות. ער האָט מיך אויפגענומען מיט אַ פריילעכן „ברוך הבא מאיר, זע נאָר אַ גאַסט! זעץ דיך". מען האָט דערלאַנגט כיבוד, גע־שמועסט וועגן חסידות און ווען איך האָב אים דערציילט וועגן מיין מעמד און וועגן וואָס איך געקומען צו אים, האָט זיין ברייטער שטערן זיך גע־נומען קנייטשן און ער האָט גלעטנדיק זיין שיינע באָרד, געזאָגט: „זעסטו, מאיר, איך בין גאָר נישט מסכים אויף דיין מלומדות. זעסטו, פאַר אַ שוחט, אָדער אַפילו פאַר אַ רב, וואָלט איך דיך מיטביידע הענט אויפ־גענומען. אָבער אַ מלמד? נישט דו ווערסט דיך דערצו אויסטויגן, נישט עס איז פאַר דיין שטאַנד. און ווייסטו דען, האָט ער גערעדט, וואָס פאַר אַן אייזערנער מענטש מ׳דאַרף זיין צו אַט דער מלאכה? יונגע קינדער, צעלאָזענע, לאָבוזעס! אַ לונגען־פעלער קאָן מען חלילה קריגן ביי זיי, סוכאָטעס רחמנא ליצלן. מיין עצה וואָלט געווען, דו זאָלסט דיך אָנהייבן לערנען שחיטות. פאַר דיר איז עס ווי אָנגעמאָסטן און אַ שטאָט ווער מען אם ירצה השם קריגן. אגב, אויך זיין יינגל קאָן ער בשום אופן נישט אָפּגעבן צו מיר, ווייל ער איז אַ צעפּיעשטשעטע קינד, וואָס דאַרף האָבן אַ געניטן מלמד". אַ וויילע בין איך נאָך אונטערגעזעסן אין געהאַקטע צרות און ביים אַוועקגיין, האָט ער מיר נאָך אַ מאָל אָנגעזאָגט אַז למען השם, איך זאָל נישט פאַרגעסן זיין עצה און אָנהייבן לערנען שחיטה.

ר׳ מאיר איז שטיל געבליבן. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, גלייך ער וואָלט געבישטערט אין יענע ווייטע און ווייטיקלעכע זכרונות, לסוף האָט ער געטאָן אַ טיפן זיפץ און ווידער אָנגעהויבן:

— ווען איך בין דעמאָלט אַהיימגעקומען, איז מיר געווען גלייך כלו

כל הקיצין. שווער און שוויגער זענען צוגעשטאַנען, איך זאָל חתונה האָבן מיט זייער ייִנגערער טאָכטער, מיין היינטיק ווייב. די בענקשאַפט נאָך יענער איז געווען אין לשער, — האָט ער אַ מורמל געטאָן, אָבער מיט אַ פּיצל קינד אויף די הענט און מיט אברהם יצחקס עצה צו ווערן שוחט — איז די גאַנצע וועלט פאַר מיר געווען אַ פינצטערע... ווידער איז ער אויף אַ ווייל אַנטשוויגן געוואָרן, ווי ער וואָלט זיך געוואַקלט צי ער זאָל ווייטער דערציילן. איך בין געזעסן אין אַ געוואַלטיקער שפּאַנונג. עפּעס האָט מיין קינדערשער חוש דערפילט, כאָטש אומקלאָר און נעפּלדיק, אַז דאָס אַלץ וואָס דער רבי האָט דערציילט ביז איצט האָט נאָר אַ נאָענטע שייכות מיט זיין שוואַכקייט צום ביטערן טראָפּן. — און דעמאָלט — האָט דער רבי אַ זאָג געטאָן מיט טריבקייט, האָב איך, מעשה שטן, געטראָפן אין שטוב אַ פלעשל מיט בראָנפן. אַנגעביטערט ווי עס איז מיר געווען אויפן האַרץ, האָב איך געטרונקען אַ גלעזל, נאָך איינס, אַ צווייטס און אַ דריטס ביז איך האָב אויסגעליידיקט די גאַנצע פלאַש. און נאָך דעם שוין געזוכט — נאָך. אַזוי גייט עס ביז היינט צו טאָג. איך ווייס (האָט זיך מיט טרויער געהערט זיין קול), איך ווייס אַז שיכרות איז אַ מיאוסע מידה, נישט קיין ייִדישע מידה, און זיינע אויגן האָבן זיך גענומען נעפּלען מיט פייכטקייט.

אַ שווערע שטילקייט, אָנגעזאַפּט מיט אומעט האָט זיך מיט אַ מאָל צעלייגט אַרום. ביז היינט קאָן איך מיך נישט באַפרייען פון דעם טיפן טרויער וואָס האָט יענע שעה מיך פאַרפלייצט און זיך איינגעגעסן אין מיין גאַנצן מהות. עס איז מיר קלאָר געוואָרן זיין פאַרכמורעטקייט און אָפּגעשלאָסנקייט. און כ׳האָב זיך געטראַכט: ווער ווייסט וויפל יאָרן דער מענטש האָט געטראָגן אין די טיפענישן פון זיין נשמה אָט דעם סוד פון זיין איבערלעבונג, וועלכע ער האָט אין מינוטן פון מענטשלעכער שוואַכקייט אַנטפּלעקט פאַר די צען־יאָריקע ייִנגלעך.

5

בעלי מלאכות

שאַכער־מאַכער, שווינדלערס, ליידיק־גייערס און פּוילענצערס האָבן שונאים געבילט; שטעקעלע־דרייערס, שטרוי־קייערס און לופט־מענטשן, האָבן אייגענע פאַרגעוואָרפן. וויפל ליגנס, בייזוויליקייט און אומרעכט עס איז געווען אין די אַלע נישט־געשטויגענע פאַרווורפן. איינע פון די ראיות, וואָס רעדן קעגן דעם, זענען די מענטשן פון מיין סביבה, די נאָענטע און ווייטע.

עס גייען פאַרביי מיינע אויגן די הונדערטער געשטאַלטן פון די פאַר־האַרעוועטע, אייביק פאַריאָגטע ייִדן פון שטעטל, די וואָס האָבן מיטן שווייס פון זייער פנים געגעסן, נישט שטענדיק צו דער זעט, זייער ערלעך און שווער פאַרדינט שטיקל ברויט.

איך זע אַ שטאָט מיט ייִדן, וואָס זענען אַ גאַנצן טאָג, פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט געזעסן איינגעבויגן אויף קליינע נידעריקע שוס־טער־בענקלעך. אויף די קני ליגט אַ קיילעכדיקער שטיין, אויף וועלכן מ'גלעט אויס מיט אַ האַמער האַרטע פּאַדעשוועס, גראָבע יוכטן. אין מויל אונטער דער צונג ליגן הילצערנע פלעקלעך, דער שאַרפער שפּיץ פון דער אָל שטעכט זיך אַריין מיט שווערקייט אין דער האַרטער זויל און צעעפנט אין איר פּיצענקע לעכלעך. מיט פלינקייט אַז דאָס אויג קאָן עס קוים דער־כאַפּן, ציט מען די הילצערנע פלעקלעך פון אונטער דער צונג, מ'יאָגט זיי איינס נאָכן צווייטן אין דער פּאַדעשווע אַריין און טויזנטער פּאָר שטיוול ווערן פאַרטיק יעדע וואָך. די שטיוול ווערן שפּעטער פאַרפּאַקט אין גרויסע הילצערנע קאַסטנס וואָס מען לאַדעוועט אויף פורן און די באַן צעפירט זיי אין די ווייטעניישן פונעם גרויסן רוסלאַנד. שטייען ייִדן אין גאַרבאַר־ניעס, שלאָגן אויף קאַטקעס, שלעפּן אַרויס רינדערנע פעלן, שאַבן, קראַצן

און מאַכן פּאַרטיק לעדערס. שפּעטער קומען אַנדערע ייִדן, זיי נעמען די רויע קראַיעס צו זיך אין שטוב, װײקן זיי אין טראָן, שפּרייטן אויס אויף לאַנגע בלעך באַדעקטע טישן, גלעטן און פּוצן אַזוי לאַנג די קראַיעס ביז זיי באַקומען דעם ריכטיקן גלאַנץ. שפּעטער צעשניידט מען די לעדערס, מען טשוועקעװעט זיי אויף די הילצערנע פּערעס און עס װערן פּאַרטיק פּשיסוועס און שטיבילעטן.

און עס שטייען ייִדן איבער לאַנגע שניידערשע טישן, דעם שלאָק (מעטער־מאָס) פּאַרוואָרפן איבערן האַלדז. אַ דין קריידל צייכנט אויס פּאַרמעס און שווערע שערן האַקן זיך אַריין מיט איינגעשפּאַרטקייט אין די דיקע פּויערשע געוואַנטער. מען שטעפּט פון אין דער פרי ביז שפּעט ביינאַכט אויף סקריפּנדיקע ניי־מאַשינען און הונדערטער אַנצעגער און שווערע וואַטאָווע פּויערשע בורקעס ווערן אויסגעפּאַרטיקט.

און עס שטייען ייִדן ביי סטאָליאַרסקע וואַרשטאַטן, זעגן און הובלען ברעטער, מאַכן טירן מיט פענצטער, שטעלן אויף שענק און בעטן און קאַמאָדעס, ליימען און לוסטרירן און אַ וועלט ווערט פול מיט מעבל.

און אין די קוזשניעס שטייען ייִדן מיט פאַרפלאַמטע פּנימער, דער־מונטערט פון בלאָז־זאַק קנאַקט מיט אַ פריילעך פייער דער צעברענטער קאָקס, מען שלעפּט פון אים רויט־צעגלײַטע שטאַבעס אייזן, מיט פלינקייט און גבורה פאַלן די הילכיקע האַמער־קלעפּ און עס ווערן אויסגעשמידט רייפן צו וועגענער, פאַדקאָווע פאַר פערדישע פיס, בראָנעס און אַקער־אייזנס.

אוודאי האָבן די ביטערע מלחמה־יאָרן אויפגעטרייסלט דעם פעסטן באָדן פונעם אַלטן לעבנסשטייגער; אוודאי האָט די יוגנט זיך געריסן מיט אַלע כוחות צו דער ברייטער, פרייער וועלט — אָבער דער אַלטער ייִדישער בעל־מלאכה האָט פעסט געוואָרצלט אין דער שוואַרצערד פון זיין שטעטל. וועגן אָט די ייִדן וויל איך דערציילן.

אַ סך בעלי־מלאכות געווען אין אונדזער שטעטל. יעדער איינער פון אָט די ייִדן איז געווען אַ באַזונדערע וועלט.

עס וואָלט צו ווייט פאַרפירט, ווען איך זאָל אָנהייבן דערציילן פון

די הונדערטער בעלי מלאכות אין זשעלעכאָוו. איך וועל בלויז דערציילן וועגן עטלעכע פון זיי.

צוויי פון די שנײַדערס האָבן זיך אײַנגעקריצט אין מײַן זכרון. אָט איז די הויכע, מאָסיווע געשטאַלט פון בערל סרול מאַרשעלעקס. זומער פלעג איך אים שטענדיק זען דורך די אָפענע פענצטער פון זײַן שטוב, ווו ער איז געשטאַנען בײַ דעם לאַנגן טיש איבער אַ גאַנצן שטויס מיט געוואַנט און געצייכנט די פיגורן פון די פויערשע מלבושים וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט. איבער דער גאַנצער לענג פון זײַנע נאַקעטע, מיט האָר באַדעקטע, הענט האָבן זיך געפלאָכטן דיקע אָדערן, ווי שטריק. אַז ער האָט מיך דערזען פאַר זײַן פענצטער פלעגט זיך אַ שעלמישער שמייכל באַווײַזן אויף זײַן רויטן מיט בלוט שפּריצנדיקן פּנים: „נו, חסידל, האָבן די קליינע אויגן געבליצט, האָסט דיך פאַרקוקט אויף די מיידלעך, האַ? קוק, קוק, סײַ ווי סײַ וועט דערפון גאָר נישט אַרויסקומען, ווי וועט דײַן טאַטע דער חסיד דערלאָזן צו אַזעלכע זאַכן?" מײַן פּנים האָט זיך געצונדן, רויט געוואָרן פון חרפּה און כ'בין אַוועק מיט אײַלנדיקע טריט.

אין שטאָט האָט מען געשמועסט, אַז דער הויכער געזונטער ייִד איז נישט קיין זאַ איי־איי. ווען ער פּאַסט אָן די דאָרפישע שיקסעס די מלבושים, וואָס זיי באַשטעלן בײַ אים, האָט ער ליב צו פאַרבלאָנדזשען מיט די הענט אין אַזעלכע ערטער, וואָס געוויינטלעך זענען זיי נישט אָפן אַנטפלעקט פאַר פרעמדע אויגן. די שיקסעס רויטלען זיך, לאָזן אַראָפּ פאַרשעמט די אויגן, פּאַטשן אים איבער די הענט און כיכיקען מיט אַ פאַרשטיקט אײַנגעהאַלטן געלעכטער. מיטליאַריקע גויעס, וואָס בערל סרול פאַרבראַקירט זיי אויך נישט, שעפּטשען שטיל: „פּע, נישט שיין, בערעק, אַן עלטערער ייִד מיט אַזאַ גרויסער באָרד, אַ זינד פאַר גאָט און אַ חרפּה פאַר מענטשן". דערבײַ טוליען זיי זיך אַלץ פעסטער צו בערלס פעסטע, קאָכעדיקע הענט און דאָס ווײַבערשע בלוט הייבט אָן פּליסן האַסטיקער אונטער דעם הייסן אָטעם פון דעם געזונטן ייִד. און בערל? אוודאי פאַרשטייט ער און ווייסט, אַז דאָס איז טאַקע אַ זינד פאַר גאָט און אַ שאַנד פאַר לײַטן, וואָס אָבער זאָל ער טאָן? דאָס טרײַפענע בלוט קאָן זיך גאָר נישט אײַנשטילן אַנטקעגן דעם יונגן לײַב וואָס ער האָט פאַר די אויגן

און די הענט נעמען אַליין בלאָנדזשען און זוכן איבער די פאַרבאַרגענע, מיט גלוסטונג אָנגעפילטע ערטער. ערשט ווען זיין ווייב, אַ קליין אויס־געדאַרט יידענעלע מיט אַ ציצן געבלימלט קופּקעלע איבערן געגאָלטן קאָפּ, הייבט אָן שרייען: „בערל קעלבאַס, אַ בראָך זאָל איך האָבן נאָך דיר, וואָס פּאַר אַ מחזקות האָסטו דאָרט אַזוי לאַנג מיט דער שיקסע?" דערמאָנט ער זיך ערשט ווו ער איז אין דער וועלט און קריכט אַפּער פון אונטערן שפּאַ־נישן ווענטל.

טאָקע פון אָט דעם בערלען האָט מען דערציילט, אַז אַ מאָל אין אַ זומערדיקן טאָג, האָט ער דערזעענדיק פון פענצטער דורכגיין דעם פּוילישן פעלדשער לעכאָמסקי, אַ זאָג געטאָן צו זיינע אַרבעטער: וואַרטעט צו, וועט עטץ זען וואָס פאַר אַ שטיקל איך וועל אָפּטאָן דעם נמאסן שונא ישראל.

איינעם פון זיינע מענטשן האָט ער געהייסן נאָכלויפן דעם פעלדשער און אים בעטן ער זאָל שוין אַריינקומען, ווייל עס איז פאַראַן אַ קראַנקער אין שטוב. אַליין האָט ער אויף גיך זיך געגעבן אַ לייג אַריין אין בעט, און ווען דאָס פעלדשערל מיטן שוואַרצן קאַפּעלושל איז אַריינגעקומען און אויף שנעל, ווי זיין שטייגער איז געווען, געפרעגט ווו עס איז דער קראַנ־קער, האָט בערל שוין פון בעט אַרויס, געקוויטשעט און געקרעכצט מיט אַ קול פון איינעם וואָס ליידט נעבעך שרעקלעכע יסורים.

לעכאָמסקעלע האָט אָוועקגעלייגט דאָס קאַפּעלושל און מיט אַ מינע פון אַ וואַזשנעם דאָקטער געגעבן אַ פרעג: „גדזשע באָלי?" (ווו טוט וויי). „אָט דאָ, האָט בערל געקרעכצט און אָנגעוויזן אויפן הינטער־חלק, אַ געשוויר, פּאַניע דאָקטאָזשע". „דריי דיך איבער", — האָט דער פעלדשער באַפוילן און בערל האָט פּאַמעלעך, מיט אַן אויסגעקרימט פּנים פון ווייטיק זיך גענומען איבערדרייען. ווען אַלץ איז שוין געווען צום באַקוקן און לעכאַמסקי האָט זיך איינגעבויגן צו זען דעם געשוויר, נו איז געשען אַ זאַך וואָס מען קאָן נישט אויפשרייבן.

מילא, וואָס עס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן! לעכאמסקעלע האָט זיך געוואָרפן ווי אַ בייזער הונט. „קיין סיביר וועל איך דיך פאַרשיקן, פּאַר־שיווי זשידזשע, אין תפיסה וועסטו ביי מיר פאַרפוילט ווערן, ווי אַ חיה וועל איך דיך דערשיסן!" — האָט ער געקוויטשעט און געטופּעט מיט די

פּיס. בערל איז שוין געשטאַנען מיט אַן ערנסט פּנים, געשטופּט אים אַ פּערציקער אין האַנט אַרײַן און געזאָגט:

— אַ דאַנק, פּאַניע דאָקטאָזשע, עס האָט געפּלאַצט. פון זיך אַליין האָט עס געפּלאַצט. אַ שיינעם דאַנק, פּאַניע דאָקטאָזשע.

נו, דאָס זענען אַלץ זאַכן וואָס געשעען אין די וואָכעדיקע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, ווען די שפּרודלענדיקע ענערגיע פונעם ייִד זוכט אַן אויסוועג. קומט אָבער פרייטיק ווערט בערל אין גאַנצן אַן אַנדערער מענטש. נאָך צוועלף שטילט זיך אַלץ איין, עס הערט אויף דאָס גערויש און ס'זשומען פון די ניי־מאַשינען. דער לאַנגער טיש ווערט באַדעקט מיט אַ טישטעך. נאָך דעם ווי ער צאָלט אויס די שכירות זײַנע אַרבעטערס, נעמט ער אונטערן אָרעם דאָס פּעקעלע קלאָרע וועש, וואָס ליגט שוין אָנגעגרייט אויפן בעט און ער פאַרנעמט זיך אין שוויץ־באָד אַרײַן. בערל אײַלט זיך, ווייל ער מוז זיין דער ערשטער צו קומען אין שניידער־שילעכל, ווו ער איז גבאי.

שבת איז אַ גרויסער טאָג ביי אים.

פרייטיק צו נאַכטס, ווי פרייטיק צו נאַכטס. ייִדן זענען מיד פון אַ גאַנצער וואָך האָרעוואַניע. פאַרטיקט מען זיך גיך אָפּ מיטן קבלת־שבת און מען אײַלט אַהיים צו דער שבתדיקער חלה מיט פיש, צו די צוקערבאָבעס מיט יויך, צום פעטן שטיקל פלייש, צום זיסן מייערן־צימעס מיט די מעל־קיגעלעך וואָס האָבן טעם גן־עדן און נאָך אין מיטן בענטשן קלעפּן זיך שוין די אויגן און מען פאַלט אַרײַן אין בעט געהרגעט מיד.

דערפאַר איז דער שבתדיקער טאָג אין גאַנצן פאַר גאָט.

שוין פון באַלד אין דער פרי אָן קומט מען זיך צונויף אין שילעכל וואָס געפינט זיך אין דער לינקער זייט פאַליש פון דער גרויסער שיל.

אָט דאָס שילעכל, וואָס חברה שניידערס האָבן פאַר זייערע אייגענע גראָשנס אויסגעענדיקט בשעת מען האָט געבויט די נייע גרויסע שיל, שמעקט מיט ריינקייט און איז אויסגעפּוצט ממש אַ צאַצקע. דער מזרח פון העל־בלויען קאָליר איז אין די ראַנדן באַזיימט מיט גרויע וואָלקנדלעך וואָס שניידן זיך אַרײַן אין דער העלער בלויקייט. פידלען, טראָמפּייטן און האַרפעס פון גאָלד־קאָליר באַצירן די ליכטיקע בלויקייט, הירשן ברוינע

מיט פאַרצווייגטע הערנער און מיט דינע פיס וואָס רייסן זיך צום לויפן, מאַכן עס בולט און פאַרטייטשן דעם דערנעבן אויסגעמאַליעוועטן פסוק: „רץ כצבי״ און ביי ביידע זייטן פון אָרון הקודש צוויי געלע לייבן מיט אנגעשטייפטע ווײדלען און צעשויבערטע גזשיוועס.

— פינף קערבלעך אַ טאָג האָב איך געצאָלט דעם אַטוואָצקער מאַ־לער, — האָט מיט גדלות זיך באַרימט בערל אין אַ שבת נאָכמיטיק צווישן אַ רעדל ייִדן אויפן שול־הויף.

פּאַמעלעך ווערט דאָס שילעכל אָנגעפילט מיט ייִדן. זיצט מען ביי ביידע זייטן פונעם גרויסן טיש, ווער עס זאָגט תהילים, ווער ס׳איז מעביר די סדרה און ווער ס׳קוקט אַריין אין אַן עין יעקב אָדער לערנט אַ בלאַט משניות.

אַרום צען אַ זייגער גיט בערל אַ זאָג: „צייט זיך צו שטעלן דאַווע־נען״. זיינע אויגן זוכן צווישן די איינגעזאַמלטע און כמעט שטענדיק שטעלט זיך אָפּ זיין בליק אויפן הויכן שבתי. „וועסט היינט דאַוונען שחרית, שבתי?״

„נו, מילא״, איז שבתי צופרידן מיטן כבוד.

מיט אַ פעסטער האַנט פירט בערל דאָס גבאות אין זיין שילעכל. קיינער וועט נישט וואַגן צוצוגיין צום עמוד, איידער דער גבאי וועט אים דאָס הייסן. און כאָטש וואָלפטשע שניידער איז כמעט דער שטענדיקער בעל מוסף, וועט ער אויך נישט פריִער צוגיין צום עמוד ביז בערל וועט אים זאָגן: „וואָלפטשע, וועסט היינט דאַוונען מוסף״. אָבער קיין מאָל וועט בערל נישט פאַרגעסן זיינע ייִדן ביים אויסטיילן די עליות. ער פירט גוט חשבון. אין קאָפּ ביי אים ווערט די בוכהאַלטעריע פון אויפרופן צום ספר אָפּגעהיט גענוי און יעדער איינציקער פון די מתפללים איז זיכער, אַז מען וועט אים חלילה נישט פאַרטיילן.

נאָכן שלאָף קומט מען ווידער זיך צונויף. ביי די לאַנגע טישן וואָס מען האָט צונויפגערוקט ווי אַ חית זעצט מען זיך אויס. אויבנאָן זיצט לוזער שמערלס, אַ הויכער ייִד מיט אַן אויסגעאיידלט פּנים און צוויי לאַנגע פּיאות. ס׳איז דער רבי זייערער, וואָס לערנט מיט דער חברה יעדן שבת נאָכמיטיק. אַ לאַנגע און שווערע מחלוקת איז פאָרגעקומען צווישן

חברה שנײדערס און דער חברה הכנסת אורחים צוליב אַט דעם רבין, װאָס האָט זיך גערעכנט צװישן די גרעסטע למדנים אין שטאָט. געװוג געלט און מי האָט עס געקאָסט בערלען, אײדער ער האָט באַװיזן אַרײנצוציִען דעם רבין אין זײן חברה.

זיצט לוזער שמערלס אױבנאָן, בײ זײן רעכטער האַנט בערל דער גבאי, בײ דער לינקער װאָלפּטשע, אַ ביסל װײטער — הערשל אָדעסער און דער הױכער שבתי.

אין דער אַרומיקער שטילקײט הערט זיך לוזער שמערלס װײנענדיק קול: „יעדן פֿאַרטאָג הערט רב יוסי אַ שטיל שלוכצן װי דאָס װײנענדיקע ברומען פֿון אַ טויב: אַז מען האָט אים געפֿרעגט, װער עס איז דאָס קול, האָט ער געענטפֿערט: דאָס װײנט די שכינה כביכול, װײ איז צו מיר, װאָס איך האָב חרוב געמאַכט דאָס בית המקדש און פֿאַרטריבן מײנע קינ־דער פֿון מײן הויז". די הערצער פֿון פּשוטע ייִדן װערן צעװאָרעמט, מען דערפֿילט זיך געשטאַרקט דערפֿון װאָס מען איז נישט אַלײן אויף דער גרוי־סער און קאַלטער װעלט, ס׳װערט עפּעס הײמלעכער װאָס די שכינה אַלײן בכבודה ובעצמה קלאָגט אויפֿן חורבן בית המקדש און אויפֿן גלות פֿון די ייִדישע קינדער.

בערלס האַרץ קװעלט אָן פֿון פֿרײד. זײנע אויגן לײכטן און נעמען אַרום מיט ליבשאַפֿט פֿון אַ באַלעבאָס צו זײן געראָטענער װערטשאַפֿט, װאָס װאַקסט און בליִט קײן עין הרע פֿון טאָג צו טאָג — די אַלע פֿאַר־זאַמלטע ייִדן װאָס הערן איצט דעם רבינס תורה. ס׳פֿאַרשװינדן די זינ־דיקע מחשבות װעגן די שיקסעס, מיט װעלכע ער האָט צו טאָן אַ גאַנצע װאָך, ס׳װערן אויסגעװעפּט אַלע שמד־שטיק מיט װאָס זײן קאָפּ איז פֿול אין די װאָכעדיקע טעג. אין גאַנצן איז ער ערשט אַרײנגעטאָן אין גאָטס װאָרט װאָס גיסט זיך מיט אַזאַ האַרציקײט פֿון לוזער שמערלס מויל און מיט פֿרײד און תענוג װערט פֿול זײן גאַנץ געמיט.

װאָלט מן הסתם אַזאַ ייִד װי בערל סרול מאַרשעלעקס אויסגעלעבט זײנע יאָרן אין צופֿרידנקײט, די װאָכעדיקע טעג מיט זײן מלאכה און מיטן בלאָנדזשען פֿון די הענט איבער די װײכע טײלן פֿון די דאָרפֿישע שיקסעס, און די שבתים — מיט גאָטס װאָרט אויף די ליפּן, האָט ער אָבער פֿאַר־

מאָגט אַן אייביקן קאָנקורענט, נישט חלילה אין דער פּרנסה, נאָר אין זיין שילעכל. עס איז הערשל אָדעסער.

הערשל אָדעסער איז אַ ייִד פון מיטעלן וווקס, די געדיכט באַוואָקסע־נע ברעמען הענגען איבער די קורצזיכטיקע, אייביק אָנגעברוגזטע אויגן. אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ הויכן טוכענעם קאַשקעט וואָס איז גאָר נישט ענלעך צו די קליינע היטעלעך וואָס אַלע ייִדן אין שטאָט טראָגן. מען רופט אים: „דער אָדעסער שניידער“, כאָטש אַלע יאָרן זיינע האָט ער געוווינט אין זשעלעכאָוו און נישט אין אָדעס. אַ סברא, אַז דער הערשל האָט אַמאָל געדינט ביי די זעלנער אין אָדעס און דערפאַר איז אים שוין פאַרבליבן דער נאָמען הערשל אָדעסער.

אָט דעם ייִד, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַרן בעסטן שניידער אין זשע־לעכאָוו, האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס דער גבאי אין שניידערשן שילעכל איז נישט ער, דער בעסטער שניידער, וועמענס געהאַקטע קאַפּאָטקעלעך זענען די שענסטע — נאָר אַ בעל־מלאכה, אַ פּאַרטאַטש, אַ טאַנדייטער ווי בערל סרול מאַרשעלעקס.

און אפשר איז ער טאַקע געווען נישט אין גאַנצן אומגערעכט. ווייל, אין אמתן: וואָס איז טאַקע דער יחוס מיט אַזאַ שניידערוק, וואָס מער ווי אַ פויערשע סערמינגע און אַן אומגעלומפּערטן ווייבערשן זשאַקעט האָט ער נישט געקאָנט אויפנייען. און אפשר איז ער מער למדן פון הערשלען? אַפילו רעכט מעביר־זיין די סדרה קאָן ער דאָך נישט, — פלעגט הערשל זיך קאָכן, ווען עס איז אַ מאָל אויסגעקומען, שבת אויפן שיל־הויף, צו אַ שמועס וועגן אָט די זאַכן.

און דער שרייבער פון דעם פּרק, וועלכער איז שטענדיק געווען און פאַרבליבן ביז היינט אַ זייטיקער צו אַלע מחלוקתן, מוז צוגעבן, אַז די גערעכטיקייט איז געווען אויף דער זייט פון דעם אָדעסער שניידער.

ווייל דעם אמת געזאָגט, איז טאַקע געווען אַ חילוק ווי פון טאָג צו צו נאַכט אין דעם אופן ווי אַזוי בערל סרול מאַרשעלעקס פלעגט מיט אַ שטיק קרייד געבן אַ שמיר איבער די פויערשע געוואַנטער, איבערלאָזנדיק אומגעלומפּערטע, ווי מיט וואַפּנע אויסגעשמירטע צייכנס, און ווי אַזוי הערשל אָדעסער האָט דאָס געמאַכט. עטלעכע מאָל האָב איך עס געזען ביי

אים. געווען איז דאָס, ווען מען האָט דאָס ערשטע מאָל געגעבן צו נײען אַ געהאַקט יוביצל פאַר מײנעטװעגן. איך האָב מיך אײנגעשפּאַרט, אַז נאָר הערשל אַדעסער מוז עס אויפנײען.

מײן טאַטע האָט זיך אַפילו געבײזערט, געשריגן איך זאָל אים נישט זאָגן קײן דעה, וואָרן ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט אַוועקגײן פון זײן פרומען שנײדער סרול לײבעלע. איך האָב מיך אָבער אײנגעשפּאַרט, אַז איך וועל מיר נישט גײן נעמען קײן מאָס צו אַ צווײטן שנײדער. אויך די מאַמע איז מיר געקומען צו הילף און איך האָב אויסגעפירט דאָס מײניקע.

אָט זע איך אים, ווי ער שטײט מיט די װײַסע העמד־אַרבל, די ציצית באַמבלען זיך פון אונטערן װעסטל, די ברילן אַנגעזאָטלט אויף דער נאָז, מיט אַ קרײדל צײכנט הערשל אַדעסער דינענקע שטריכן איבערן אײדעלן טאַמאַשאָוער שטאָף, אַלע װײלע נעמט ער אַראָפּ דעם „שלאַק״ וואָס הענגט אים איבערן האַלדז, טוט אַ מעסט, לײגט צו אַ װינקל אָדער דרײ־עק און װידער אַ לײכטן פּיר מיטן קרײדל. און טאָמער האָט זיך חלילה אָפּ־געבראָכן אַ שטיקל קרײד, דער צײכן איז געװאָרן עטװאָס דיקער, הײבט ער אָן שנעלן מיט צװײ פינגער איבערן אָנגעשאָטענעם קרײד ביז דער שטאָף בלײבט װידער רײן.

לצים האָבן געזאָגט, אַז װען הערשל אַדעסער צײכנט אויס אַ מלבוש, עפנט ער אויף דאָס פענצטער, גײט אַרויס פון שטוב און פון דרויסן באַ־קוקט ער דעם צײכן (הײנט װאָלט מען מן הסתם געזאָגט, ער זוכט פּערס־פּעקטיװ) — צי ער איז אַקוראַט, װי עס באַדאַרף צו זײן. איז חלילה דער האַלב־קרײז אונטערן אָרעם נישט אַרויסגעקומען אַזוי פּינקטלעך, אַקו־ראַטנע, פאַרמעקט ער אַלץ און נעמט זיך אויף דאָס נײ צו דער אַרבעט.

פאַרװאָסזשע איז טאַקע געקומען דער כבוד אָט־דעם טאַנדײטער צו װערן גבאי און נישט אים, הערשלען דעם באַשטעלטן שנײדער? איז די שנאה געװאַקסן, אין אַנהײב שטיל, באַגראָבן אין די טיפענישן; מ׳האָט זיך באַגנוגנט מיט אַ שטעך־װערטל, מיט אַן אַנצוהערעניש, ביז אײן מאָל אין אַ שבתדיקן נאָכמיטיק. דעמאָלט האָבן די פאַרדושעטע פונקען אויפ־געגליט און דאָס פײער האָט זיך צעבושעװעט.

דער שבת איז געווען אַ זומערדיקער. די זון האָט זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען צום אונטערגיין און פּאַמעלעך זיך גערוקט צום שאָסיי, גלייך זי וואָלט זיך געקליבן צום אַוועקפּאָרן אויף איבער נאַכט. די שטראַלן זענען איצט געפאַלן מיט מילדקייט און געגלעט נאָך דער בייטאָגיקער חמימה. אויף די ברייטע צעמענטענע טרעפּ פון דער שיל זענען מענטשן געזעסן צוגעשפּאַרט און זיך געקילט אינעם מילדן דרויסן; אויפן שיל־הויף לעבן פּלומפּ זענען געשטאַנען קופּקעלעך ייִדן און זיך איינגעהערט צו הערשל שמשס תורהס און אויף די טרעפּ, ביים סאַמע טויער פון שיל, איז געשטאַנען בערל אין אַ קרענצל מיט נאָך עטלעכע ייִדן. בערל איז געווען נאָכן שלאָף אַן אויסגערוטער, אַן אויפגעלייגטער, ער האָט זיך געדליבעט די ציין נאָכן שבת־אויבסט און געוואַרט אויפן רבין, וואָס האָט באַדאַרפט אָנקומען. „ווייסטע וואָס, ייִדן? — האָט בערל זיך אָנגערופן — מ׳וואָלט באַדאַרפן ווי דאָס לעבן אויסמאַליעווען דעם סופיט פון אונדזער מקום־קדוש. שוין יאָרן, ווי מען האָט דעם סופיט נישט איבערגעפרישט“. און גלייך עס וואָלט אים געווען ווייניק, האָט ער ווייטער גערעדט: „אויך עטלעכע זאַצן נייע חומשים און אַ ביסל תהילימלעך דאַרף מען האָבן, פון די אַלטע איז שוין געוואָרן שימות, און אַ שויבן־שענקל פאַר די ספרים וואָלט מען באַדאַרפט ווי דאָס לעבן“.

— „און געלט אויף די אַלע זאַכן, וווּ וועט מען נעמען?“ — האָט זיך דערהערט הערשל אָדעסערס וואָרטשנדיק קול, — „אפשר וועסטו דאָס געלט אויסלייגן פון דיין קעשענע?“ — האָט ער שוין מיט בייזקייט גע־חוזקט.

— אַזוי פיל ווי דו, וועל איך פעוונע געבן, און אפשר נאָך מיט אַ צולאָג, — האָט בערל אים אָפּגעענטפערט.

— קוקטע נאָר אָן דעם גרויסן גביר מיינעם, קהלס פאַרזאָרגער, וואָס טוט אַלץ לשם שמים. אַזוי פיל קרענק אויף מיינע שונאימס קעפּ וויפל הונדערטער קערבלעך מען האָט אַראָפּגעלאָזט אין די אייגענע קעשענעס ביים מאַכן דאָס נייע אָרון־קודש, ביים מאַליעווען דעם „מזרח“ און ביים לייגן די נייע פּאַדלאָגעס — האָט הערשל געצישעט פון צווישן די ציין. פון אים האָט זיך שוין געהערט די גיפטיקייט פון אַ שלאַנג. קעגן אַזאַ

בילבול האָט בערל שוין נישט געקאָנט בלײבן רויִק, כאָטש ער האָט שטענ־דיק געזוכט אויסצומײַדן קריגערײַען מיט זײַן שונא.

— אַ רוח אין דײַן טאַטנס טאַטן אַרײַן, דו פֿאַרדריפּעטער שנײַדער, — האָט ער זיך געגעבן אַ ריס צו הערשלען, — פֿאַר אַ גנב גאָר ווײסטו מיך מאַכן?

און אַז הערשל אָדעסער האָט דערהערט, אַז ער איז גאָר אַ פֿאַרדרי־פּעטער שנײַדער, און דערצו נאָך פֿון וועמען? האָט ער זיך רעכט צעקאָכט:

— דו פֿאַרטאַטש, דו קאַליקע אײנער! אויף מיר וואָס כ׳בין געווען פּיערווי זאַקראַיטשיק אין פּולק, געגײט דעם פֿאַראַדנעם מונדיר פֿאַרן גע־נעראַל ,ווײסטו, דו סערמינגע־דזשאַבער, האָבן די חוצפּה צו זאָגן: פֿאַר־דריפּעטער שנײַדער? און אַ גלחשן ראָק ווער קאָן צושנײַדן? הערשל אָדע־סער, אָדער דער לאַטע־לײגער בערל סרול מאַרשעלעקס, דער שיקסע־קרי־כער? אַ נכפּה זאָל דיך אויסדישען, שײנער גבאי מײנער, וואָס טאַפּט אויס אַלע שיקסעס די ציצן. די ערד ווײסטו בײ מיר קײען, אויס גבאי! די גאַנצע חברה זאָל אונטערגײן און קײן גבאי ווײסטו מער נישט זײַן!

זיכער וואָלט יענעם שבת נאָכמיטיק אויפֿן שיל־הויף געקומען צו אויסגעהאַקטע צײן, צעריסענע פּנימער און אויסגעפּליקטע בערד, ווען אין מיטן דערינען וואָלט נישט אָנגעגאַנגען לוזער שמערלס.

מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, מיט מינעס פֿון פֿאַרזינדיקטע חדר־ייִנג־לעך איז מען באַלד אַרײַן אין שילעכל. ווען אַלע זענען שוין געזעסן בײ די טישן, האָט זיך געהערט לוזער שמערלס ווײנענדיק קול: „אוי ווײ, ייִדן. מחלוקתן, קריגערײַען, כעס, מיאוסע רײד, דערצו נאָך אין שבת. איבער שנאת חינם, האָט ער געקרעכצט, איז חרוב געוואָרן דאָס בית־המקדש, ווו איז עס געהערט געוואָרן, אַז ייִדן זאָלן זיך כאַפּן צום שלאָגן? זײטזשע וויסן, איך וועל נישט אָנהײבן צו לערנען, און בלי נדר, וועל איך אין גאַנצן אַוועקגײן, אויב איר וועט זיך נישט תיכף איבערבעטן און שוין אויפֿן אָרט מאַכן שלום.

אין אָנבליק פֿון דער סכנה צו פֿאַרלירן דעם רבין לוזער שמערלס (ס׳האָט דאָך געקאָסט אַזוי פֿיל מי אים אַרײַנצוקריגן!), האָט בערל דער

ערשטער אויסגעשטרעקט די האַנט צו זיין אייביקן שונא. אַבי ס׳זאָל זיין שאַ־שטיל.

אָבער צו קיין ריכטיקן שלום איז נישט דערגאַנגען. הערשל אדעסער האָט ווייטער געזוכט אונטערצוגראָבן בערלס גבאות. נאָר אַזוי ווי די וועלט איז קיין מאָל נישט געווען צופיל יושרדיק — אַזוי ווי בערל דער טאַנדייטער איז געווען אַ ייִד אַ בעל־פּרנסה וואָס האָט געקאָנט זיך דערלויבן ביים קלויבן גבאים שטעלן אַ פאַס ביר און מאַכן אַ קידוש מיט פעטע קיגלען, און הערשל אדעסער, דער פיערווי זאַקראַיטשיק אין פּולק, דער צושניידער פון גלחישע רעק, — איז ביי אַלע גליקן געווען אַ ייִד אַן אָרעמאַן, איז בערל ממילא ווייטער פאַרבליבן ביי גבאות און זיין שונא איז אָפּגעקומען בלויז מיט אונטערוואָרטשען און מיט אייגענער האַרץ־גריזשעניש.

*

און דערציילט זיך שוין פון זשעלעכאָווער בעלי־מלאכות, איז אוממעגלעך נישט צו רעדן פון חיים־לוזער סטאָליאַר, אַ ייִד וועמען איך האָב יאָרן־לאַנג גוט געקענט און אַפילו געוואָרן גוטע פריינד מיט אים.

אַ הויכער ייִד איז דאָס געווען, מיט אַ שוואַרצער באָרד און צוויי גוטע אויגן וואָס האָבן געקוקט אויף דער וועלט און אויף מענטשן מיט אָפנקייט און מילדקייט. און ער איז געווען פון די בעסטע סטאָליאַרעס אין שטאָט. זיינס אַ טיר, פענצטער אָדער אַ שטיקל מעבל איז געווען אַן אייביקע זאַך. פון דעסטוועגן איז ער געבליבן שטענדיק אַ ייִד אַן אָרעמאַן.

ער איז געווען אַ טאַטע פון אַ שאָק קינדער, ייִנגלעך און מיידלעך. מ׳פלעגט דערציילן, אַז אַ מאָל האָט זיך חיים־לוזער אָראָפּגעבויגן אונטערן וואַרשטאַט אָפּצונעמען דעם קניפּעל, דעם גרויסן הילצערנעם האַמער, האָט ער אָנשטאָט דעם קניפּעל גאָר אַפּגעשלעפּט אַ קינד ביים פּיסל. ס׳קליינטשיקע האָט זיך פאַרוואַלגערט צווישן די סטריגעס אונטערן וואַרשטאַט.

— אַ כאָלערע אויף אייך, ממזרים, — האָט חיים־לוזער זיך געבייזערט — אַפילו צווישן די סטריגעס וואַלגערן זיי זיך ביי מיר...

אויך פון צווישן די האָלץ־שניצלעך זענען ביי אים אויסגעוואַקסן

שוואַרץ־האָריקע, פּול־ברוסטיקע מיידלעך און לייטישע יונגען, פלינקע בעלי־מלאכות. מיט איינעם פון זיי, דודל, אַ בחור מיט שוואַרץ־גלױענדיקע אויגן, בין איך שפּעטער געוואָרן גאָר נאָענטע חברים. און מיט וואָס פאַר אַ שפּילעוודיקער לייכטקייט ער האָט ריזיקירט מיט זיין פרייהייט, גע־שטעלט אין קאָן דאָס שטיקל ברויט פון זיין ווייב און קינדער, ווען ס'איז אים אויסגעקומען צו טאָן אַרבעט פאַר דער פּאַרטיי, וואָס פאַר דער אָנ־געהעריקייט צו איר האָבן די פּוילישע פאַנעס געוואָרפן אין תפיסה אַריין און אָפּגעהאַקט די לונגען. אָט דער חיים־לוזער האָט קיין מאָל נישט גע־האָט קיין פּרעטענזיעס נישט אויף קיין גבאות, נישט אויף קיין חסידות און אַוודאי נישט געשאָרט זיך צו דער מזרח־וואַנט. אין בית־המדרש ביי מנחה און מעריב איז זיין פּלאַץ געווען הינטערן באַלעמער, נישט וויט פון דער טיר. דאָרט האָט ער זיך געטראָפן מיט לייט זיינס גלייכן, מיט די ייִדן, וואָס האָבן שווערלעך דורכגעשפּרייזט ס'דאַווענען און די פּאָר קאַפּיטלעך תהילים, וואָס מען זאָגט בציבור בין מנחה למעריב. אין בית־מדרש פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן אויך אויף אַ שמועס וועגן אַרבעט, וועגן שווערן ווינטער, ווען האָלץ און קאַרטאָפלעס זענען טייער.

אין דער חברה הכנסת אורחים, וווּ ער האָט געדאַוונט שבת, איז זיין אָרט אויך געווען ביי דער טיר.

ווען זיינע ייִנגלעך זענען נאָך געווען קליין, האָט חיים־לוזער געהאַט אַרבעט אַכטונג צו געבן אַז זיי זאָלן אַריינקוקן אין סידור און דאַווענען. שפּעטער, זיי זענען עלטער געוואָרן און שוין אָנגעהויבן פאַרדינען, האָבן זיי אָנגעוווירן די מורא פאַרן טאַטן און אין גאַנצן נישט מיטגעגאַנגען דאַווענען. דעמאָלט איז חיים־לוזער שוין געשטאַנען אויף זיין אָרט ביי דער טיר איינער אַליין, ווי אַ פאַרלוירענער. אַז אַ גוטער ברודער האָט אַ פרעג־געטאָן: „חיים לוזער, וווּ זענען ערגעץ דיינע בנים?", האָבן זיינע אויגן געשמייכלט מיט פאַרלוירנקייט: „איך האָב דען אַ דעה איבער זיי? מן הסתם געלאָפן שפּאַצירן".

און מן הסתם וואָלטן אָט דעם פּשוטן ייִדס טעג און יאָרן זיך געווען דורכגעשלייכט שטיל און אומבאַמערקט איבער זיין שמאָלן לעבנס־סטעזש־קעלע, וואָס האָט זיך געצויגן פון שטוב אויף דער גוייִשקער גאַס, ביז אין

בית־המדרש אַריין. האָט זיך אָבער דעם גורל פאַרגלוסט אַ שפּיל צו טאָן מיט אָט דעם מענטשן און אים פאַרשאַפט אַן אַ שיעור האַרץ־ווייטיק.

עס איז געווען אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט. חיים־לוזער האָט פּונקט געהאַלטן אין אויפרייבן און פאַרלאַמען אַ פאַרטיע „פּילאַנגס״ צו עטלעכע פּאָר בעטן וואָס ער האָט געהאַט אין דער אַרבעט, ווי עס איז פּלוצלינג געגעבן אַ קום אַריין די טאָכטער זיינע, וועלכע איז געווען אין וואַרשע אויף אַ שטעלע.

— אַ גאַסט, מרים, — האָט זיך חיים־לוזער דערפרייט מיטן מיידל, כאָטש עס איז אים געווען קשה דאָס אומגעריכטע קומען אירס אַ היים אין מיטן זמן. און איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט איבערצופרעגן, וואָס עס איז געשען, איז אים דער בליק זיינער אַ פאַל געגעבן אויף דעם מיידלס צייטיקן בויך. דאָס האָט אים שוין אַלץ דערציילט. דעם טאַטן איז פינצ־טער חושך געוואָרן אין די אויגן. דערווייל איז אויך אָנגעקומען דאָס ווייב. דערזעענדיק דאָס גרויסע אומגליק, האָט זי גענומען זיך רייסן די האָר פון קאָפּ, צו שרייען און שעלטן. נאָך דער ערשטער איבעררראַשונג האָט חיים־לוזער געכאַפּט אַ שטיק האָלץ און ברענענדיק פון אומבאַהאָלפענער רציחה און חרפה, האָט ער זיך געלאָזן גלייך צום מיידל און געצישעט צווישן די ציין: „אַרויס פון מיין שטוב, דו קורווע איינע״.

זיין בליק האָט זיך אָבער ראַפּטעם אָפּגעקילט. אויף דעם בלוטלאָזן אויסזען פון דער טאָכטער, וועלכע איז איצט געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, פון אירע אויגן — וואָס האָבן אים געקוקט גלייך אין פּנים אַריין — האָט זיך געטראָגן פאַרצווייפלונג, נאָך מער: עפּעס אַ גלייכגיל־טיקייט און זי האָט אַפילו נישט געמאַכט קיין פּרווו זיך צו באַשיצן פון די קלעפּ, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן אויף איר. דעם פאָטערס האַנט מיטן איינגעקלעמטן שטיק האָלץ איז געבליבן הענגען אין דער לופט. אָפּגעגאָסן פון יאוש האָט ער געכאַפּט אויף זיך דאָס כאַלאַט און אויף גיך אַרויס פון שטוב, אַליין נישט־וויסנדיק וווהין די פיס טראָגן אים.

אויף די געוואַלדן זענען דערווייל אָנגעלאָפן שכנים און באַלד האָט די שטאָט געוווסט, אַז חיים־לוזערס מויד איז אַהיימגעקומען פון וואַרשע מיט אַ בויך, נאָר צום אויסשיסן.

אַ שווערע כמאַרע פון טרויער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבער דער אָרעמער שטוב. עס איז נישט געווען ווו צו באַהאַלטן די חרפּה, ווייל שוין אויף צומאָרגנס נאָך איר קומען, האָט דאָס מיידל געקריגן ווייען. מען האָט זיך געשעמט צו רופן די הייבעם. און ווען נישט מלכה חיים־איצלס, אַ צעוואַקסענע ייִדענע מיט אַ פּליטשקן פאַרטעך אַרום די ברייטע באַקעס, אַ שכנה פון חיים־לוזערן, וואָלט נישט געווען ווער עס זאָל העלפן דער געווינערן.

אַז מלכה האָט דערהערט די ערשטע קרעכצן, איז זי אַרײַנגעקומען און דערזען חיים־לוזערס ווייב רייסן זיך די האָר פון קאָפּ, האָט זי גענומען זי זידלען:

— קוקטע נאָר אָן די שיינע מאַמע. וואָס ווילסטו לאָזן אויסגיין דאָס קינד, חלילה?

קודם כל האָט זי אַרויסגעיאָגט פון שטוב אַלע מאַנסבילן, באַפוילן מאַכן פייער און אַרויפגעשטעלט צו וואַרעמען טעפּ מיט וואַסער, געהייסן אַרויסנעמען ריינע פּלאַכטעס, אַליין האָט זי פאַרקאַטשעט די אַרבל פון דער ציצענער בלוזקע. און אַזוי ווי זי איז געווען אַ מאַמע פון צוועלף קינדער און אַזוי ווי נישט איין מאָל איז איר אויסגעקומען צו העלפן „ביים האָבן" די קי און קאָבילעס (זי האָט פּריִער געוווינט אין דאָרף) זענען אירע הענט אויך איצט געווען מזלדיק און מיט אַ הילכיקן קוויטש איז געפאַלן אויף דער וועלט חיים־לוזערס אומגעבעטענע ערשטע אייניקל.

אַנגעלאָדן מיט אומעט איז געווען דער ברית. מיט צרות האָט מען צונויפגעשלעפּט אַ מנין ייִדן. אויף גיך, ווי איינגעשלונגען די ווערטער האָט דער ייִד וואָס האָט געזאָגט די ברכות, אַרויסגעשעפּטשעט: „ויקרא שמו בישראל אברהם בן? וועמענס זון?" — אַז מען האָט נישט געוווסט ווער עס איז דער טאַטע! מיט שעמעוודיקייט, מיט טרויער האָט מען ווי־דער איינשלינגענדיק די ווערטער, אַליין זיך געענטפערט: „מזל־טוב" און זיך שטיל צעגאַנגען.

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז די יונגע מאַמע צוריק אַוועקגעפאָרן און געלאָזט דאָס ניי־געבוירענע ביי אירע עלטערן.

די שטאָט איז אַ שטיקל צייט געגאַנגען אויף רעדלעך: טייל האָט

באַדויערט, אַנדערע האָבן מיט גאַליקער פרייד הונדערט מאָליק צעשמירט די מעשה, צעלייגט זי אויף טעלערלעך. וואָכן דורכאַנאַנד האָט חיים־לוזער זיך נישט געוויזן אין בית־המדרש אַריין.

אין יאָרן אַרום, ווען איך האָב געאַרבעט ביי סטאָלעריי און כ׳האָב שוין געקענט חיים־לוזערן, איז אַ מאָל אַריינגעקומען אין וואַרשטאַט מיין באַלעבאָס׳ ווייב. זי האָט דערזען נעבן מיר שטיין חיים־לוזערן, האָט זי אַ פרעג־געטאָן מיט אַ גיפטיק שמייכעלע:

— וואָס הערט מען עפּעס, חיים־לוזער?

— נישקשה, מ׳אַרבעט.

— און וואָס מאַכט עפּעס אייער אייניקל?

— וואָס זאָל ער מאַכן? — האָט חיים־לוזער, ווייזט אויס, דערפילט דעם שטאָך — אַ טייערער יונגאַטש, אַ פייערדיקער קאָפּ און ער האָט אייך אַלע אין ל...

מיר האָט שטאַרק הנאה געטאָן דער אָפּשניט וואָס ער האָט דער־לאַנגט דער פאַרשלומפּערטער ייִדענע. ווען ער איז אַרויס, האָב איך אויף שנעל אויסגעטאָן דאָס פאַרטעך, געכאַפּט דאָס רעקל און אים דעריאָגט.

— גוט געענטפערט, רב חיים־לוזער — האָב איך אַ זאָג געטאָן.

— אַה, דאָס ביסטו, שלמהלע? — האָט ער זיך דערפרייט, — וואָס דען, האָט ער זיך שוין אָנגעהויבן היצן, — נאָ דיר אַ פרישע גבאיטע. אמת טאַקע, — האָט ער שטיל צוגעגעבן, — מיין קינד האָט זיך אויס־געגליטשט, אָבער אַ זאַסיע איטלעכן צו נעמען זי אין פּיסק אַריין.

איך האָב אים אויפגעמונטערט:

— עס איז דאָך אייער אייגן בלוט און פלייש, וואָס האָבן פרעמדע זיך צו מישן?

אַ שטיקל וועג זענען מיר געגאַנגען שווייגנדיק. איך האָב געפילט, אַז דעם ייִד ליגט עפּעס אויפן האַרץ. ער וויל זיך אַראָפּרעדן. מיט אַ מאָל האָט ער זיך געגעבן אַ דריי־אויס צו מיר:

— אייגן בלוט און פלייש, זאָגסטו? האָסט מיר אַרויסגענומען די ווערטער פון מויל. וואָס האָבן זיי געוואָלט, די אַלע פאַרשטינקענע גבאי־טעס? איך זאָל דערשטיקן דאָס קינד, אָדער וועלכע כאָלערע אויף זייערע קעפּ?

און װערטער אָפּגעריסענע, פֿאַרפּלאָנטערטע, אָן אַ סדר, פֿאַלן פֿון זײַן מויל און איך דערװיס זיך:

די ערשטע טעג, װאָכן און חדשים נאָכן אומגליק, האָט ער קײן בליק נישט געשאָנקען דעם ממזרל, װאָס האָט אים געברענגט די חרפּה. נאָר אײן מאָל, װען אין שטוב איז, אַ חוץ אים, קײנער נישט געװען, האָט דאָס קינד אָנגעהויבן שטאַרק רײַסן. נישט קאָנענדיק פֿאַרטראָגן די געשרײען, האָט ער זיך דערנענטערט צום װיגל: — „און װאָס זאָל איך דיר דערצײלן, שלמה־קרוין, — אַזױ װי איך בין נאָר צוגעקומען, האָט ער אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר שליפּיעס, אַזעלכע שװאַרצע, גליִענדיקע װי צװײ לעבע־דיקע קוילן, ער האָט אָנגעהויבן לאַכן און אַרויסגעבלעקעט: טאַ־טאַ. האָט עס מיר געגעבן אַזאַ טיאָכק אונטערן האַרץ. פֿון דעמאָלט אָן איז ער מײַן אײגן קינד. װעמען עס געפֿעלט נישט, זאָל אַ רוח אין זײַן טאַטנס טאַטן, — האָט ער כמעט אויסגעשריגן — זאָלן זײ אָפּהיטן זײערע אײגענע קינדער.“

ביז הײַנט שײַנט פֿאַר מיר מיט העלער ליכטיקײט די נשמה פֿון אָט דעם פּראָסטן ייִד, װעלכער איז דערגאַנגען צו די רײנסטע מענטש־לעכסטע געפֿילן, נישט געקוקט אויף דעם בײזן שפּיל װאָס דאָס לעבן האָט אים אונטערגעטראָגן; נישט געקוקט אויף די יסורים װאָס זענען אויף אים געפֿאַלן.

6

ישיבה, משגיחים, פֿאַרהערעם

אמת, אמת, עס איז ביי מיר נישט פֿאַרבליבן קיין פֿאַרביטערטקייט צו מיינע מלמדים, אין וועמענס חדרים עס זענען פֿאַרביי מיינע קינדער־יאָרן. אָן אויסנאַם זענען געווען די צוויי יאָר וואָס איך האָב געלערנט אין ישיבה. די דאָזיקע צוויי יאָר האָבן זיך מיט בלייערנער שווערקייט געלייגט אויף מיינע יינגלשע פּלייצעס און האָבן געלאָזן פֿאַרביטערטקייט אין מיין קינדיש האַרץ. און נישט אַזוי פֿיל צוליב דעם ראש־ישיבה, וועלכער איז אגב געווען אַ טרוקענער ייִד, אָן אַ ברעקל וואַרעמקייט צו די עטלעכע און צוואַנציק ייִנגלעך, איבער וועלכע ער האָט געקעניגט מיט אַן אייזער־נער האַנט, נאָר צוליב דעם שטאַב פֿון ייִדן וואָס האָבן פֿרייוויליק זיך געשטעלט ווי משגיחים אַכטונג־געבערס איבער די ייִנגלעך, גלייך ווי אַט די קינדער וואָלטן געווען מי יודע וואָס פֿאַר אַ פֿאַרברעכערס חלילה, אַז מען טאָר זיי נישט אַרויסלאָזן פֿון אויג. ווען מיין זכרון קערט זיך אום צו יענער צייט, איז מיר שווער צו באַנעמען פֿאַרוואָס מיין טאַטע, אַ זעלטן גוטער מענטש, וועמענס האַרציקייט באַשטראַלט ביז היינט מיין געמיט, — פֿאַרוואָס ער האָט מיך געהאַלטן אין אָט דער תפיסה גאַנצע צוויי יאָר, ביז צום אויסברוך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, כאָטש ער האָט געזען מיין פֿאַרביטערטקייט. מיין גליק איז געווען וואָס די ישיבה האָט זיך פֿאַרמאַכט, מחמת מלחמה־האַרבקייט. נאָר לאָמיך דערציילן בהדרגה.

אין גאַנצן על פּי צופֿאַל איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק וועגן אַ ישיבה אין זשעלעכאָוו. געשען איז עס אַזוי.

אין אַ ווינטערדיקן דאָנערשטיק ביינאַכט, ווען איך בין געקומען פֿון חדר, האָב איך אין שטוב ביי אונדז געטראָפֿן אַ פֿרעמדן ייִד. דאָס איז געווען אַ הויכער, דאַרער יונגער מאַן פֿון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק.

בײ די זײטן פון די אײנגעצװיגענע באַקן האָבן זיך געבאָמבלט צװײ לאַנגע, װי ספּרענזשינעס- געקרײזלטע פּיאות. פון אונטער די געדיכטע ברעמען האָבן אַפּערגעקוקט בײזע, שאַרפע אויגן און כסדר האָט ער געהאַלטן אין קײען אַ שפּיץ פון דעם בלאָנדן, שיטערן בערדל. אָט דער ייִנגער מאַן, װי איך האָב מיך שפּעטער דערװוּסט, אַן אַלמן מיט זעקס קינדער האָט מיט אַ יאָר צוריק חתונה געהאַט מיט מײן מאַמעס אַ װײטער קרובה, אַן עלטער מײדל פון אַ שכנותדיק שטעטל. איך דערמאָן זיך שױן נישט, צוליב װאָס ער איז דעמאָלט געקומען קײן זשעלעכאָװ, דוכט זיך, מעטריקעס האָט ער באַדאַרפט אַרױסנעמען פון מאַגיסטראַט, דערמאָנט זיך, אַז ער פאַרמאָגט אַ װײטן קרוב אין זשעלעכאָװ, איז ער נישט געגאַנגען זוכן קײן האָטעל, נאָר גלײך געקומען צו אונדז אין שטוב. ער האָט אויך שױן געהאַלטן שבת בײ אונדז, און װען ער האָט לשם נײַגעריקײט מיך פאַרהערט װי איך האַלט אין לערנען, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו מײן טאַטן: „נישט קײן שלעכטע כלים בײ אים, דאָס קעפּל און די תפיסה גאַנץ נישקשהדיק; אין מײנע הענט װאָלט פון אים געװאָרן אַ לײט".

צעשמועסנדיק זיך, האָט דער גאַסט דערצײלט, אַז ער האַלט בײם אָפּלאָזן דאָס מלומדות בײ זיך אין שטעטל. אַז מײן טאַטע האָט דערהערט, אַז פון אָט דעם ייִדס הענט קאָן איך אַרױסװאַקסן אַ לײט, איז אים אײנגעפאַלן דער געדאַנק אַריבערצובערענגען קײן זשעלעכאָװ דעם נײעם מלמד. מײן טאַטע האָט זיך צונױפגערעדט מיט נאָך עטלעכע ייִדן, און שױן שבת-צונאַכטס זענען זיך צונױפגעקומען בײ אונדז אין שטוב אַ מנין בעלי-בתים און מ'האָט אָנגעהױבן שמועסן װעגן אַ ישיבה. און מ'האָט זיך דערעדט, באשר אין דער תלמוד-תורה געפינען זיך אַ פּאָר גוטע ייִנגלעך װאָס נאָך דעם װי זײ גײען אַװעק פונעם גמרא-מלמד, האָבן זײ נישט װוּ װײטער צו לערנען, װאָרן די טאַטעס זײערע אָרעמע לײט, זענען נישט אין שטאַנד צו צאָלן קײן שכר-לימוד בײ גרױסע מלמדים. איז דעריבער געפאַלן אַ װאָרט: „הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה" און צום סוף איז געבליבן צו עפענען אַזאַ מין העכערע כתה פאַר באַלעבאַטישע ייִנגלעך, װאָס קאָנען צאָלן און אויך די פון דער תלמוד-תורה, װעמענס טאַטעס זענען נישט ביכולת צו צאָלן שכר-לימוד. מען האָט געמאַכט אַ כתב מיט

דעם יונגן מאַן און אָפּגעשמועסט אויפן קומענדיקן זומער הבע״ל צו עפּע־נען די ישיבה. מען האָט געטרונקען לחיים אַז די ישיבה זאָל גדייען און ווערן אַן אמתדיק מקום תורה און אויף אַזאַ אופן איז אין זשעלעכאָוו נולד געוואָרן די ישיבה, וווּ איך האָב געלערנט צוויי יאָר.

לאַנגע און שווערע האָבן זיך געשלעפּט די טעג פונעם ערשטן זומער, ווען איך בין אָנגעקומען אין דער ישיבה. פופצן מינוט פאַר אַכט אינדער־פרי האָבן אַלע יינגלעך געמוזט זיין אויפן אָרט. צען מינוט פאַר אַכט האָט דער משגיח פאַרשלאָסן די טיר און פּינקטלעך אַכט האָט דער ראש־ישיבה אָנגעהויבן זאָגן דעם ערשטן שיעור. אַרום דריי טישן, אויסגעשטעלט ווי אַ חית, אין דעם לאַנגן און שמאָלן ביקור־חולים־שילעכל זיצן ביי אַ דרייסיק יינגלעך איבער די גמראָס. צווישן די טישן שפּאַנט אייליק אַרום אונדזער רבי משה, דער ראש־ישיבה. פוןביידע זייטן פון זיינע איינגעפאַלענע באַקן באַמבלען זיך לאַנגע ספּרענזשינע פּיאות. אַלע ווײַלע גיט ער אַ כאַפּ אַריין צווישן די ציין אַ שפּיץ פון בלאָנדן בערדל און פון די אויגן זיינע האָגלט אויף אונדז אַזאַ מין כעס, פּונקט ווי מיר אַלע, די צען ביז דרייצן יאָריקע וואָלטן געווען זיינע גרעסטע שונאים. און גלייך זיינע בייז־האָגלענדיקע בליקן וואָלטן ווייניק געווען אונדז צו האַלטן אין קלעם, שפּאַנט נאָך אַרום פון יענער זייט טיש דער משגיח, וואָס לאָזט נישט אַראָפּ פון אונדז קיין אויג.

אַז איך דערמאָן שוין אָט־די משגיחים, גרוילט עס מיך נאָך היינט. ביי אַ גאַנצן מנין יידן קיין עין־הרע האָבן גענומען אויף זיך אונדז אָפּצו־היטן. מילא, אַזעלכע יידן ווי מיין טאַטע אַ שטייגער, אַ רב שימעלע ענגל, אָדער אַ יאַנטשע ישראל־יצחקס, זיי פלעגן אַ מאָל אַריינפאַלן צו אונדז, כאַפּן אַ שמועס מיטן ראש־ישיבה, כאַפּן אַ בליק, אונטערזיצן אַ האַלבע שעה און גיין זייער וועג. איין ייד אָבער האָט זיך מיר אַזוי איינגעגעסן אין דיביינער מיט זיין השגחה, אַז ביז היינט קאָן איך נישט פאַרגעסן די צרות וואָס מיר אַלע זענען פון אים אויסגעשטאַנען.

אברהמעלע מילווע האָט געהייסן אָט־דאָס נידעריקע געפּאַקטע יידל, וועלכן מיר אַלע האָבן פיינט געהאַט. אַליין אַ גאַנץ נישקשהדיקער עם־הארץ, איז זיין „שיין־יידישקייט" באַשטאַנען דערין וואָס ער האָט גע־

שטאַמט פֿון גרויסן יחוס. ער איז געווען אַ מרוק, האָט מיט קײנעם נישט אַרויסגערעדט קײן גלײך וואָרט. אין שטאָט האָט מען געשמועסט, אַז צום װײַב זײַנעם רעדט ער אױך נישט בלשון „דו״, נאָר ווי הינטערווײַלעכטס. ער זאָגט קײן מאָל נישט: „גרײט מיר צום טיש״, נאָר „לאָמען גרײטן צום טיש״. אַפֿילו דער עלטסטער זון זײַנער, הערשל, וואָס האָט געשמט פֿאַר אַן עילוי, האָט געציטערט פֿאַר אים אימת מות, ווײַל אַ ליאַדע־וואָס פֿלײַען פּעטש. ווײַזט אויס, אַז דער ייִד האָט דאָס משגיחות גענומען מיט דער גאַנצער ערנסטקײט, בפֿרט אַז קײן גרויסע געשעפֿטן האָט ער נישט געפֿירט. דאָס שניט־קרעמל וואָס ער האָט געהאַט אין מאַרק האָט אָפּגע־היטן דאָס װײַב. דעריבער איז ער שעהן־לאַנג אָפּגעזעסן אין דער ישיבה און אַכטונג געגעבן. מ׳האָט נאָך אונטערגעמורמלט, אַז ער נעמט שכירות פֿאַר דעם. ער פֿלעגט זיך אַרײַנשאַרן אין שילעכל מיט שטילע טריט. אַפֿילו דער „גוט־מאָרגן״ זײַנער איז אַרויסגעקומען ווי אַן אַרויסגעקוועטש־טער. ער פֿלעגט זיך אָוועקזעצן בײַ דער וואַנט, פֿון וואַנען זײַן בליק האָט אַרומגענומען אַלץ און אַלעמען. און כאָטש מיר האָבן קײן מאָל פֿון אים נישט געהערט קײן געבײזער, אָבער די בליקן זײַנע, וואָס זענען געפֿאַלן פֿון אונטער די געדיכטע ברעמען, האָבן אונדז געשניטן ווי מיט מעסערס, אָנגעיאָגט אויף אונדז אַן אײַזיקע קעלט וואָס האָט געגליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן.

און טאָמער האָט פּאַרט וועלכס ייִנגל זיך פֿאַרגעסן אַ װײַל און אויף אַ רגע געכאַפּט אַ בליק צום פֿענצטער, דורך וואַנען די זומערדיקע זון האָט דערמאָנט אין פֿרײַען דרויסן, איז תיכף לעבן אים געגעבן אַ וואַקס אויס דאָס ייִדל מיטן פּנים פֿון אַ קאַלטן גזלן און אים אַ פֿרעג־געטאָן: „וווּ האַלט מען, בחור?״. ווי איז געווען צו דעם ייִנגל וואָס האָט זיך נישט געכאַפּט צו דער מינוט, ווו ער איז אין דער וועלט. אַ חוץ די בליקן, אָנ־געגאָסענע מיט רציחה, האָט נאָך דער ייִד פֿאַרמאָגט די מיאוסע טבע אַרײַנצונעמען דעם ייִנגלס באַק צווישן צוויי פֿינגער און זיי האָבן זיך פֿאַר־שלאָסן ווי אַ צוואַנג און די באַק אין דער מיט.

אַז דער רבי זאָל אַ מאָל געבן אַ פּאַטש — דערצו איז מען געוווינט געווען, אָבער אַז אַ ווילד־פֿרעמדער ייִד זאָל זיך דערלויבן צו קנײַפּן אונ־

דזערע באַקן, דאָס האָט ווײ־געטאָן און באַליידיקט. טאַקע צוליב אָט דער טבע זײַנער האָבן זיך אַלע שטיל געבונטעוועט און ווען צוויי פון אונדז האָבן זיך אָפּן אַנטקעגן געשטעלט, האָבן מיר סוף־כּל־סוף געפּטרט דאָס בייזע אַנשיקעניש. איינער פון די בונטאָוטשיקעס בין איך טאַקע געווען. כאָטש עס איז נישט ליב צו דערציילן דערפון, קאָן איך מיך נישט אָפּ־האַלטן צו דערציילן ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען.

צוזאַמען מיט מיר איז אָנגעקומען לערנען אין דער ישיבה אויך מיין חבר משהלע שרה־כּאַנטשעס. אַ ייִנגל מיט אַ יאָר עלטער פון מיר, אַ ני־דעריקער, אַ בלאָנדער מיט בלויע פאַרנעפּלטע אויגן און אַן אַנגעגאָסן קיילעכדיק פּנימל. ער איז געווען אַ בן־יחיד ביי זיין מאַמען דער אלמנה, וועלכע האָט געציטערט איבער אים און אים געהיטן ווי דאָס שוואַרץ־אַפּל פון אויג. נישט קיין חידוש וואָס די מאַמע האָט אַזוי געפלאַטערט איבער אים: פון פיר קינדער, וואָס די פרוי האָט געבוירן פון איר שווינד־זיכטיקן מאַן, וועלכער האָט זי ענדלעך געלאָזן אַן אלמנה, איז איר בלויז געבליבן דאָס איינציקע שטיקל טרייסט: משהלע. דאָס ייִנגל איז געוואַקסן אַ צעפּיעשטשעטער, אַ צאַרטער. און כאָטש די ייִנגלעך האָבן אים נישט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, אָבער געטשעפּעט האָט אים קיינער נישט, ווייל, ערשטנס — אַ יתום, און צווייטנס, פלעגט די מאַמע זיינע שטענדיק קומען אין חדר אַריין און בעטן די קינדער זיי זאָלן זיין גוט צו איר בן־יחיד. איר טיפע שטימע, וואָס איז, דוכט זיך, געקומען פון סאַמע האַרץ, און די מיט טרערן אָנגעפּילטע אויגן, האָבן דערגרייכט די ייִנגלשע הערצער.

מיט משהלען זענען מיר געווען חברים נאָך פון פאַר דער ישיבה. מיר האָבן צוזאַמען געלערנט ביי לוזער שניצער. אַז איך האָב אַ מאָל געשמועסט מיט יצחק דעם קאָשע־מאַכערס, אונדזער שכנס ייִנגל, וועגן משהלען, האָט יענער מיר געזאָגט, אַז די משפחה־קרענק פון משהלעס טאַטע איז דאָס, וואָס ווערט אין חומש אָנגערופן כּרת. די קללה וואָס שלאָגט די מענטשן אין משך פון עטלעכע דורות. איז ווער ווייסט (האָט יצחקס טרויע־ריק פאַרחלומט קול געקלונגען) צי אויך משהלע וועט חלילה נישט אַרונ־טערפאַלן אונטער אָט דער כּרת קללה, וואָס לויערט אויף זיין משפּחה. מיין האַרץ איז פול געווען מיט רחמנות צום ייִנגל. און אַז דאָס שוואַכע

יינגל האָט דערשפּירט מיין וואַרעם געפיל צו אים, האָט ער זיך אַנגעלענט אָן מיר, דעם שטאַרקערן ·און מיר זענען געוואָרן נאָענטע חברים. ער פלעגט אָפט אַרויפקומען צו אונדז אין שטוב און איך צו זיי.

עס איז געווען אַרום צען אין דער פרי. דער ראש־ישיבה האָט נאָר־וואָס געהאַט פאַרענדיקט דעם ערשטן שיעור; ער איז אַריין אין בית־המדרש דאַווענען און מיר האָבן אָנגעהויבן איבערחזרן די דריי בלאַט גמרא. דורכן אָפענעם פענצטער האָט אַ יונגע זון פון אַ קלאָר־ליכטיקן דרויסן זיך גע־רייצט מיט אונדז, שטיפעריש געוווּנקען. משהלע, וועלכער האָט זיך אַ גאַנצן פרימאָרגן געדרייט לעבן מיר און געוואָלט עפּעס וויזן, נאָר נישט געהאַט קיין געלעגנהייט דערצו, האָט איצט, וויבאַלד דער ראש־ישיבה איז אַרויסגעגאַנגען, מיך געגעבן אַ שטויס. דערויף האָט ער אַרויסגענומען אַ קונציק שיין מעסערל פון פערלמוטער מיט דריי קלינגלעך און אַ גריי־צער און עס מיר געוויזן: „זעסט, דאָס מעסערל האָט די מאַמע נעכטן מיר געברענגט פון וואַרשע. ס'אַ מתנה".

ווייזט אויס, אַז דער גרויסער שלום־עליכם האָט גוט געקאַנט די נשמות פון יידישע קינדער, ווייל אין דעם אויגנבליק האָבן מיר ביידע, איך און משהלע, פאַרגעסן אַלץ אַרום און גענומען באַטראַכטן דאָס קונ־ציקע מעסערל. בעת מעשה האָט משהלע מיר איינגערוימט, אַז ביי דער צווייטער רייזע פון זיין מאַמען, וועט זי מיר אויך ברענגען אַזאַ מתנה. אַזוי פאַרטיפט און פאַרגעסן ווי מיר זענען געווען, האָבן מיר ביידע גאָר נישט באַמערקט ווי עס איז פאַר אונדז אויסגעוואַקסן אברהמלע מילווע דער משגיח. די געדיכטע נעץ פון די בלויע אָדערלעך וואָס האָט דורכגע־שניטן זיין פליישיקע נאָז, האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט, די אויגן אָנגע־צונדן מיט רציחה האָבן געגלאַנצט מיט אַ נקמה־פלעמל; ווי אַ קאַץ וואָס שפּילט זיך מיט איר זיכערן קרבן, איז ער אַ ווײַלע געשטאַנען אַ שטי־ליטשקער און לסוף אַ וואַרטשע געטאָן: „שפּילעמייקעס גאָר אין מיטן לערנען?!" און אויפהייבנדיק אַ האַנט, האָט ער אַ בייג אויס געטאָן די ביינערדיקע פינגער און אַריינגעכאַפּט אין זיי משהלעס באַק. איך האָב געטאָן אַ בליק אויף יענעמס פנים וואָס איז אין דער מינוט געוואָרן בלייך ווי קאַלך, גלייך ס'גאַנצע בלוט וואָלט פון אים אויסגערונען. דער־

ביי האָבן זיינע פּאַרנעפּלטע בלאָע אויגן געקוקט מיט שרעק און אומבאַ־האָלפנקייט. איך בין געבליבן ווי צעמישט, און אַליין נישט וויסנדיק ווי אַזוי דאָס איז געשען, האָב איך מיטן גאַנצן כוח געגעבן אַזאַ זעץ איבער דעם משגיחס האַנט, אַז יענער האָט תיכּף אַרויסגעלאָזט משהלעס באַק פון צווישן זיינע קנאָכיקע פינגער. מיט אַ רויט פּנים, פול מיט רציחה האָט ער זיך געוואָרפן אויף מיר, אָבער דאָ איז מיר פּלוצלינג געקומען צו־הילף מיין חבר אייזשע. דאָס דאָזיקע הויכע, דאַרע יינגל מיט די שוואַרץ־פינקלדיקע אויגן האָט שוין פון לאַנג געטראָגן אַ שווער האַרץ אויף דעם פאַרהאַסטן משגיח. „זאָל ער נאָר אָנהייבן מיט מיר״ — פלעגט ער זאָגן, — „איך וועל אים בעסער אַ פרעג־טאָן דעם פשט פון אַ שטיקל גמרא, דעם גראָבן יונג, וואָס קאָן קיין מוציא איבערן ברויט נישט מאַכן״. און כאָטש אייזשע פלעגט אים שטענדיק נאָכקרימען דאָס געג־געלע, אַרויסשטעקן נאָך אים אַ צונג, האָט דער משגיח זיך נישט געוואָגט צו פאַרטשעפּען מיט אים, וואָרן אייזשע איז געווען דער בעסטער תלמוד אין דער ישיבה, אַ יינגל מיט אַ פייערדיקן קאָפּ און אַ גרויסער מתמיד, וואָס איז נישט אָפּגעטראָטן פון דער גמרא.

איצט האָט אייזשע געגעבן אַ כאַפּ־אָן דעם משגיח פאַר ביידע הענט און אים אַריינגעשריגן גלייך אין פּנים.

— קיינער איז אייך דאָ נישט קיין הערשעלע, צי אייער יצחקל. זיי און אייער יידענע קענט איר קנייפּן און פּאַטשן וויפל אייער האַרץ גלוסט. אַ שלאָגעניש און קנייפּעניש גאָר אויף זיין קאָפּ!

באַלד האָבן זיך אויפגעשטעלט נאָך עטלעכע דרייסטע יינגלעך און, ווען דער ראש־ישיבה איז צוריקגעקומען פון בית־המדרש, איז דער רעש און געפּילדער שוין נישט געווען איינצושטילן.

וואָס פאַר אַ מינע פון איבעררעשונג עס האָט זיך באַוויזן אויפן משגיחס פּנים, ווען ער האָט זיך דערזען פּנים אל פּנים מיט דעם אָפענעם בונט, קען איך דאָ נישט דערציילן. ס׳איז אויך נישט גרינג איבערצוגעבן וואָס איך האָב געהאַט אויסצושטיין אין שטוב, ווען מיין טאַטע האָט זיך אַלץ דערוווּסט. אויסגעפּירט האָבן אָבער די יינגלעך. ווייל מער ווי אַ העלפט פון די תלמידים האָבן אָפּן געזאָגט אַז כל־זמן אין ישיבה וועט בלייבן

דער פֿאַרהאַסטער משגיח, וועט קײנער פֿון זײ נישט צוריקגײן לערנען. ס׳איז אויך קלאָר געוואָרן אַז פֿאַר אַ טײל פֿון די אָנגעזעענע בעלי־בתּים איז נישט געווען צום האַרץ אברהמעלעס פּירעכץ. אַזוי אַרום זענען מיר פּטור געוואָרן פֿון דעם נישט ליבן ייִד. אָבער אַ טויזנט מאָל ערגערע פּלאָג פֿון די משגיחים, צו וועלכע מ׳האָט זיך (נאָכן משלח־זײַן אברהמעלע מילווע) סוף־כּל־סוף צוגעוווינט, זענען געווען די פֿאַרהערערס. אַזוי האָט מען זיך אויך צוגעוווינט צו אברהמעלעס ממלא־מקום אין ישיבה, צו אײַ־טשע־מאיר אברהם־מעכעלס, אַ פֿרײלעכער ייִד, וואָס כאָטש ער פֿלעגט זיך אַ מאָל צעשרײַען: „שקצים, לאָבוזעס, עוקר מן השורש וועל איך אײַך״, האָבן מיר קײן שום ערנסטן סיכסוך מיט אים נישט געהאַט. ערגער איז געווען דאָס אָנשיקעניש פֿון די פֿאַרהערערס.

די פֿאַרהערערס זענען געווען אַ באַזונדערע צרה.

*

ביי אונדז אין שטוב האָב איך אַ סך מאָל געזען די תּלמוד־תּורה־ייִנגלעך, וואָס פֿלעגן פּרײַטיק נאָכמיטיק אַרויפֿקומען מיט אַ קוויטל, אין וועלכן ס׳האָט זיך געשריבן אָט־אַזוי: „מבקש מכבודו לבחון את הבחורים די און די״. אַזוי, איר? האָט דער טאַטע זײ אָנגעקוקט און זײ געהייסן קומען שבת נאָמיטיק. ער פֿלעגט זײ, געווײנטלעך, נישט שטעלן קײן האַרבע קשיות. און טאָמער איז אַ שוואַכער ייִנגל נעבעך אַרײַן אין אַ בלאָטע און נישט געקאָנט אַרויסקריכן, — האָט אים דער טאַטע דערלאַנגט אַ האַנט, צוגעהאָלפֿן און אַרויסגעשלעפּט. אָפּט מאָל האָט גאָר דער טאַטע געראַטעוועט די פֿאַרפֿאַלענע מיט... אַרויפֿשטעלן אויפֿן טיש שבת־אויבסט. שוין דער אָנבליק פֿון די רויט־באַקיקע עפּל, דאָס סאַמעט שוואַרץ פֿון די זאַפֿטיקע קאַרשן, אָדער גאָר דער מאַט־בלוילעכער טוי־קאָליר פֿון פֿלוי־מען, האָט פֿאַריאָגט די אָנגעלאָדנטקײט וואָס אבֿי מיט רבאָן האָבן אָנ־געבראַכט און ייִדישע קינדער האָבן נעבעך זיך געמוזט מאַטערן און שוויצן.

— זײַט טועם, — האָט די מאַמע מײַנע געבעטן און מיט דעם האָט זיך געענדיקט דאָס פֿאַרהערן.

זונטיק זענען די ייִנגלעך נאָך אַ מאָל געקומען. דאָס מאָל שוין נאָכן קוויטל ווי אַזוי דער פֿאַרהער איז אויסגעפֿאַלן. אַוודאי, קײן מאָל איז דער

טאַטע נישט געוועזן צו שטרענג. איך דערמאָן זיך אַפילו ווי ער האָט אַ מאָל אויפגעשריבן אויפן קוויטל פון די צוויי יינגלעך, וואָס האָבן בפירוש נישט געקאָנט דעם שיעור: „נישקשה“.

— סטייטש, טאַטע, — האָב איך אים געפרעגט אַ פאַרוווּנדערטער.

— ס׳זענען אָרעמע קינדער נעבעך, ווער ווייסט צי זיי האָבן אָפּצר־עסן צו דער זעט, טאָ ווי אַזוי־זשע קאָן זיי קריכן אין קאָפּ אַריין דאָס לערנען? זיכער, ווען די מאַמעס זייערע וואָלטן איבער זיי געשטאַנען מיט די טעפּלעך און יאַיכעלעך, ווי דיין מאַמע שטייט איבער דיר, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, וואָלט בפירוש געווען אַן עוולה, ווען זיי קאָנען נישט דעם שיעור.

דאָס האָב איך געזען ביי אונדז אין שטוב, אָבער דאָס זענען דאָך געווען אָרעמע תלמוד־תורה יינגלעך, קינדער פון בעלי־מלאכות. מיט מיר האָט דאָס נישט געהאַט קיין שייכות. פונקט אַזוי איז פון מיר געווען הימל־ווייט דאָס דאָרפס־יינגל פון דער תלמוד־תורה, וואָס האָט געגעסן אַ טאָג ביי אונדז. אמת, מען פלעגט מיך אויך אַמאָל פאַרהערן אין לערנען, אָבער דאָס פלעגט טאָן מיין אייגענער טאַטע, אָדער אַ גאַסט וואָס איז געקומען צו אונדז. אַ מאָל איז עס געווען יאַנקל וואַינער, צי אַן אַנדערער ידיד דעם טאַטנס. ניין, עס איז נישט געווען קיין אָפּקומעניש. דאָ אין דער העכערער כיתה פון דער ישיבה, איז דאָס גיין יעדן שבת זיך פאַרהערן געווען אַ חוב, פון וואָס קיינער האָט זיך נישט געקאָנט אַרויסדרייען, נישט קיין אָרעמס און נישט קיין רייך קינד.

פאַרשיידענע זענען זיי געווען, די יידן, וואָס האָבן יעדן שבת אויס־געפּרוּווט די יינגלעך אין תורה־לערנען. געווען צווישן זיי אַפילו אַזעלכע וואָס זענען אַליין נישט געווען קיין אַזעלכע גרויסע למדנים. דאָס שיקן פאַרהערן צו זיי איז גיכער געווען אַזאַ מין כיבוד, מיט וואָס מען האָט זיי מהנה געווען. מיט אָט דעם סאָרט יידן איז געווען אַ האַלבע צרה. אָט צום ביישפּיל דער רבי ר׳ ישעיהלע, אַ זיידענער ייִד מיט אַ גאָלדן האַרץ. ער האָט אונדז שטענדיק פאַרהערט שבת, צווישן שחרית און מוסף. אָנגעטאָן אין טלית האָט אַ ליכטיקער שמייכל אַראָפּגעשיינט פון זיין לויטער פּנים, ווען ער האָט זיך איינגעהערט אין די צעוואָרעמטע יינגלשע שטימעלעך.

„גוט, גוט, זײער גוט, אָן עין־הרע״, — האָט ער זײ געגלעט איבער די באַקן און געהײסן דעם משמש אַרײנברענגען װײן מיט קיכלעך, מיר זאָלן מאַכן קידוש. אויך מיט ר׳ שמואל־לײב זיסמאַן איז געװען צום אויס־קומען. אָט דער ייִד מיטן אײדעלן פּנים און בלאָנד־זײדענער באָרד, װאָס זײַן גאַנג איז געװען אַזאַ אָפּגעהיטענער, די מינע װי געהילט אין װאַטע, — ער פלעגט אונדז אויך הײסן קומען פאַרן דאַװענען. איך װײס נישט צי ער איז געװען אַזאַ גרױסער למדן. ער האָט נישט געהאַט קײן זאַ גע־װאַלטיקן װילן אַװעקצופּטרן עטלעכע שעה פונעם שבתדיקן פרימאָרגן מיט די ייִנגלעך און פלעגט אונדז אײנס־צװײ אָפּפאַרטיקן מיטן פאַרהער.

יאַנטשע ישראל־יצחקס װידער, אַ ייִד אַ חכם און למדן, האָט סתם חוזק געמאַכט פון דעם ענין „פאַרהערן״. איך דערמאָן זיך, װי איך מיט מײַן חבר פישעלע האָבן אַ מאָל, הינטער דער טיר, אונטערגעהערט װי אַזױ יאַנטשע האָט אײַנגעטענהט מיט מײַן טאַטן:

— זאָג מיר, שמעון, שוטה אײנער, װאָס דו ביסט. צו װעמען שיקט מען עס פאַרהערן דײַן שלמהן, מײַן פישעלען, אָדער אײזשע יאָסל־שמאיס? צום רבין? צו הערשל קאַפּטשיק? אָט די אַלע למדנים װאָלטן דאָך געקאָנט נעמען אַ שיעור בײַ די זעלביקע ייִנגלעך.

בײדע זענען מיר רױט געװאָרן און אויף גיך זיך אָפּגעטראָגן. דער יאַנטשע האָט פײַנט געהאַט אונדזער רבין. אַלײן אַ ייִד אַ פרײלעכער און קליגער, האָט ער נישט סובל געװען דעם מלמד מיטן אַסקעטישן פּנים און מיט די ספּרענזשינע פּיאות װאָס האָבן זיך געבאָמבלט איבער די אויסגעדאַרטע באַקן. און נאָך מער האָט ער אים פײַנט געקריגן, װען אָט דער ייִד האָט אַ מאָל דערצײלט, אַז נאָך די שלושים נאָך זײַן װײב, מען האָט אום שבת אים גראָד אויפגערופן צו דער תורה און ס׳איז פּונקט געלײענט געװאָרן די פּרשה „והוא אישה בבתולה יקח״, האָט ער באַשײנ־פערלעך געזען, אַז פון הימל אַלײן האָט מען גוזר געװען, נישט אַנדערש ער זאָל חתונה האָבן נאָר מיט אַ בתולה.

— זעסט, — האָט יאַנטשע זיך געקאָכט, — צו װאָס דער שװאַנץ האָט שכל! אָט דער יאַנטשע פלעגט אונדז קײן מאָל כמעט נישט פאַר־הערן. גיכער איז עס געװען אַזאַ מין שמועס, װאָס ער האָט מיט אונדז

געפירט װעגן דעם װאָס מיר לערנען. איין מאָל, נאָך אַזאַ שבתדיקן שמועס, האָט ער אויפן קוויטל, װאָס מיר האָבן געקריגן ביי אים אויף צומאָרגנס, אויפגעשריבן: „רבי לא ידע, ר׳ חיא מינין״. אַלע האָבן געלאַכט און דער ראש־ישיבה איז אים פון דעמאָלט אָן געוואָרן אַ דם־שונא.

מיט דעם סאָרט ייִדן איז נאָך געווען ווי עס איז אויסצוהאַלטן, כאָטש עס איז גאָר נישט געווען קיין זאַ פאַרגעניגן, נאָך אַ גאַנצע וואָך אָפּמאָטערן זיך אין דער נאָענט פון משהן דעם ראש־ישיבה און אונטער די היטנדיקע בליקן פון די משגיחים, שבת ווידעראַמאָל זיך אָװעקצוזעצן מיט ייִדן װאָס האָבן „פאַרהערט״. די דאָזיקע האָבן נישט לאַנג געמאַטערט און אויף גיך אונדז באַפרייט.

עס זענען אָבער געווען אַזעלכע פאַרהערערס װאָס האָבן דאָס אויספרוון גענומען טויט־ערנסט. די ייִדן האָבן זיך ממש פאַרמאָסטן צו פאַרביטערן אונדז די איינציקע אָפּרו־טעג נאָכן לערנען.

איינער פון דעם מין איז געווען בערל שיפמאַן.

דאָס איז געווען אַ ייִד העכער פון מיטעלן וווקס, אַ ברייט־פּלייציקער. פון זיין געדיכט־באַוואָקסן פּנים האָט זיך אויסגעשיילט אַ דיקע פּלייִשיקע נאָז און צוויי בייזע אויגן, וואָס האָבן אַפּערגעקוקט פון אונטער געדיכטע ברעמען. איך געדענק אים שטענדיק אַ ריינעם, אַ ציכטיקן. דאָס שוואַרצע עלעפּאַגענע כאַלאַטל אָן דעם מינדסטן שפּרינקעלע, די שיך שטענדיק אָפּגעפּוצטע און דער הויכער טוכענער קאַשקעט, וועלכער איז, אגב, געווען אָן איין־און־איינציקער ביי אונדז אין שטאָט, — אָן אַ שטויבעלע. אין גאַנץ זשעלעכאָוו האָט ער געשמט פאַר אַ ייִד אַ חכם. מען פלעגט אים ניצן צו די שווערסטע בוררותן און מען האָט אים געהאַלטן כמעט פאַרן גרעסטן למדן.

פון שטענדיק אָן האָט בערל שיפמאַן, ווען איך פלעג אַ מאָל זען אונטערן בופעט פון זיין צעלניק־געוועלבל, אָניאָגן אויף מיר אַ מאָדנע שרעק, כאָטש איך האָב אַליין נישט געוווסט די סיבה דערפון. אפשר איז עס געווען זיין פאַרכמורעטע, ערנסט באַוואַקסן פּנים? אפשר די בייז־פינקלדיקע אויגן?

צו אָט דעם ייִד אין די הענט אַריין אין מיר באַשערט געווען אַריינ־

צופאַלן אין מײַנע ישיבה־יאָרן, און נישט װינציק פאַרביטערונג און פאַר־דראָס האָב איך זיך פון אים אָנגעליטן. היות מ׳האָט ר׳ בערלען געהאַלטן פאַר אַ גרױסן למדן, האָט מען צו אים געשיקט אױף פאַרהער נישט סתם יונגלעך. צו מײַן שלימזל, בין איך נישט געװען פון די ערגסטע אין דער ישיבה, איז אױך מיר אױסגעפאַלן כמעט יעדן חודש צו גײן אױף פּרוּװ צו ר׳ בערלען — מיר צוזאַמען מיט מײַן חבר פישעלע אָדער אײַזשען. יאָ, איז דאָס געװען אַ פּרוּװ, אַז כ׳בין שיר־נישט געניזוקט געװאָרן דערבײַ און צעמישט.

אין מײַן לעבן איז מיר נאָך נישט אױסגעקומען געװנומען צו װערן אױף אַזאַ קרײַץ־פאַרהער פון אַן אױספאָרשונג־ריכטער, װי ס׳האָט עס געטאָן ר׳ בערל שיפמאַן. מיט יאָרן שפּעטער, װען איך האָב געלײענט אין דאָסטאָיעװסקיס „פאַרברעכן און שטראָף״, װי אַזױ דער סלעדיװאַטעל פּאָרפירי פּאָרשט־אױס ראַסקאָלניקאָװן, איז פאַר מײַנע אױגן אױסגע־װאַקסן ר׳ בערל אין די שעהען פון זײַן פאַרהערן מיך.

געװײנטלעך האָט ער אונדז באַשטעלט צו קומען שבת אין דער פרי. װינטער איז עס נאָך אַ האַלבע צרה. דער טאָג שטעלט זיך שפּעטלעך און ער איז אַ קורצער. אײדער מען עסט אָפּ און מען כאַפּט אַ שלאָף, איז שױן נאָכן טאָג. האָט מען געװוּסט, אַז דער גאַנצער ענין װעט געדױערן אַ שעה אָנדערטהאַלבן און פּטור. פול ביטערניש זענען אָבער געװען די זומערדיקע שבתים, װען עס איז מיר אױסגעקומען זיך צו פאַרהערן בײַ דעם ייִד ר׳ בערל. זומער, שבת אין דער פרי, לױטערע הימלען הענגען איבערן שטעטל; פאַר די טירן שפּילן זיך קינדער מיט רױט־אױסגעשמירטע פּנימלעך פון די חלהלעך מיט יאַגדעס; ייִדן בעלי־מלאכות, אָנגעטאָן אין די שװאַרצע סאַקעס מיט די סאַמעטענע טלית־זעקלעך אונטערן אָרעם גײען מיט געלאַסענע טריט אין בית־המדרש אַרײַן; פון דאָ און דאָרט אײַלט זיך אַ חסידישער ייִד, אָנגעטאָן אין שלאַפראָק, אין מיקוה אַרײַן; דורך דער הינ־טערשטער טיר פון מענדל כילעכולס בעקערײַ גײען און קומען װײַבער מיט טשײַניקעס טײ און ציקאָריע װאָס מען האָט נאָך פון נעכטן פאַררוקט אין באַקאױװן, כדי צו האָבן כשרע טײ אױף שבת. און איך שפּאַן איצט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ אױף פאַרהער צו ר׳ בערלען. מיר טרעפן אים

שוין זיצן ביים טיש, אָנגעטאָן אין העלן שלאָפראָק און דעם הויכן סאַמע־טענעם קאַפּל אויפן קאָפּ. מיט בנעימותדיקע זיפּעלעך טרינקט ער זיין שבתדיקע „באַוואַרקע".

— זיצט, —לאָדט ער אונדז איין — וואָס־זשע לערנט עטץ היינט?

— חזקת הבתים, — ענטפערן מיר.

— אָה, חזקת הבתים! — פאַלט אַ שפּיזיק שמייכעלע פון זיינע אויגן, — אַ שאַרפע סוגיא. נעם אַרויס, זיי אַזוי גוט, די גמרא. און מיר הייבן אָן דעם שיעור. ער זיצט מיטן רוקן אָנגעשפּאַרט אויפן אָנלען פון שטול און קנייטשט אַלע וויִיל די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן. מיר זאָגן פליסיק דעם גוט־איינגעחזרטן שיעור. מיר האַלטן שוין אין דער מיט; נאָך אַ האַלבע שעה און מיר וועלן האָבן איבערגעקומען. נאָר אָט האָבן מיר אָנ־געטראָפן אַ נישט אויסגעפלאַסטערטן שטיקל וועג. ר׳ בערל עפנט אַ שפּאַרע פון די פאַרקנייטשטע אויגן און הייסט אָנהייבן פון דאָס ניי. הייבן מיר אָן נאָך אַ מאָל, איין מאָל, אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל. ר׳ בערל האָט שוין אין גאַנצן געעפנט די אויגן, זיינע בליקן שניידן שוין קאַלט און אָן רחמנות. מיר ווערן נערוועז, הייבן זיך אָן צו פּלאָנטערן. דורכן אָפענעם פענצטער גיסן זיך איצט אַריין גאָלדענע פּאַסן זון, דער הימל רייצט זיך שוין מיט אונדז. ר׳ בערל שטעלט זיך אויף, גייט צו צום פענצ־טער און לאָזט אַראָפּ די ראָלעטן. אין צימער איז שוין האַלב־טונקל. איך ווער אין גאַנצן צעמישט. איך פּלאָנטער זיך אין דער סוגיא וואָס איז פּלוצלינג שווער געוואָרן. בלויז מיין חבר פישעלע פּרוווט זיך ראַטעווען און צאַפּלט זיך מיט הענט און פיס אַנטקעגן דעם קנויל פון קשיות וואָס פאַלט איצט ווי אַ האָגל אויף אונדזערע קעפּ. ר׳ בערל טוט אַ גלעט די שפּעדיקע באָרד און אויף פישעלעס צאַפּלען זיך, טוט ער געלאָסן אַ זאָג, ציילנדיק יעדעס וואָרט: „דו זאָגסט, אַז דו ביסט גערעכט? יאָך זאָג, אַז גערעכט בין יאָך און גערעכט בין יאָך דאָך טאַקע. וואָס־זשע איז פאַראַן זיך צו שפּאַרן?". דער זייגער איז שוין באַלד עלף, מ׳דאַרף גיין דאַווענען, אָבער ר׳ בערל ווערט נישט נתפּעל, נישקשה, דער שבתדיקער טאָג איז ברוך־השם גרויס און ער הייסט אונדז קומען נאָכן שלאָף. דעמאָלט חזרט זיך ווידער איבער די אייגענע געשיכטע.

ערשט ווען ער האָט אונדז שוין אַזוי פאַרפּלאָנטערט ווי די פיש אין אַ נעץ, הייבט ער פּאַמעלעך אָן אַלץ אויפצופּלאָנטערן. אויף זיין פּנים באַווייזט זיך אַ שמייכל און ער טוט אַ זאָג: „נו, איצט זעט איר שוין ווי קלאָר ס׳איז דער גאַנצער ענין".

צו זיין שבח אָבער מוז איך צוגעבן: קיין מאָל האָט ער אונדז נישט געגעבן קיין שלעכט קוויטל ווען אויספאַל פונעם פאַרהער. ווייזט זיך אַרויס, אַז דער גאַנצער ענין פון פאַרפּלאָנטערן און שפּעטער צוריק אויפפּלאָנטערן איז ביי אים געווען אַזאַ מין ספּאָרט, פון וואָס ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען ער איז אַ מאָל אַרויפגעקומען צו אונדז אין שטוב; דער טאַטע האָט שוין נישט געלעבט און די מאַמע האָט זיך פאַרקלאָגט פאַר אים, אַז איך האָב מיך פאַרנומען אויף שלעכטע וועגן, — האָט ער מיך געמוסרט פאַר די „נייע דרכים".

— אַמאָל האָב איך געמיינט, אַז עפּעס וועט פון דיר אַרויסקומען — האָט ער באַדויערנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

דעמאָלט האָב איך פּלוצלינג אים אַ פרעג־געטאָן מיט דרייסטקייט:

— זאָגט מיר, ר׳ בערל, איצט, מיט אַזוי פיל יאָרן שפּעטער מעג איך דאָך ביי אייך פרעגן: וואָס זענט איר אויסן געווען מיט דעם כסדרדיקן פאַרפּלאָנטערן אונדז ביי די פאַרהערן? דאַכט זיך, אַז אייך דאַרף מען דאָך נישט דערציילן, אַז מיר האָבן כמעט שטענדיק גוט געקאָנט דעם שיעור. זענט איר טאַקע אויסן געווען די יינגלעך צו פאַרשאַפן בלויז האַרץ־קלעמעניש?

ער האָט געשוויגן אַ ווייל, זיין פּנים איז געוואָרן ערנסט, דער שמייכל איז פאַרשוווּנדן, און ער האָט אָנגעהויבן:

— פאַרשטייסטו מיך, שלמה, אין לערנען זענען פאַראַן אַ סך דרכים. פּונקט ווי אין דער טבע, אָדער נאַטור, ווי איר רופט עס, זענען פאַראַן גלייכע, פלאַכע טאָלן און באַרגיקע ערטער. פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן הנאה פון די שטילע, גלייכע פליינען, וועלכע מ׳שפּרייזט דורך אָן שטרויכלונגען און פאַראַן מענטשן וואָס קוויקן זיך אויפן אָנבליק פון הויכע בערג. זיי האָבן אויך הנאה פון קלעטערן אויף זיי. מיין דרך איז דער צווייטער;

איך בין חלילה נישט אויסן געווען אייך צו פאַרשאַפן צרות, נאָר בלויז צו שלייפן און שאַרפן אייערע מוחות, — האָט ער מיט אַ טיפן זיפץ געענדיקט.

וואָס עס זאָל נישט האָבן געווען, — דער ייִד איז געווען אַ מייסטער אויפצוכאַפּן יעדע מינדסטע שטרויכלונג וואָס מיר יינגלעך האָבן אָנגע־טראָפן אויף דעם. אַזוי שווערן וועג פון תורה. זיינע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָבן מיט אייפער געהיטן מיר זאָלן זיך נישט דורכנאַרן. וואָס, וואָס, קיין גרויסע גוטע פריינד זענען מיר, די אַלע יינגלעך, נישט געבליבן אָט דעם ייִד, וואָס פלעגט אונדז אַזוי האַרב פאַרהערן.

איצט, אַז ס׳דערמאָנען זיך יענע יאָרן, רופט אַרויס אַזאַ ר׳ בערל אַ געפיל פון טיפן דרך־ארץ.

7

דער געשאָכטענער מענדעלע

צווישן די הונדערטער ייִדן וואָס האָבן זיך געפּלאָגט אין שווערן עול פון פּרנסה, האָט געלעבט איינער, וואָס איז געשטאַנען כמעט אָן אַ זייט פון דעם גערויש און גערודער מיט וואָס די שטאָט איז אַזוי פול געווען.

געווען איז דאָס אַ ייִד אַן אויסגעטריקנטער, ממש הויט און ביין. פון די אויסגעצויגענע לענגלעכע באַקן האָבן אַרויסגעשטאַרצט די קנאָכנס מיט אַזאַ פּאַרשפּיצטקייט, גלייך זיי וואָלטן אַ ליאַדע מינוט דורכרייסן די געלבלעכע הויט וואָס האָט זיי צוגעדעקט. מחמת דער איינגעדאַרטקייט פון פּנים, זענען זיינע אויגן געווען אַזעלכע גרויסע און אַרויסשטאַרצנדיקע, ווי זיי וואָלטן זיך געריסן צו אַנטלויפן פון די לעכער, וווּ מען האָט זיי איינגעשפּאַרט. אויך דאָס קליינע שיטערע בלאָנדע בערדל איז געווען אַזאַ אָרעמס און צעוואָרפנס און מיט גאָרנישט ענלעך צו די שפּעדיק געדיכטע בערד פון די רעשט פּול־בלוטיקע ייִדן, די זשעלעכאָווער. דער געשאָכטענער מענדעלע, האָט מען גערופן דעם ייִד, וועלכער האָט געלעבט, אַזוי צו זאָגן, ביים ראַנד פון אַלע רעשן. שוין דער אויסזען זיינער האָט געבראַכט מחשבות וועגן מתים וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון יענער וועלט און בלאָנדזשען אַרום אין לעבן ווי אויפן עולם התוהו. אויך די הלבשה זיינע איז געווען אַ מאָדנע: זומער איז מענדעלעס עלעפּאַגענע קאַפּאָטע בישט געווען קיין שוואַרצע אַזוי ווי ביים רוב ייִדן, נאָר אַ ווייסע גאָר. ווינטער איז זיין שמאָל קערפּערל געווען אַנגעטאָן אין אַזאַ סאָרט וואַטע־נעם שפּענצער, וואָס דער אַטלעסענער איבערצוג זיינער איז געווען דורכגעשטעפּט מיט נעט, געקעסטלטע איבער דער גאַנצער לענג און ברייט. „אַ געשטעפּט מלבוש" האָט מען גערופן דאָס מלבוש. אַזוינס האָב איך אַמאָל געזען ביי אונדז, ווען מיין מאַמע האָט געלופטערט די מלבושים און ווי

די מאַמע האָט דערציילט, שטאַמט עס נאָך פון דעם טאַטנס וויפּראַווע, וואָס מ׳האָט אים געמאַכט צו דער חתונה. אָבער שוין יאָרן, אַז קיינער נוצט נישט קיין זאַ מלבוש. מענדעלע איז געווען אַן אויסנאַם מיטן גע־שטעפּטן לייבל. דער געשאָכטענער מענדעלע האָט געלעבט איינער אַליין, אַן אַ ווייב און אָן אַ קינד. מילא, עס טרעפט אַ מאָל, אַ ייִד איז אָן אַ ווייב. איז ער אָדער אַ גרוש, אָדער, דער אייבערשטער זאָל אָפּהיטן, אַן אַלמן. עס איז אָבער נישט דער שטייגער, אַז אַזאַ מצב זאָל אָנהאַלטן לאַנגע יאָרן. אַ ייִד זאָל יאָרן נאָכאַנאַנד לעבן איינער אַלייך, אָן אַ ווייב און אָן אַ קינד, אַזעלכס איז דאָך נישט געהערט געוואָרן. האָבן זיך טאַקע אַרום דעם ייִד געשפּונען פאַרשיידענע מעשיות, געשיכטעס וואָס זענען געווען צו גלייבן אויף אים.

איך דערמאָן זיך איינעם אַ זומערדיקן אָוונט. אויפן בריקל פאַר דער טיר פון אונדזער הויז זענען געזעסן בנימין שלוסאַרזש און כיל לוי׳ס. פון אַנטקעגנאיבער איז אויך אָנגעקומען הערשל שקראָפּ דער שוסטער און ניסן, דער דאַרפסגייער; זיי האָבן אונטערגעהויבן די לעטניקעס און זיך צוגעזעצט צו די שכנים. דעמאָלט האָט זיך פאַרוועבט אַ פוילער, באַזאַכ־טער שמועס. אין מיטן דערינען האָבן זיי זיך פאַרהאַטשעט אין דעם גע־שאָכטענעם מענדעלע. ניסן דער דאַרפסגייער, אַ געפּאַקטער ייִד מיט צווייִ פאַרטערטע אויגן, האָט אָנווינקנדיק געגעבן אָנצוהערעניש אַז דער קאָפּ ביי מענדעלען איז עפּעס נישט מיט אַלעמען. „יאָ, ס׳קעסטל" — האָט ער אַ זאָג געטאָן. „און מיר דאַכט זיך, — האָט הערשל שקראָפּ זיך אָנגע־רופן, — אַז ער איז אויך נישט קיין מאַנספּאַרשוין". דאָ האָט ער באַלד מוסיף געווען: „ווי אַזוי קאָן אַ ייִד אַזויפיל יאָרן אויסקומען אָן אַ ווייב?". בנימין האָט מיט ביטול אָוועקגעמאַכט זייערע רייד.

— ערשטנס: אויב אַ ייִד האָט אַ באָרד איז ער דווקא יאָ אַ מאַנספּאַר־שוין, צווייטנס — האָט בנימין שלוסאַרזש געוווסט צו דערציילן, האָט מענדעלע אַ ווייב מיט אַ טאָכטער אין לובלין, און דריטנס, ווייסט עטך אַלע פון אייערע הענט און פוס.

און בנימין האָט אויסגעטייטשט אַז מענדעלע איז אַזאַ מאָדנער זינט מען האָט אים אין דער צייט פון דער גרויסער מחלוקת מיטן רב לוזער לייב טרייסטמאַן, איבערגעשניטן דעם האַלדז. ווייסט עץ שוין?

עס איז דעמאָלט אַוועק אַ גאַנצע מעשה ווי אַזוי אין אײנער אַ נאַכט, ווען מענדעלע איז שוין געשלאָפן, האָט מען זיך אַרײַנגעכאַפּט צו אים אין שטוב און אים אײַנגעשניטן דעם האַלדז. און אַ מענטש, וועמען מען האָט געוואָלט שעכטן ווי להבדיל אַ קאַלב און ער איז נאָר על פּי נס געבליבן לעבן, אַזאַ מענטש קאָן שוין נישט לעבן אַזוי ווי אַלע אַנדערע. זײַן גאַנץ אַרומדרײַען זיך אויף דער וועלט, פֿאַרשטייט איר מיך, איז פּונקט ווי אײנער וואָס דרייט זיך אַרום אויפֿן עולם הדימיון, באַהיט זאָל מען ווערן! צו וואָסזשע דאַרף אַזעלכער אַ ווײַב און די רעשט זאַכן וואָס אַ לעבעדיקער מענטש מוז האָבן? בנימין האָט געגעבן אַ הייב אויף די אויגן צו זײַנע צוהערערס.

— און צו וואָסזשע דאַרף ער עסן? — האָט הערשל שקראָב געשטעלט אַ האַרבע שאלה, — ווי אַזוי קען אַ לעבעדיק באַשעפעניש אויסהאַלטן אָן עסן? — האָט בנימין זיך אָנגעבייזערט. — האָסט געהערט אַ ייִד אַ פערד! צו וואָס באַדאַרף אַ לעבעדיקער מענטש עסן גאָר?

דער ענטפֿער און דאָס געבייזער האָט הערשלען נישט צופֿרידנגעשטעלט. ער האָט נאָך געפּרוּווט עפּעס זאָגן, אָבער בנימין האָט שוין מער נישט געוואָלט שמועסן, געזאָגט „אַ גוטע נאַכט" איז ער אַרײַן צו זיך אין שטוב.

פֿאַר מיר, אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר צען, וואָס האָט פֿאַרמאָגט די נישט שייַנע מידה פֿון אַרײַנשטעקן די נאָז אומעטום און שטענדיק געהאַט דעם חשק צו קענען די גאַנצע שטאָט, פֿאַר מיר איז דער ייִד מיט זײַן אויסזען, מיט זײַן הלבשה און מיט זײַן אויפֿפירונג געווען אַ רעטעניש, וואָס האָט געלאָקט און געררייצט מײַן קינדערשע פֿאַנטאַזיע. ווען איך האָב אים געזען שפּאַנען מיט זײַנע געמאָסטענע טריטעלעך, קוים אָנרירנדיק די שטיינער פֿון ברוק, דאָס קעפּל אײַנגעצויגן צווישן די שפּיציקע אַקסלען, אָדער ווען ער איז געשטאַנען אין בית המדרש אײַנגעהילט אין טלית, פֿון וואַנען ס'האָט אַרויסגעשטאַרט בלויז די שפּיציקע נאָז און די גרויסע אויפֿגעריסענע אויגן, — פֿלעגט מײַן מוח שטענדיק דורכלויפֿן אַ משונהדיקער געדאַנק: „אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער מת דרייט זיך אַרום צווישן לעבעדיקע ייִדן". אַ שרעק האָט מיך אַרומגעכאַפּט. און קיין ספק נישט, אַז ווען איך

וואָלט דעם ייִד געטראָפן ביינאַכט אויף דער גאַס איינעם אַליין, וואָלט איך אין טויט־געפּלאָטער אַנטלאָפן מיט אַלע כּוחות, אָדער כ׳וואָלט גע־ליימט געוואָרן פון שרעק.

אַ שטיק צייט יענעם פאַרנאַכט, ווען כ׳האָב געהערט דעם שמועס וועגן דעם געשאָכטענעם מענדעלע, זענען מיינע געדאַנקען געווען פאַרנומען מיט דעם ייִד. וואָס איז באמת מיט אים? איין מאָל בין איך צוגעשטאַנען צו מיין מאַמען און זי געפרעגט, צי זי קאָן דעם געשאָכטענעם מענדעלע. „אַוודאי קאָן איך אים, — האָט זי מיר געענטפערט — אַנטקעגן וואָס פרעגסטו?” „גאָרנישט, מאַמע, סתם אַזוי. איז עס טאַקע אמת, אַז מען האָט אים אַמאָל געשאָכטן און פון דעמאָלט אָן איז ער נישט מיט אַלע־מען?”

און וועלנדיק אויספּאַקן מיט איין מאָל אַלע מיינע קינדערשע ספּי־קות און דעם גאַנצן נייגיר, האָב איך זי גענומען באַשיטן מיט שאלות.

— האָט ער אַ ווייב מיט אַ טאָכטער אין לובלין? איז ער טאַקע נישט קיין מאַנספּאַרשוין?

די מאַמע, וואָס איז גראָד געשטאַנען ביי דער קיך אַ פאַרנומענע ביים אָפּשוימען אַ געקעכטס, וואָס איז צוליב מיינע צוטשעפּענישן אויסגעלאָפן, האָט מיר דערלאַנגט אַ גאָב:

— פּעך, סמאָלע, זאַקאַציע, וואָס האָסטו דיך צוגעטשעפּעט צו מיי־נע יאָר? אַ ייִנגל זאָל בעסער נעמען און אַריינקוקן אין אַ ספר, האָט דאָס גאָר אין זינען אַ געשאָכטענעם מענדעלע, אַז צאָלי שוויאַט נאַ מאָיען גלאָ־ווען. די גאַנצע יויך איז מיר אויסגעלאָפן צוליב אָט דעם שטיק פּעך, — האָט זי שיִער־נישט געוויינט.

איך בין קוים אַ לעבעדיקער אַנטלאָפן פון דער מאַמעס כעס און ווי־דער געבליבן מיט אומגעשטילטן נייגיר.

ווען איך האָב שוין געהאַט אויפגעגעבן די האָפענונג צו דערוויסן זיך עפּעס וועגן דעם ייִד, איז די הילף געקומען אין גאַנצן אומדערוואַרט. נישט נאָר איך האָב געהאַט די געלעגנהייט מיט אים צו רעדן, נאָר כ׳האָב מיך באַקאַנט מיט אים אויף גאָר אַ נאָענטן אופן.

אַ פאַרנאַכט, איך בין אַהיימגעקומען פון חדר, אָפּגעגעסן וועטשערע

און אַזוי ווי איך האָב נאָך פון נעכטן געהאַט פאַרענדיקט דאָס לייענען ס׳מעשה־ביכל וועגן אַ ממזר אַ תּלמיד־חכם, וואָס איך האָב געהאַט גע־באַרגט ביי מיין פעטער שימעלע, בין איך תּיכּף נאָכן עסן צוגעלאָפן צום פעטער אָפּגעבן אים דאָס ביכל כּדי צו נעמען אַן אַנדערס. עס איז געווען טאַקע אין יענעם זומער, ווען מיין פעטער דער טרוימער האָט זיך אַריינ־געגומען אין קאָפּ אַריין, אַז ער מוז זיך מיט גוואַלד, איין מאָל פאַר אַלע מאָל פּטור ווערן דעם גלות און זיך באַזעצן אין הייליקן לאַנד פון די אבות. ער איז נאָר וואָס געהאַט צוריקגעקומען פון וואַרשע, וווּ ער האָט זיך פאַרשריבן אין אַ חברה פאַר ישוב ארץ־ישראל. איינגעצאָלט פינף און צוואַנציק רובל און אַהיימגעבראַכט אַ ביכעלע, וווּ עס איז געווען באַשריבן גענוי און אַקוראַט מיט אַלע פּרטים די תּקנות פון דער חברה און אויף וואָס פאַר אַן אופן עס וועט אויפגעבויט ווערן איר קאָלאָניע. טאַקע דאָרט, ביים פעטער אין שטוב, האָב איך געטראָפן דעם געשאַכטענעם מענדעלע.

אין דער ערשטער מינוט בין איך געבליבן שטיין ווי אַ געליימטער ביי דער שוועל, אַנטקעגנאיבער דעם טיש, וווּ ער איז געזעסן. איך האָב ממש נישט געקאָנט אַ ריר־טאָן מיט אַ פוס אַריינצוגיין ווייטער.

— אַ גוטן אָוונט, שלמה, — האָט זיך דער פעטער דערפרייט מיט מיר, — וואָס מאַכסטו? עטלעכע טעג דיך שוין נישט געזען.

אַז איך האָב באַך אַלץ זיך נישט גערירט פון אָרט, האָט דער פעטער זיך געגעבן אַ האַסטיקן שטעל אויף. ווייזט אויס, מיין אויסזען, מיין שווייגן און דאָס נישט באַוועגן זיך האָט אים באַאומרויקט און ער איז צו־געלאָפן צו מיר, אָנגענומען מיך ביי דער האַנט און צעשראָקן געפרעגט:

— וואָס איז געשען?

ערשט האָב איך מיך אויפגעכאַפּט און אַ פאַרשעמטער געענטפערט:

— גאָר נישט, פעטער, גאָר נישט.

— פאַרוואָסזשע ביסטו אַזוי צעשראָקן, — איז דער פעטער נישט אָפּגעשטאַנען.

— איך ווייס אַליין נישט, — האָב איך שוין געשמייכלט. — איך בין געקומען דיר אָפּגעבן דאָס ספרל און נעמען אַן אַנדערס.

איך האָב מיך אַנידערגעזעצט ביים טיש; דער פעטער האָט מיך אויס־

געפרעגט וואָס מען הערט אין שטיבֿ און נאָך אַלץ נישט געקאָנט פאַר־שטיין די סיבה פון מיין פאַרלוירנקייט. און איך בין נאָך אַלץ געווען אונטערן איינדרוק פון דעם אומגעריכטן צוזאַמענטרעף מיט דעם ייִד וואָס האָט אַזוי געלאָקט מיין פאַנטאַזיע. און געשען איז אַ מאָדנע זאַך: נאָך עטלעכע מינוט זיצן ביים טיש, וואָס מער מיינע בליקן האָבן בגנבה גע־בלאָנקעט אויף מענדעלעס פּנים, אַלץ מער איז מיין שרעק פאַרשוווּנדן. זיינע אַרויסשטאַרנדיקע אויגן און דאָס אויסגעצויגענע פּנים זענען איצט געווען באַדעקט מיט אַ ליכטיקן שמייכל.

— ווער איז דאָס ייִנגעלע? — האָט ער מיט וואַרעמקייט אין קול געפרעגט.

— דאָס איז מיין שמעונס ייִנגסטער זון, — האָט דער פעטער גע־ענטפערט. — איך ווייס נישט וואָס ער איז אַריינגעקומען עפּעס אַזאַ צעטראָגענער.

— מאַלע וואָס, אפשר זיך דערשראָקן, אַ קינד, — האָט מענדעלע געשמייכלט און ממשיך געווען דעם איבערגעריסענעם שמועס.

— הייסט עס, שמעון, אַז דו טראַכסט טאַקע וועגן ארץ־ישראל?

— אַוודאי איז דאָס דער איינציקער אויסוועג פון באַנייען אונדזער לעבן.

— פאַר איין זאַך מוז איך דיך אָבער וואַרענען, — האָט ער גע־גלעט דאָס שיטערע בערדל — מען טאָר בשום אופן נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט די שוועריקייטן וואָס אונדזערס אַ מענטש קאָן דאָרט אָנ־טרעפן. נאָך אַלע מעשׂיות, האָט ער געשמייכלט, זענען דאָך צוויי טויזנט יאָר גלות נישט קיין טאָג, וואָס מען קאָן מיט איין שפּרונג געבן אַ שפּרייז אַריבער און גאָר נישט. אַפילו פון אַן אייגענער מאַמע, נאָך אַזאַ צייט נישט זיין צוזאַמען, געוווינט מען זיך אָפּ.

איך האָב מיך דערווייל אויפגעהויבן פון טיש און ביי דער ספרים־שאַנק אָנגעהויבן נישטערן אין דער אונטערשטער פּאָליצע,ווו דער פעטער האָט געהאַלטן זיינע מעשׂה־ביכלעך.

— וואָס צעוואַרפסטו מיר שוין ווידער די ספרים־שאַנק? — האָט פעטער שימעלע מכלומרשט זיך געבייזערט, — אַ ריין אומגליק מיט דעם

יינגל, נאָר מעשיות גיב אים צו לייענען. אַנשטאָט צוצולייגן דעם קאָפּ צו דער גמרא, איז ער אייביק פאַרטאָן מיט מעשה־ביכלעך.

— און דו, פעטער, ביסטו דען אַנדערש? — איז מיר געלעגן אויף דער צונג אים צו ענטפערן, ווייל ווער, ווער. איך האָב דאָך יאָ געוווסט, אַז דער פעטער גיט אויס די לעצטע גראָשנס אויף איינצוהאַנדלען זיך אַלערליי ביכלעך און ספרימלעך. פּלוצלינג האָט מענדעלע זיך אָנגערופן:

— הער מיך אויס, יינגעלע, אויב דו האָסט אַזאַ חשק צום לייענען, כאַפּ דיך אַריין צו מיר אין שטוב; אין מיין ספרים־שאַנק, גלייב איך, וועסטו געפינען אין וואָס אַריינצוקוקן.

ווי לעבעדיק שווימט אַרויס פאַר מיינע אויגן יענער נאָכמיטיק, ווען כ'בין צום ערשטן מאָל אַריינגעקומען צום געשאָכטענעם מענדעלען. שרייבנדיק דאָס, פיל איך נאָך איצט דעם אינערלעכן פלאַטער וואָס האָט מיך אַרומגענומען, ווען איך האָב איבערגעטרעטן די שוועל פון זיין שטוב. עטלעכע וואָכן דורכאַנאַנד, זייט יענעם פאַרנאַכט ביי מיין פעטער שימעלע, זענען פאַרביי, ביז וואַנען איך האָב זיך דערוועגט אַרויפצוגיין צו מענדעלען. וויפל מאָל איך בין פאַרבייגעגאַנגען פיניע סטאָלאַרשס הויז, וווּ דער געשאָכטענער מענדעלע האָט געוווינט, האָט מיין האַרץ געזעצט ווי מיט האַמערס. אָט שטיי איך שוין ביים טויער, אָט האָב איך שוין אַריבערגעשפּרייזט דאָס שטיינערנע בריקל און איך בין שוין ביי די טרעפּ צו מענדעלעס דירה, נאָר אַן אומזעבאַרע האַנט שלעפּט מיך צוריק. און איך גיי טאַקע אַוועק, כדי אויף צומאָרגנס ווידער צו טאָן דאָס אייגענע. ביז איין מאָל, ווען צוליב עפּעס (דאַכט זיך, אַז דער מלמד איז דעמאָלט נישט געזונט געוואָרן) האָט מען מיך באַפרייט פון חדר באַלד נאָכמיטיק און נישט וויסנדיק ווי אַזוי, האָב איך זיך דערזען ביי דער טיר פון געשאָכטענעם מענדעלע.

די גרויסע שטוב איז געווען פאַרגאָסן מיט ליכט וואָס האָט אַריינגעפלייצט דורך די צוויי אָפענע פענצטער. אויפן בעט וואָס איז געשטאַנען לינקס פון דער טיר איז געלעגן מענדעלע. ביי מיין אַריינקומען האָט ער אויפגעהויבן די אויגן פונעם ספר, אין וועלכן ער האָט אַריינגעקוקט. אין דער ערשטער מינוט האָט ער מיך מסתמא נישט דערקענט. זיין בליק איז

געפאַלן אויף מיר מיט אומווילן, ווי פון אַ מענטש וועמען מען האָט אומ־געריכט געשטערט. באַלד אָבער האָבן זיינע גרויסע אויגן וואַרעם באַלויכטן זיין אויסגעצויגן פּנים.

— אָה, דאָס ביסטו, שלמה, שמעון שוחטס יינגל? וואָסזשע שטייסטו ביי דער טיר? קום אַריין. ער איז אַראָפּ פון בעט, אָנגעטאָן אַ פּאָר שטעק־לאַטשן; אין דער קאַפּאָטע איז זיין פיגור געווען נאָך שמעלער, מער נאָך איינגעדאַרט. ער האָט אַרויסגערוקט אַ בענקל און מיך געבעטן זיצן. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— וואַרט צו אַ ווײַלע, איך גיי אַראָפּ אויף עטלעכע מינוט, באַלד קום איך צוריק.

אין דער צייט פון זיין אָפּוועזנקייט האָב איך מיך אַרומגעקוקט. גרויס און פירעקיק איז געווען דאָס צימער. ס׳ערשטע וואָס האָט זיך גע־וואָרפן אין די אויגן, איז געווען די אויסערגעוויינטלעכע ריינקייט וואָס האָט געפּעכלט פון יעדן ווינקל: די פּאָדלאָגע כמעט ווייס, די ווענט און דער סופיט אַזוי ווי נאָר וואָס אויסגעקאַלעכטע. רעכטס פון דער טיר, אַנטקעגנאיבער דעם בעט, זענען געשטאַנען צוויי שענק, איינע אַ פּאַר־מאַכטע, פאַר מלבושים און די צווייטע מיט גלאָז־טירן, פול אָנגעפּאַקט מיט ספרים. איך האָב געכאַפּט אַ בליק אין דעם אָפענעם ספר וואָס ער האָט געלאָזט אויפן בעט: „דור דור ודורשיו״ פון אייזיק הערש ווייס.

ער איז צוריקגעקומען, זיך געפּאַרעט אַ ווייל אין דעם קליינעם קיכל, וואָס איז געווען אָפּגעגראַדזשעט פון דער שטוב מיט אַ האַלב שפּאַניש ווענטל און פון דאָרט אַרויסגעבערענגט אויף אַ טעלער עפּל, פלוימען און באַרנעס. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגנאיבער, מיך געבעטן טועם זיין און געפרעגט: „פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען ביז היינט?״. און גלייך ווי ער וואָלט אַרויסגעלייענט מיינע געדאַנקען, האָט ער אַליין באַלד פאַרענטפערט די דאָזיקע קשיא: „מן הסתם זיך געשראָקן פאַרן געשאָכ־טענעם מענדעלע״.

איך האָב זיך געריטלט און אָנגעהויבן מורמלען וועגן פּאַרנומענקייט, אַז ס׳חדר נעמט מיר צו די גאַנצע צייט.

— דאַרפסט זיך נישט שעמען, — האָט ער גוטמוטיק גערעדט —

איך ווייס אַז די בהמות קוקן אויף מיר ווי אויף אַ בייז ווונדער. איז עס גאָרנישט קיין חידוש, האָט ער ווייטער גערעדט און דאַכט זיך, מער צו זיך אַליין ווי צו מיר, אַז אַ מענטש וואָס איז זיך נוהג אַ ביסל אַנדערש, איז ביי זיי ווי עפּעס אַן אַנשיקעניש.

אַ ווייל האָט געהערשט אַ שטילקייט, און גלייך ער וואָלט זיך דערמאָנט אין מיינע ווערטער וועגן חדר, האָט ער שוין גערעדט אַנדערש.

— אַוודאי, עס איז דער רייַנער אמת וואָס דו זאָגסט, אַז די מענטשן נעמען צען־יעריקע קינדער און האַלטן זיי פאַרשפּאַרט צוועלף שעה אַ טאָג פּונקט ווי אין תפיסה.

איך בין געזעסן און געשטוינט. ס׳ערשטע מאָל הער איך פון אַ מענטש אַזעלכע דיבורים. אין דער מינוט האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם עגמת־נפש וואָס מיין טאַטע און אַ סך אַנדערע האָבן געהאַט, ווען אין דער יידישער צייטונג האָט זיך אַ מאָל באַוויזן אַ ידיעה, אַז מען וועט אין די חדרים איינפירן פּעריעס אין די זומערדיקע חדשים.

— וואָס הייסט, — האָבן יידן זיך מצער געווען, — ס׳טייטש מען וועט אָפּרייסן קינדער פון דער תורה אויף גאַנצע דריי חדשים? און מיט גאָטס הילף איז פון דער גזירה גאָרנישט געוואָרן; ביי אונדז אין שטיבל האָט מען דערפאַר געטרונקען בראָנפן. און דאָ זיצט אַ ייד מיט באָרד און פּיאות און באַדויערט וואָס מ׳האַלט פאַרשפּאַרט יידישע קינדער צוועלף שעה אַ טאָג.

— נו, זייזשע עפּעס טועם — איז ער צוגעשטאַנען — און זוך דיר אויס צווישן די ספרים וואָס דיר געפעלט.

אויף אַזאַ אופן איז פאַרגעקומען מיין באַקאַנטשאַפט מיט אָט דעם מענטש, וואָס האָט אַזוי שטאַרק גערייצט מיין יינגלשן נייגיר. און וואָס מערער מיינע וויזיטן ביי אים האָבן זיך איבערגעחזרט, אַלץ ליבער האָב איך געקריגן אָט דעם מאָדנעם ייד, וואָס זיין אויסערלעכע געשטאַלט איז געווען אַזאַ אָפּשרעקנדיקע. אָט דער געשאַכטענער מענדעלע איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געוועקט אין מיר אומרו און אומצופרידנקייט. און אויף וואָס פאַר אַן איידעלן אופן ער האָט זיך צוגערירט צו מיין קינ־

דערישן געמיט! נישט מיט קיין חוזק און נישט מיט פאַרביטערונג, וואָס איז געווען אייגן דעם רוב אויפגעקלערטע פון עלטערן דור (אַזעלכע האָב איך שפּעטער אָנגעטראָפן אין די שטעטלעך, ווו עס איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן). זיינע שמועסן מיט מיר האָבן זיך שטענדיק געדרייט אַרום דעם ווי אַזוי מען וואָלט באַדאַרפט אויסבעסערן דאָס ייִדישע חדר. ער פלעגט טענהן, אַז אַ ייִדיש קינד מוז לערנען תורה, וואָס איז דער שורש פון ייִדישקייט, אָבער נישט אַלע דאַרפן דאָך פּסקנען שאלות ביי ייִדן! צו דעם איז נייטיק דאָס חדר, וואָס טאָר נישט זיין קיין יאָך פאַרן קינד. טרויער האָט געגליט אין זיין קול. שלעכט איז אויך מיט די בעלי־מלאכות, וואָס וואַקסן אויף ביי אונדז. ס׳רוב וואַקסן זיי אָן תורה און אָן וויסן. איך פלעג זיצן אַ פאַרגאַפטער פון די נייע ווערטער וואָס האָבן געוועקט אומרו אין מיין ייִנגליש געמיט.

ביי דעם ייִד האָב איך זיך דערוווּסט ,אַז אַ חוץ גמרא, פּוסקים און מעשה־ביכלעך פון צדיקים, זענען פאַראַן אויך ביכער וואָס דערציילן וועגן דער גרויסער וועלט. און מיט וואָס פאַר אַ פאַרזיכטיקייט ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אָט דער נייער וועלט. צום ערשט האָט ער מיר געגעבן ספרים וועגן ייִדישער געשיכטע. פון זיין האַנט האָב איך געלייענט דעם יוספין, דעם יון המצולה, ביכלעך פון ידיעת הטבע און באַשרייבונגען פון גירוש שפּאַניע. ערשט אין צוויי יאָר אַרום האָט ער מיר געגעבן פאַרבאָטענע ביכלעך פון דער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור. ווען איך טראַכט היינט וועגן זיינע איינטיילונגען פון די ביכער, וואָס ער האָט מיר געגעבן צום לייענען, באַוווּנדער איך דעם קריטישן חוש וואָס דער מענטש האָט פאַרמאָגט. ווען ער האָט מיר געגעבן פּרץ סמאָלענסקינס „קבורת חמור״, וואָס איך האָב, פאַרשטייט זיך, געלייענט באַהאַלטענערהייט, האָט ער מיר אויסגעטייטשט, אַז אייגנטלעך איז דער מחבר נישט געווען אין גאַנצן אָביעקטיוו; ער איז צופיל מיטגעריסן געוואָרן פון אייגענער פאַרביטערונג. וועגן מענדעלעס „קליאַטשע״ און „מסעות בנימין השלישי״ האָט ער גערעדט מיט אָן אַ שיעור באַגייסטערונג: „פאַרשטייסטו מיך, דאָס איז דער אמתער שפּיגל פון אונדזער לעבן״. אויך פון פייערבערגס „לאן״ האָט ער געהאַלטן אַ וועלט, כאָטש ער איז נישט געווען

מסכים מיט דעם שטורמישן אויסברוך פון אַט דעם באַנען־ברעכער, וואָס האָט מיט אַזאַ פייער געוואָלט מיט אַ מאָל אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם גאַנצן עול. און אינטערעסאַנט: פון זײַן מויל האָב איך געהערט די ערשטע שבחים וועגן אונדזער בן־עיר, איטשע־מאיר ווייסנבערג, וועלכער איז מיט זײַן אופן שרײַבן, וואָס האָט נישט באַהאַנדלט קיין פּראָבלעמען, נישט געפעלן געוואָרן די משכּילים, וואָס האָבן דער עיקר געזוכט תכלית אין דער ליטעראַטור.

און כאָטש איך פלעג שעהן־לאַנג פאַרברענגען מיט אַט דעם מענטש אין פאַרשיידענע שמועסן, האָב איך קיין מאָל זיך נישט געקאָנט דערוויסן וועגן זײַן לעבן און זײַן איינזאַמקייט. נישט ער האָט גערעדט דערפון און נישט איך האָב געוואַגט צו פרעגן. פאַר אַ צייט לאַנג איז דאָס אינטימע פון אַט דעם מענטש געווען פאַר מיר אַ סוד, פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. ווייזט אויס, אַז אַ מענטש איז סוף־כּל־סוף נישט מער ווי אַ שוואַך באַשעפעניש. וויפל אַ מענטשלעך האַרץ זאָל זיך נישט וועלן פאַרפּאַנצערן קעגן דעם דרויסן, טרעפן דאָך מינוטן, ווען מען מוז עס אַנטבלויזן. איך מיטן געשאָכטענעם מענדעלע האָט געטראָפן ענלעכס.

עס איז געווען אַ ווינטערדיקער טאָג, אין דער צייט פון דער ווילהעלמישער אָקופּאַציע. איך בין שוין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר פערצן. אַזוי ווי איך האָב שוין עטלעכע טעג נישט געהאַט געזען מײַן עלטערן גוטן פרײַנד, בין איך אַרויפגעגאַנגען צו אים זען וואָס ער טוט. איינציייטיק האָב איך געהאַט בדעה צו נעמען ביי אים עפּעס צום לייענען. דער דרויסן איז געווען אַ הינטישער, פון די טריבע הימלען האָט אָן אויפהער געקאַפּעט און געבראַכט טרויעריקע מחשבות וועגן פאַרגאַנג פון יוגנט און פרילינג. איך האָב געעפנט די טיר און געטראָפן מענדלען ליגן אין בעט. די שטענדיק ציכטיקע שטוב האָט איצט געווייעט מיט אומעט, וואָס האָט געיאָגט פון אַלע ווינקלען. דורך די פענצטער האָט אַרײַנגעקוקט אַ ברודיקער, דורכגעווייקטער הימל; דאָס דינע רעגנדל, געבייטשט פון ווינט, האָט אומהיימלעך געקלאַפּט אין די פאַרטרערטע שויבן. פון דעם איבערבעט, אין וועלכן ער איז געווען אײַנגעקנוילט, האָט זיך אַרויסגעזען בלויז זײַן דינע נאָז, וואָס איז איצט געווען אַ סך צוגעשפּיצטער און די אויגן האָבן

געקוקט מיט שאַרפער אויפגעריסנקייט. אַ האַלב־טונקלקייט איז געהאנגען אין חלל.

— וואָס איז אייך, ר׳ מענדל?

— איך ווייס אַליין נישט, — האָט ער געענטפערט, — עפּעס נישט מיט אַלעמען.

— פון ווען אָן ליגט איר? און ווער דערלאַנגט אייך עפּעס אין מויל אַריין, — האָב איך ווייטער געפרעגט.

— עט, — האָט ער ביטולדיק אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט. — ס׳קומט אַרויף אַ שכנטע.

— און אפשר דאַרף מען רופן אַ דאָקטער? ס׳כאַטש דאָ וואָס צו נעמען אין מויל אַריין? — בין איך נישט אָפּגעשטאַנען. און אַז ער האָט אין פאַר־לעגנהייט געשוויגן, האָב איך מיך גענומען פאַרען אין קעכל, אונטערגע־צונדן אַ פייער און אָנגעהויבן צוגרייטן אַ גלאָז טיי. ווען ער האָט אויס־געטרונקען דאָס גלאָז טיי, וואָס כ׳האָב אים דערלאַנגט, האָט ער פלוצ־לינג אַ זאָג געטאָן:

— דו געדענקסט דאָך מסתמא די פלוגתא צווישן די חז״ל: „טוב לאדם שלא נברא משנברא״, דאָס איז זיכער געזאָגט געוואָרן וועגן מיר, — און אַ טרויעריקער שמייכל האָט דורכגעקרייציקט זיין פנים.

אַ ווײַלע איז געוואָרן שטיל. אַ טיפער טרויער האָט גענומען נאָגן מיין געמיט. און ער, גלייך ער וואָלט ווייטער געצויגן דעם פאָדעם פון זיינע געדאַנקען, האָט גערעדט מערער צו זיך אַליין: „שווער, כמעט אומ־מעגלעך איבערצומאַכן דעם סדר־העולם און צו לעבן איינער אַליין, ווי אַן עלנטער שטיין״.

איך האָב דערפילט אַ שעת־הכושר צו באַפרידיקן מיין דערשטיקטן נייגיר און איך האָב אַ זאָג געטאָן: „און פאַר וואָס טאַקע, ר׳ מענדל, פירט איר אַזאַ לעבן?״. תיכף האָב איך חרטה געהאַט אויף די ווערטער. ווידער אַ שווערע שטילקייט. זיין פנים האָט זיך אַ קרים געטאָן אין אַ ווייטיקלעכער גרימאַסע און די אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן נעפּלען ווי איינ־געטונקטע אין פייכטקייט. מיט אַ נערוועזן צוויק האָט ער פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ, גלייך ער וואָלט זיך געשלאָגן מיט דער דעה: יאָ, אָדער

נישט רעדן? באַלד האָט זײַן פּנים אָנגענומען דעם באַקאַנטן שמײכל און ער האָט געזאָגט:

— מילא, אַז דו האָסט שוין געפֿרעגט און דו ביסט דאָך שוין אַ דערוואַקסן ייִנגל, מעגסטו עס װיסן.

— ...מן־הסתם איז דיר באַקאַנט אויף װאָס פֿאַר אַן אופֿן עס זענען מיט פֿינף און צװאַנציק יאָר צוריק געשלאָסן געװאָרן שידוכים בײַ ייִדן. די מחותּנים האָבן זיך געטראָפֿן בײַם רבין; אײנער פֿון זײ האָט פֿאַרמאָגט אַ ייִנגל, דער צװײטער אַ מײדל און עס איז אין אַ שעה־מוצלחת געװאָרן אַ זיװוג. זעכצן יאָר בין איך אַלט געװען צו דער חתונה. און זיכער װאָרטסטו צו הערן, — האָט ער שעלמיש אַ שמײכל געטאָן, — אַ מעשה פֿון אַ װײַבל אַ שלאַק, אַ פֿאַרזעעניש װאָס מען האָט מיר אײַנגעשלײערט. װי עס װערט געשילדערט אין די ראָמאַנען, — האָסטו במחילה אַ טעות. דװקא האָב איך געקריגן אַ װײַבל אַ פֿאַרשױן און אַ יפֿת־תּואר. מילא מיך, קאָנסטו װאָס פֿאַר אַ העלדישער מאַנספּאַרשױן איך בין הײַנט, שטעל־זשע דיר פֿאָר װי אַזױ איך האָב אױסגעקוקט מיט דרײַסיק יאָר צוריק. ריכטיק, איך האָב געשמט פֿאַר אַן עילוי, אָבער פֿאַר אָט דעם מײדל איז מײַן תּורה נישט װערט געװען קײן שמעק טאַבאַק.

ער איז מיט אַ מאָל שטיל געבליבן, גלײַך עס װאָלטן אים װײטיקלעך אַ גריבל געטאָן שװערע זכרונות. דערנאָך האָט ער װידער אָנגעהױבן רעדן.

— איך האָב קײן מאָל נישט גורס געװען דעם מאמר חז״ל: „וקנה לך חבר״. על אחת כּמה וכּמה האָב איך נישט געװאָלט מיט מײַן רעכט פֿון חופּה וקידושין קױפֿן ליבע. און איך האָב באַפֿרײַט דאָס ייִנגע װײַבל — — — יאָרן־לאַנג האָב איך מיך אױסגעלעבט מיט אָט די פֿרײַנד מײנע, — האָט ער אַ װײַז־געטאָן אױף דער ביכער־שאַנק, און עס האָט מיר געקלעקט. אמת, אױף די עלטערע יאָרן הײבט מען אָן מערער דערפֿילן די עלנטקײט, נו מילא, אָנצוהײבן אױפֿסנײַ, אַנדערש, איז שוין צו שפּעט.

װידער האָט אַ שטילקײט זיך אָפּגעזעצט. אַ שטיק צײַט בין איך נאָך געזעסן. עס איז געװאָרן נאַכט. דער פֿאַרכמורעטער הימל האָט אָנגעיאָגט שאָטנס, װאָס האָבן זיך געשאַרט אױף די װענט פֿון דער אומעטיקער שטוב, און ביז הײַנט קלינגט נאָך אַלץ דער עכאָ פֿון יענע טרױעריקע װערטער, װאָס האָבן זיך אַרױסגעריסן פֿון אַ צעװײטיקט און רײן געמיט.

8

טשעלענטניקעס

1

מיטן נאָמען „טשעלענטניקעס״ האָט מען גערופן די לייט וואָס האָבן געהאַנדלט מיט קעלבער. אַ סך ייִדן אין זשעלעכאָוו האָבן זיך פאַרנומען מיט אָט דעם מיסחר, וואָרן וועלכער דאָרפס־גייער אָדער סתם אַזוי אַ ייִד וואָס לויפט דורך דעם מאַרק און עס טרעפט זיך אים צו קויפן במקח אַ קאַלב, ביי וואָס ער האָט געקאָנט כאַפּן אַ פאַרדינסטל, — האָט אַזאַ מיסחר נישט געמאַכט? אָבער אמתע „טשעלענטניקעס״, ביי וועמען דאָס איז געווען די הויפּט־פּרנסה, זענען געווען בלויז געציילטע.

וועגן צוויי פון אָט די ייִדן און זייערע משפּחות וועלן דאָ זיין די רייד.

זישע יאַנקל־מאירס און יעקב־שאול זענען געווען שוואָגערס. זייער שווער, מאיר יאָרטשעווער, איז געווען אַ ברייט־צעוואָקסענער מיט אַ געדיכטער באָרד אַרום אַ דיק, מיט בלוט שפּריצנדיק פּנים. כאָטש איך געדענק אים שוין ווי אַ זקן, אָבער דער גאַנג זייַנער איז נאָך געווען אַ זיכערער און פעסטער. פון דעם גאַנצן שטעל, סיי פון זיין ברייטפּלייציקייט, סיי פון זיין מעכטיקער באָרד ווי פון זיין זיכערן טריט האָט געווייעט מיט פאַרוואָרצלטקייט.

צוליב אָט דעם שווער זייערן זענען ביידע איידעמס אַריין אין דעם מיסחר און געוואָרן טשעלענטניקעס. פון מיינע פריסטע יאָרן האָב איך געקאָנט אָט די צוויי ייִדן, וואָס האָבן געוווינט אין שכנות מיט אונדז.

זומערדיקע שבת־צונאַכטסן. ווי באַלד עס באַווייזט זיך דער ערשטער שטערן אויפן טונקל־בלויען הימל, ווייבער־זיצן אויף די שוועלן, מורמלענדיק דעם „גאָט פון אברהם״ און אין האַרץ טליִעט אַ נאָגעניש נאָך דעם אוועקגייענדיקן שבת, — שוין אין דער טונקל־שעה הייבט זיך אָן דאָס

קאַכעניש ביי יעקב־שאולן אין שטוב. יעקב־שאול, אַ הויכער פלייציקער יִיד מיט אַ געלער באָרד, קומט אָן פון גאַס. און אַ סברא, אַז ער איז אין גאַנצן נישט געווען אין בית־המדרש צו מינחה־מעריב, נאָר ער איז געזעסן ביי אהרן פסאנקער אין שענק און געטרונקען ביר. אַז ער דערזעט פון דער ווייטנס, אין שטוב ביי אים איז נאָך נישט אָנגעצונדן קיין ליכט, הייבט ער אָן וואָרטשען: „אַ כאָלערע אויף אייך, ממזרים, אַ שוואַרץ לעבן אויף זייערע קעפּ, נאָך אין דער פינצטער; פרומע ייִדן, חסידים זענען זיי מיר געוואָרן״.

— הוי, בריינדל, — הייבט ער שוין אויף דאָס קול — ווהין האָט דאָס דיך די כאָלערע פאַרטראָגן?

און זיין ווייב, בריינדל? זי איז פונקט נישטאָ אין דער היים, איז דאָך נישטאָ ווער עס זאָל ענטפערן. עס טרעפט אָבער ,אַז פון אַ שוועל פון אַ שכנותדיקער שטוב, ווו זי זיצט איצט מיט ווייבער, דערהערט זי איר שיינעם „געשפּאַנס״ קולות. הייבט זי זיך אויף, זאָגט „אַ גוטע וואָך״ די שכנטעס און פון וועג, גייענדיק צו זיך אין שטוב, ענטפערט זי אָפּ אויף דעם מאַנס געשרייען מיט אַ מענה־לשון:

— זע נאָר, ווי ער האָט זיך צעקוויטשעט, דער וואַזשנע בריה מיינער, אַ שטומעניש זאָל אויף אים קומען. אַז די צונג זאָל אים אָפּגעדאַרט ווערן, ריבונו־של־עולם אין הימל, ביסט אַ מבין, וואָסערע וויסטע קולות דאָס מאַכט?

אויפן וועג פון בית־המדרש, ווען ייִדן גייען פאַרביי יעקב־שאולס הויז, פון וואַנען עס דערטראָגן זיך קללות און קריגערייען, זאָגט איינער צום אַנדערן:

— עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן, באַלד אויף דער פולער וואָך. און קיינער חידושט זיך נישט, קיינער בלייבט נישט שטיין, כדי געוואָר צו ווערן וואָס עס איז געשען, ווי עס איז דער שטייגער ווען מען טרעפט אָן אַ קריגעריי. ווייל דאָס אייגענע קומט פאָר כמעט יעדן שבת־צונאַכטס. אָבער דאָס איז נישט מער ווי דער אָנהייב. פון גאַס קומען באַלד אָן יעקב־שאולס דריי עלטערע זין. איינס ביי איינס הויכע, צעוואַקסענע. זיי טוען אויס די שבתדיקע אָנצעגער און קריכן אַריין אין די וואָכעדיקע מלבושים.

אַ ביסל שפּעטער הייבן אָן אָנקומען יידן. ווער עס האָט געברענגט אַ קאַלב, ווער עופות און ווער עטלעכע שאָק אייער און די גרויסע שטוב ווערט אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. און אַז איז שוין צוריקגעקומען פון מעריב זישע, יעקב־שאולס שוואָגער. ער דאַוונט ביים רבין און קומט דערפאַר אַ ביסל שפּעטער. אויך זישע איז אַ טשעלענטניק און ער איז אויך דער באַלעבאָס פון אַ גרויסן געשפּאַן מיט דריי פערד. יעקב־שאול פירט עס מיטן שוואָגערס וואָגן זיינע סחורות קיין וואַרשע.

אַ טשיקאַווער ייִד געווען אָט דער זישע. אייביקע יאָרן געדענק איך אים אַ פאַרהאָרעוועטן, אַ פאַריאַכמערטן און שרייענדיקן. פרייטיק פאַרנאַכט אָבער, ווען זיין שווער־באַלאָדענער, אָנגעפּאַקטער וואָגן פלעגט זיך מיט אַ סקריפּען איבערן שטיינערנעם ברוק דערנענטערן צו זיין שטוב, האָט זישע אַלץ איבערגעלאָזט אויף דעם זונס הענט, געלאָפן אין מקוה אַריין, זיך איבערגעטאָן און געאיילט אין רבינס בית־המדרש אַריין.

ערשט אין שבתדיקן פרימאָרגן: דער טאָג איז אויפגעשטאַנען אַ ליכטיקער. שטיל האָבן געערוט די הייזלעך אין שבתדיקער שלוה. איך בין געשטאַנען פאַר דער טיר פון אונדזער הויז. פון אַנטקעגנאיבערדיקן געסל האָט זיך דערטראָגן אַ קלאַפּן פון פערדישע פּאַדקאָווע־טריט וואָס האָבן אָפּגעקלינגען מיט אַן אייגנאַניקייט. באַלד האָבן זיך באַוויזן דריי פערד. אונטער זיי האָט געלאָסן נאָכגעשפּרייזט זישע. ער איז געווען אָן אַ קאַפּאָטע, מיט די ווייסע העמד־אַרבעל און די ציצית פון טלית־קטן האָבן זיך געבאָמבלט אין אַלע פיר עקן. פּלוצלינג איז פון דער באָד־גאַס אָנגעקומען מרדכי בודע, אַ ייִד מיט רויטע אויגן וואָס האָט אָנגעהויבן עפּעס איינטענהן מיט זישען. דער שמועס איז גיך געוואָרן הייסער. מרדכי האָט שטאַרק געשריגן און זישע האָט בנעימות ווייטער נאָכגעשפּאַנט די פערד. מרדכי בודע האָט אָבער וואָס אַ מאָל אַלץ העכער געשריגן און ווען זיי זענען צוגעקומען צו אונדזער הויז, האָט זישע זיך געגעבן אַ האַסטיקן שטעל־אָפּ. זיין פּנים איז געווען אָנגעצונדן און פון די אויגן האָבן געזעצט פלאַמען. „ס'וועט באַלד ווערן לעבעדיק" — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. אויף זישעס פּנים האָט זיך אָבער באַוויזן אַ שמייכל און ער האָט העפטיק אַ זאָג געגעבן:

— הער מיך אויס, מרדכי בודע, דיין שוואַרץ מזל איז וואָס איך בין

אַ חברה־תהלימניק און וואָס היינט איז שבת. איך וועל דאָך נישט גיין מיט דיר דאָ מאַכן אַ „כאַסענע" שבת אויף דער גאַס. ווען נישט, וואָלט אַ רוח אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין. גיי־זשע דיר געזונטערהייט. מאָרגן חעלן מיר זיך שוין אויסטענהן.

און געלאָזט אים שטיין. מיט פּאַמעלעכע טריט האָט ער ווייטער נאָכגעשפּאַנט די פערד, וועלכע ער האָט געפירט פּאָיען צום ברונעם.

שבת איז הייליק, שבת באַדאַרף מען אָפּהיטן.

אָ, פאַרקראָכן זיך אָן אַ זייט צוליב דעם טשעלענטניק זישע און זיין דרך. לאָמיך ווייטער דערציילן. איצט זענען מיר שוין אַריין אין שבת־צונאַכטס. כאָטש זישע האָט נאָך נישט אויסגעטאָן דאָס סאַמעטענע היטל מיט דער סערזשענער קאַפּאָטע און ער איז נאָך פאַר „ויתן לך", אָבער אַזוי ווי עס איז שוין אויס שבת און ער האָט אויך עפּעס אַ סיכסוך מיט יעקב־שאולן צוליב דער מאָרגנדיקער יאַזדע, האָט זיך זישע צעשריגן מיט באַנומענע קולות וואָס דערגייען ביזן הימל.

עס טרעפט אויך: שטאָט זונטיק, הייבט מען אָן שוין שבת־צונאַכטס צו לאַדעווען. אַזוי ווי דאָס לאַדעווען גייט קיין מאָל נישט דורך אָן קריי־גערייען, זאָל שוין גאָט שומר ומציל זיין וואָס עס טוט זיך. יעקב־שאול שעלט מיט דונערן, פּאַפּלעקציעס; זיין ווייב בריינדל העלפט אונטער מיט כאָלערעס, זישע רייסט זיך אויף אַלע כלים, מאַכט געוואַלדן. מישן זיך אויס די מענטשלעכע קולות מיטן מרוקען פון קעלבער און מיטן קוואַקען פון די עופות. אָט האָט זיך גאָר אַ האָן מיישב געווען און אַרויסגעהילכט אַ וויליונגערישן קו־קו־רי־קו. צעטראָגט זיך דאָס געפּילדער איבער דער גאַנצער גאַס און אַלע שכנים ווייסן, אַז דאָס לאַדעווען די טשעלענטניקעס זייערע וועגענער צו דער מאָרגנדיקער יאַזדע קיין וואַרשע.

דינסטיק פאַרטאָג קומט יעקב־שאול מיט די זין צוריק פון וואַרשע צום יאַריד. מעגן אַפילו די וויכטיקסטע געשעפטן בלייבן נישט דערליידיקט אין וואַרשע, קיין מאָל וועט נישט יעקב־שאול און נישט זיינס אַ זון מוותר זיין פון דעם יאַריד. נישט זיין אינדערהיים צום יאַריד, וואָלט ביי יעקב־שאולן און זיינע זין געהייסן, פּונקט ס׳זעלביקע ווי ביי אַ יידענע נישט זיין ראש־השנה אין שיל צום „אויסנעמען". נישטאָ נאָך אַזאַ טאָג פון

מיטנוואָך וואָס זיין חשיבות זאָל איבערשטייגן דעם דינסטיק פונעם יאָ־ריד. איבערהויפּט נאָך אין די פּאַר־פּסחדיקע וואָכן, ווען עס שטעלט זיך דער עכטער סעזאָן אויף קעלבער. דינסטיק אין דער פרי. דער מאַרק איז נאָך האַלב־ליידיק, די ברוק־שטיינער גלאַנצן נאָך מיט באַגינענדיקער פייכטקייט, די יונגע זון האָט זיך אָפּגעשלייכט פון הינטערן קלויסטער־שפּיץ, וואַרעמט, גלעט, דערוויל מיט לייכטקייט און עפּעס שעמעוודיק. די ראַנדן פון האָריזאָנט זענען באַזיימט מיט קלאָר־זילבערנע וואָלקנדלעך. פון אַלע עקן שטאָט פּאָרן אָן פּויערישע פורלעך, יעדער פּויער פּאַרפּאַרט צום געוועלב פון זיין באַקאַנטן קרעמער. עס קריכן אַראָפּ גויעס מיט קוישן אין די הענט, זיי גלייכן אויס די צעקנייטשטע ספּאָדניצעס.

ייִדן, אָנגעטוענע נאָך אין ווינטערדיקע וואַטאָווע פּאַלטנס און ווער שוין אין אַ לעטניק וואָס אַרויפגעצויגן אויף זיך מיט געוואַלד איבער די וואַטאָווע שפּענצערס און קורצע פּעלצלעך, דרייען זיך איבערן מאַרק, בישטערן אין די פורלעך; זיי טאַפּן די זעקלעך, פרעגן אַ מקח. נאָר די פּויערים, נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן, איילן זיך נישט, זיי האָבן צייט. זיי ווילן נאָך צוואַרטן, דער „יאַרמאַרק" באַדאַרף זיך ערשט שטעלן. דער טאָג איז דאַנקען גאָט, גענוג לאַנג, נישטאָ זיך וואָס צו איילן. אַרום דער גרויסער, פּירעקיקער מויער מיט געוועלבן אין סאַמע מיט מאַרק, שטעלן ייִדן און ייִדענעס צונויף די געשטעלן; מען שפּרייט אויס שטיקער געבלומטן ציץ, מען הענגט אויס קאָלירטע פּאַטשיילעס, זיידענע סטענגעס הוידען זיך און מיגיען מיט פילפאַרביקייט אַנטקעגן דער זון; בעקערס האָבן צעלייגט בערג מיט ברויטן, קוילעטשן און פּלעצלעך. פריש געבעקס פּאַרשפּרייט איבערן מאַרק די ריחות פון מאָן און קימעל. און אָט שניידט זיך דורך איבערן מאַרק אַ הויכער דראָבניאָסטער וואָגן. ער שטעלט זיך לעבן דעם ברונעם. צוויי פּאַרשוינען מיט גראָבאַטענע היטלען מיט גלאָנ־צאָונע דאַשקעס, ממזריש פּאַררוקטע אויף אַ זייט פון קאָפּ, זיצן אינדער־הייך. פריילעך שפּרינגען זיי אַראָפּ פון הויכן געזעס, און איידער אייגער פון זיי באַוויזט אויסצושפּאַנען דאָס פערד, איז שוין דער צווייטער צוריק אַרויף אויפן וואָגן און מיט אַ הילכיק קול הייבט ער אָן אויסצורופן: „טזשי טאָלעזשע זאָ יעדגאָן זלאָטוווקע". איילט זיך מענטשן, כאַפּטס

אװעק, אײדער עס װערט שפּעט און עס װעט אויספּעלן!". אַרום האָט זיך שױן צונױפגעקליבן אַ רעדל פון פּויערטעס און שטאָטישע װײַבער. מ׳כאַפּט די מציאה. פון אַלע מאַרק־געסלעך ציט זיך אַ לאַנגע גײענדיקע שורה פון פּויערשע װעגעלעך, װאָס פליסן אַן אויפהער, װי קלײנע װאַסערלעך גיסן זיך אַרײַן אין גרויסן טײַך און דער יאַריד האָט זיך געשטעלט.

אין אַזאַ פרימאָרגן לאָזט זיך יעקב־שאול מיט זײַנע זין אַרויס אויפן מאַרק. אַנגעטאָן אין לײַכטע מאַרינאַרקעס, װױלעריש־צעקנעפּלטע און די הענט אין די הױזן־קעשענעס. װאָס דען, — זײ זענען עפּעס ייִדן מיט מיחושן צי מיט מערידן, מע זאָל זיך אַרומבאַביען מיט שמאַטעס, װען דער הימל איז אַזאַ לױטערער און די זון אַזאַ פרישע? שפּאַצירט מען אַזױ צװישן די פּויערשע װעגעלעך און װוּ מען דערבליקט נאָר אַ קאַלב, טוט מען אַזױ, כלאחר־יד אַ פּאָר אַרײַן מיט דער האַנט אינעם קאַלבס בױך און מיטן פּנים אויסגעדרײט גאָר אין מאַרק אַרײַן, טוט מען אַ פרעג: „אויטשע, אילע כצעטשיע זאַ טע טשעלע?". אין דעם פרעג איז פאַראַן אַזאַ מין ספּריט און עס קומט אױס װי אין אמתן האָט מען גאָר נישט בדעה צו קויפן, מען פרעגט גלאַט אַזױ. דער פּויער בעט שטענדיק אַ טאָפּלטן פּרײַז, אָבער נישט יעקב־שאול און נישט קײנער פון זײַנע זין װעט זיך אַװעק־שטעלן דינגען, װי עס טוט דאָס דער הױכער מלך, אָדער אברהם נחמנס, װאָס קלעבן זיך צו צו די פּויערים װי סמאָלע און די סגאַיעס עקשנען זיך דווקא אײַן, הײסן זיך באַפּעפערן און באַזאַלצן. נישט יעקב־שאול און נישט זײַנע בנים װעלן אַזעלכעס טאָן. זײ גײען זיך געלאַסן אַװעק פון פורל, ענטפערן אַפילו נישט, װײַל זײ זענען זיכער אַז קײן אַנדערער װעט שוין דאָס קאַלב נישט קויפן. אַז יעקב־שאולס חברה האָט עס אַנגערירט, װעט קײנער נישט צוגײן. די רעשט יאַטלעך האַלטן שוין דערויף אַן אויג. אַז עס באַװײַזט זיך דאָך אַ צװײטער סוחר, װאַקסט אויס יעקב־שאולס אַ יאַט װאָס ברומט אַרויס פון צװישן די צײן: „דאָס קאַלב איז אונדזערס". און אויב דער האָט נישט קײן חשק זיך אָפּצורוקן, צעשרײַט זיך דער יונג, װי מ׳װאָלט אים געצופּט די צונג. דערהערט יעקב־שאול זײַן זינדלס קול. איז ער באַלד אויפן אָרט: „װאָסזשע, הײבט ער אָן מכלומרשט רויִק, װאָסזשע? מײַנס אַ קאַלב װעסטו מיר אויסקויפן?". „אָבער יעקב־שאול, פּרוּװט יע־

נער זיך פאַרענטפערן, איך האָב דאָך קיינעם פון אייך נישט געטראָפן״. „דאָס קאַלב איז אונדזערס, און גיי דיר געזינטערהייט מיט אַ פוס אונטערן אָרעם״. איז יענער אַ קלוגער יונג וואָס פאַרשטייט אַ געשעפט, רוקט ער זיך אָפּ. טאָמער איז ער אַן עקשן, וועט ער שוין טרוקן נישט אָפּשניידן, וואָרן איידער וואָס־ווען הייבן אָן פליִען פּעטש און סטוסעקעס און דער שוטה זעט באַשיימפּערלעך, ווער עס איז דער גערעכטער. און יעקב־שאול מיט זיינע יונגען שפּאַצירן זיך ווייטער ווי די באַלעבאַטים פון דעם גאַנצן יאַריד. הינטער זיי לויפן נאָך ווי די הינטלעך די קלענערע יאַטלעך פון הויזגעזינד. ווייל נישט אַזוי גיך וועט דיר יעקב־שאול דערהייבן און באַהאַנדלען ווי זיינס גלייכן זיינעם אַ קליינעם ראַצער. און כאָטש אַלע, פון קליין ביז גרויס העלפן צו צום מיסחר, אָבער אַ מחוצה צווישן קליין און גרויס מוז זיין. יעקב־שאול ווייסט ווי אַזוי אויסצושטעלן זיינע זין אויף אַ דרך, קיינער דאַרף אים נישט לערנען און אַוודאי נישט זאָגן קיין דעה. און אָט איז דער אופן ווי אַזוי ביי יעקב־שאולן פּיקן זיך אַרויס זיינע זין. ביז צען יאָר גייט אַזאַ יאַט אין חדר אַריין. האָט ער זיך שוין אויסגעלערנט דאַווענען, איז געגאַנגען צום האַנדל. „קיין באַנק־קנייטשערס און קיין טעג־עסערס דאַרף איך נישט, אויך קיין פּאַדעשווע־לעקערס און גאַרבאַטע נאָדל־דזשאַבערס איז נישט קיין זאַ מציאה״, טענהט יעקב־שאול. לויפן זיי קליינוווייז, די יינגלעך, ביי אים אַרום אָפּגעריסענע, מיט פאַרראָצטע נעז און רויט־נאַקעטע הענט, וואָס סטאַרטשען אַרויס פון קורצע געלעכערטע אַרבל. דער מיסחר זייערער הייבט זיך אָן מיט אייער און עופות. אַזאַ יאַט לויפט איבערן מאַרק און ווו ער דערבליקט נאָר אַ גויע מיט אַן עוף, איז ער מיט איין שפּרונג שוין לעבן איר, טוט פלינק אַ כאַפּ אַרויס דאָס עוף פון דער גויעס הענט, גיט ער אַ בלאָז אַוועק די פעדערן פון הינטן און האַנדלט. אַזוי פאַרגייט אַ שטיקל צייט, ביז אין אַ שבתדיקן טאָג דערזעט מען שוין דעם זעלביקן יאַט אַנגעטאָן אין אַ נייעם אַנצוג מיט געלע קאַמאַשן. פון דעמאָלט אָן גייט ער שוין צוזאַמען מיטן טאַטן און די עלטערע ברידער.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן יאַריד, וואָס גייט זעלטן אַדורך אָן אַ געשלעג (צי עס איז מיט קאָנקורענטן, אָדער סתם מיט וועלכן ס׳איז דאַרפס־

ייִד, וואָס איז געקומען מאָנען אַ חוב, און מ׳האָט אים געשיקט צו אַלדי שוואַרצע יאָר) נעמט מען זיך באַלד גרייטן צו דער מאָרגנדיקער יאָזדע קיין וואַרשע. יעקב־שאול פון איין זייט און זישע דער שוואָגער פון דער אַנדערער זייט גרייטן זיך. ס׳שותפות.

מיטוואָך באַלד אין דער פרי הייבן אָן צו פאָרפאָרן פאַרן שוואָגערס הויז קליינע פויערישע וועגעלעך מיט קעלבער און עופות וואָס דאַרפסן ייִדן האָבן געבערענגט. אָט איז מאיר אָסטראָזשינער מיט אַ פּול־אָנגעלאָדעוועטן וואָגן. מאיר אָסטראָזשינער איז אַ געפּאַקטער ייִד מיט אַ געדיכטער געלער באָרד און אַן אָנזעעוודיק פול פנים. פּאַמעלעך נעמט ער אַראָפּקריכן פונעם וואָגן און לאָזט זיך צו זישעס שטוב. הינטער אים שפּרייזן צוויי זין מיט באַוואָקסענע פּנימער. דער ייִד פון דאָרף אָסטראָזשין, דעם רבין ר׳ ישעיה־לעס אַ חסיד, ברענגט זיין סחורה שטענדיק צו זישען. עס קומען אָן ווייבער אויפקויפערינס מיט עופות, פּוטער און אייער פון נעכטיקן יאַריד. זישע איז אויף אַלץ אַ בעלן. דורך דער האַלב־אָפּגעלענטער טיר פונעם הינער־שטעלעכל טראָגט זיך אַ קוואָקען און אַ גענגען פון הינער, גענדז און קאַטשקעס, עס שלעפּט שוין עמעץ פון דאָרטן עופות און מען שטופּט זיי דורך אַ דראָטן טירל אין לאַנגע געפלאָכטענע קוישן אַריין. אָט האָט אַ פלינקער האָן מיט געשיקטקייט זיך אַרויסגעקריגן פון דער האַנט וואָס האָט אים געוואָלט אָנכאַפּן און איז אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט; אַ רגע שטייט ער, דער האָן, ווי דערשטוינט פון דער פלוצלינגדיקער פרייקייט, גיט אַ פאַררייס דאָס קעפּל מיטן רויטן קאָם, טוט זיך אַ טרייסל, גלייך ער וואָלט אַראָפּשאָקלען פון זיך דעם מעת־לעת תפיסה, טוט אַ פּאַטש מיט די פליגל און לאָזט אַרויס אַ הילכיקן קריי צו דער וועלט: איך בין פריי, פריי, פריי. עס הייבט זיך אָן אַ יאָגעניש און אַ לויפעניש נאָך דעם אַנטלאָפענעם מחוצף. די אויפקויפערינס דינגען זיך אינצווישן איבערן פרייז און שווערן מיט כלערליי שבועות, אַז זיי קאָנען נישט נעמען ווייניקער. חנה־רויזע, זישעס ווייב, אַ הויכע ייִדענע, וואָס זיצט אויף אַ נידעריק בענקעלע און רעדנדיק שטופּט זי די עופות אין די פאַרמאַכטע קוישן אַריין. זי איז שטאַרק פאַרטאָן, האָט נישט קיין צייט צו קוקן אָן אַ זייט, האָט נישט קיין צייט צו רעדן. פלוצלינג נעמט חנה־רויזע הייזעריק אָנשרייען אַן אויפקויפערקע:

— וואָס, עס איז דיר ווייניק דער מקח? גיי צו אַלדי שוואַרץ יאָר מיט די הינער צוזאַמען. איך דאַרף דיך אויף טישאַנצע כפרות!

— גיי דיר אַליין צו אַלדי שוואַרץ יאָר, קריג אַליין די כאָלערע און זיי טויזנט מאָל מיין כפרה, מיין מאַנס און מיינע קינדערס כפרה, חנה־רויזעלע גנב. צום סוף ציילט שוין די יידענע די האַרבע ווערטער, זי נעמט זיך צייט זיי אָוועקצולייגן דאָ פאַר חנה־רויזעס פיס פאַמעלעך און הייבט אָן אָוועקצוגיין.

חנה־רויזע אָבער האָט שוין דערזען פון דערווייטנס שטיין איר געטרייע שוועסטער „דער נאָמען זאָל איר אָפּגעמעקט ווערן", און ווינקט תיכף צו דער יידענע:

— נישט דערלעבן וועסטו מער, בריינדעלע שגץ, אויסצוקויפן מיינע הינער.

— מלכה, — שרייט זי שוין נאָך דער אָוועקגייענדיקער — מלכה, קום אַהער מיט די עופות. און אַז יענע קווענקלט זיך, קאָן חנה־רויזע זיך שוין נישט איינהאַלטן:

— אַ בראָך לאָמיך האָבן נאָך דיר, בריינדעלע שגץ, מיין פּראַצע וועסטו מיר אויסקויפן?

זי גיט איין שפּרונג און שוין האָט זי אַרויסגעריסן די עופות פון דער יידענעס האַנט און וואַרפט זיי אַריין אין קויש.

— שאַ, שאַ, אַן אויסכאַפּעניש אויף ענק! — טראָגט זיך אָן אַ מאַנצבילש קול, אָבער אין די ווייבערשע געשעפטן מישן זיך נישט די מאַנסלייט.

דערווייל איז אויך אָנגעקומען דער קליינער עלע, אַ נידעריק יידעלע מיט צעשראָקענע אויגן וואָס שפּרינגען ווי צוויי מייזלעך אין אַ פּולאַפּקע. ער האָט געבראַנגט צוויי קעלבער וואָס יעקב־שאול האָט געקויפט.

— ר' יעקב־שאול, וואָס וועט זיין? אַן קיין געלט גיב איך נישט קיין סחורה.

— וואָס, — צעשרייט זיך יעקב־שאול, — וואָס האָסטו געזאָגט, פאַרך איינער? האָסט מורא מיר צו געטרויען? גיי און ברעך אַ פוס מיט די קעלבער אינאיינעם. אַן קיין געלט גיט ער נישט, אַ פאַרך!

און כאַטש מאיר אַסטראַזשינער מיט זישען געהערן צו איין חסידות, און דער דאָרפס־ייִד האַלט אַ וועלט פון זישעס דאַווענען פאַרן עמוד, שטערט עס נישט צו אַ גרויס דינגעניש ווען מקח אויף דער סחורה. „איך קען נישט, זישע, אָסור״, און דער שרייט: „לערן זיך, וועסטו קענען!״. בינו לבינו רוקן זיך אונטער יעקב־שאולס בנים, יאָסעלע און הערשעלע. זיי נעמען ווינקען צו מאירן און רוימען אים עפּעס איין אויפן אויער. דער־זעט זישע אַזאַ מעשה, ווערט ער אָנגעגאָסן מיט רציחה, די אויגן זעצן מיט פלאַמען און ער צעשרייט זיך: „וואָס, מײַנע קעלבער, מײַן סחורה וועסטו מיר אויסקויפן, דו קעלבאַס איינער, מײַן פּראַצע?״.

— אַ קרענק וועסטו האָבן הי... חסיד, נישט קיין קעלבער, — ענט־פערט יאָסעלע.

אויך די ווייבער בלייבן נישט הינטערשטעליק. דאָס גאַנצע געסל ווערט פאַרהילכט פון קולות און געוואַלדן. און עס זאָל אַזוי נישט טרעפן ווי עס טרעפט — אַז פון ווערטער גייט מען אַריבער צו מעשים. עס נעמען פליִען פעטש, מען רייסט זיך קופקעס פון די ווייבערשע קעפּ. מאיר און די אַנדערע ייִדן וואַרפן זיך פונאַנדעררייסן די צעהיצטע און כאַפּן דערווייל אַריין זייער חלק. נאָר אַז דאָס געשלעג הייבט זיך אָן צו פאַרציִען צו לאַנג, וואַקסן אויס פלוצלינג אייזערנע אָרעמס, וואָס שפּאַרן זיך אַריין צווישן מענטשן־געקנויל, ווי קלינעס און דער געפלאָנטער פון סאַפּענדיקע לייבער ווערט פונאַנדערגענומען.

— אַ שוואַרץ לעבן אויף זייערע קעפּ, — הערט זיך אַ באַסאָווע מע־נער־שטים, — ביז ווען אַ זייגער האָט עטך בדעה זיך צו רייסן דאָ ביי די נעזן ביז פאַרטאָג? און ווען רעכנט מען אַרויסצופאָרן? כ׳האָב אייך אַלע טיף אין דער ערד. אַ סוף זאָל עס נעמען!

אַזוי טענהט אַ הויכער יונג מיט צעפלאָשעטע שוואַרצע קודלעס, וואָס צעשיטן זיך פון הינטער דעם אַרויפגערוקטן דאַשעק איבערן שטערן: ס׳איז זישעס שמייסער. כאָטש עס איז נישט דער שטייגער אַז אַ „מענטש״, אַן אָנטרייבער זאָל רעדן אַזעלכע דיבורים צום באַלעבאָס, אָבער הענגען „פייפט אויף זייער באָבעס יאָרצייט״, ווי ער זאָגט עס. און ער איז נישט אַזוינער וואָס זאָל אונטערחנפענען דעם ברויטגעבער. והשנית געהער הע־

נעך אויך צו דער משפחה. ער איז אַ לייבלעכער ברודער פון חנה־רויזען און ברײנדלען. אָבער נישט דאָס איז דער עיקר. ער איז שוין אַזעלכער, וואָס געטראַכט, דאָס געזאָגט. אַ קלײניקייט — מאיר יאַרטשעווערס יינגסטע זונדל! אמת, מאיר אַליין איז נישט געווען קיין זאַ איי־איי אין הלכות ייִדישקייט. ער האָט אַפילו נישט געהאַלטן פון די לערנערס, אָבער ווי יעדער טאַטע האָט ער געהאַלטן די קינדער זיינע אין חדר, אַז זיי זאָלן אויפוואַקסן ייִדן. פון דעם בן־זקונים האָט ער אָבער געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. איידער דער קלײנער הענעך האָט זיך נאָך געהאַט אויסגעלערנט דאַווענען, האָט ער אַ מאָל דעם מלמד זיינעם, גרשון מאַנעלען, דערלאַנגט אַ בריק מיטן פוס אויפן סאַמע רעכטן אָרט, אַז יענער האָט זיך אַ גאַנצע שעה נישט געקאָנט אויסגלייכן. אָפּגעטאָן ס׳זייניקע איז דער תלמיד אַנט־לאָפן פון חדר. דער טאַטע האָט אים דערנאָך שיער־נישט געלאָזט אַ טויטן און נישט אויפגעהערט שרייען: „פאַר קיין רב וועל איך דיך נישט מאַכן, פאַר קיין למדן אויך נישט, אָבער דאַווענען און מעביר־זיין די סדרה, דו ממזר איינער, דאָס מוזסטו קענען, ווען דו זאָלסט אַפילו איינעמען די פּגירה אויפן אָרט״. די געשרייען און די קלעפּ האָבן געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס, בפרט אַז פון קינדווייז אָן האָט עס הענעכן געצויגן צו דער שטאַל און צו די פערד, צו וועלכע ער איז געווען מער צוגעבונדן ווי צו טאַטע און מאַמע. אַפילו שלאָפן האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אויפן בוידעם פון דער פערד־שטאַל. אין זומערדיקע שבתים, ווען דער טאַטע האָט זיך גע־לייגט שלאָפן, האָט הענעך בסוד אַרויסגעפירט די פערד צום טייך זיי זאָלן זיך פּלאַוויען, כאָטש ער האָט געוווּסט מיט וואָס פאַר אַ סכנות אַזאַ זאַך איז פאַרבונדן. דער טאַטע וועט זיך דערוויסן פון אַזאַ חילול־שבת, וועט ער אים צעממיתן. דאָס ייִנגל האָט שטאַרק רחמנות געהאַט אויף די חיות נעבעך, וואָס האָרעווען שווער אַ גאַנצע וואָך.

— מיין דאגה, — האָט דער אַלטער דערנאָך שוין אַ מאָך־געטאָן מיט דער האַנט — סיי ווי סיי וועט שוין קיין לייט נישט זיין פון דעם יונג, זאָל ער כאָטש אַרבעטן ביי די פערד. און ער האָט אָנגעהויבן הענעכן מיט־נעמען אויף די יאַזדעס קיין וואַרשע. און הענעך איז אויסגעוואַקסן אַ גוטער שמייסער. אַלע רייכערע באַלעגאַלעס האָבן זיך איבער אים געריסן.

מען האָט געװוּסט, אַז אַנטרויען אים די פערד איז פּונקט אַזוי װי אַנטרויען קינדער אַן אײגענער מאַמען.

שוין יאָרן װי הענעך אַרבעט בײם שװאָגער. אויפגעכאַװעט אין אַ שטוב, װוּ מען האָט אײביקע יאָרן געהאַנדלט און געװאַנדלט, האָט הענעך זיך נישט אויסגעטויגט צו די זאַכן. באַלאָדן מיט גבורה, האָט ער נישט געקאָנט אָפּגעבן אָט די ענערגיע פאַר קלײנע רײסערײען און דינגענישן בײם מיסחר. אָבער אַז מ׳האָט באַדאַרפט צולײגן אַ האַנט צו אַ געשלעג, איז הענעך געװען אויפן אָרט. אַ שטײגער נאָך סוכות, װען די דאָרפישע פּריזיװוניקעס האָט זיך פאַרגלוסט אָנצוהײבן טשעפּען ייִדן, דעמאָלט האָט זיך דעם יונגס גבורה אויסגעלאָדן װי אַ טײך װאָס גיסט אויס אין פרי־לינג זײנע שטורמישע װאַסערן. נישט אײן דאָרפישער שגץ איז אַװעק מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ. און כאָטש דער גבורהדיקער יונג איז געװען פּונקט דער היפּוך פון זײן שװאָגער, זישע דער שרײער, האָט נישט אײן מאָל געטראָפן, אַז ער האָט מיט אַ שפּײ אים געלאָזט שטײן מיט אַלץ און איז אַװעק. אויף אַזעלכן װעט ער נישט לײגן אַ האַנט. אַ בורטשע געטאָן און אָפּגעפּאַרטיקט (אין די טעג פון זײן אָן אַ שטעלע, איז הענעך געװאָרן אַ טרעגער). דער שװאָגער פלעגט אים איבערבעטן און ער איז צוריקגעגאַנגען צו די פערד. אים איז געװען אַ יאָר עטלעכע צװאַנציק, אַ שײנער יונג און נישט אײן מויד האָט פאַר אים געפגרט, אָבער אויך דע־רין האָט ער געהאַט זײן עקשנות.

עס גײט אויף פאַר מיר אַ זומערדיקע נאַכט. אויפן בריקל פאַר אונ־דזער הויז זענען, װי שטענדיק, געזעסן די שכנים: כיל לויס, אַן דער קאַ־פּאָטע, מיטן לאַנגן טלית־קטן און דאָס קאַפּל אויפן קאָפּ, בנימין שלו־סאַרזש, אויך הערשל שקראָפּ דער שוסטער פון אַנטקעגנאיבער האָט זיך צוגעזעצט. אַ ביסל אָפּגערוקט זענען געזעסן: מײן מאַמע, דבורה די קאַ־שע־מאַכערקע, כומע ריװעלעס און נאָך עפּעס אַ װײבל. די נאַכט איז גע־װען אַ װאַרעמע, מיט בלישטשענדע שטערן, שטיל איז געלעגן די גאַס מיט די שלאָפנדיקע הײזלעך. אין דער שטילקײט האָט זיך אַרײנגעריסן דאָס קװאַקען פון די זשאַבעס אין דעם נישט װײטן טײכל. שטיל האָבן די װײבער צוגעטוליעט אײנע צו דער צװײטער, זיך אײנגעהערט װאָס כומע ריװעלעס האָט דערצײלט װעגן חוזה פון לובלין, װי אַזוי דער צדיק איז

שיער־נישט נכשול געוואָרן אין אַ וויסטן וואַלד. בנימין האָט דערציילט פון זיין זעלנער־צייט. איך האָב מיר אויסגעזוכט אַן אָרט צווישןביידע גרופּעס. מיט איין אויער האָב איך געכאַפּט די מעשה וועגן חוזה און אויך נישט געוואָלט פאַרלירן די טשיקאַווקייט פון בנימינס מעשיות. מיט אַ מאָל האָבן זיך דערהערט טריט און עס איז אָנגעקומען הענעך.

— גוטנאָוונט, הענעך, וווהין גייסטו אַזוי שפּעט? — האָט בנימין אַ זאָג געטאָן.

— כ'האָב אָנגעשיט האָבער פאַר די פערד, — האָט ער געענטפערט.

— זעץ דיך, הענעך, — האָט הערשל שקראָפּ אים איינגעלאַדן.

הענעך האָט זיך צוגעזעצט. ייִדן האָבן געפּרעגט, גערעדט און פּלוצלינג האָט בנימין אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר, הענעך, וואָס איז דאָס, וואָס דו טוסט נישט קיין שידוך? ווי לאַנג איז דער שיעור, אַ מענטש זאָל זיך אַרומדרייען ווי אַ ווילקאַליק? וואָס, קאָנסט נישט געבן קיין פּרנסה אַ ווייב?

— נו, אדרבא, — האָט הענעך געשמייכלט, — לאָמיר זען וואָס פאַר אַ לייטישן שידוך עטץ וועט מיר שדכנען. פּלוצלינג איז ער שטיל געבליבן, געגעבן זיך אַ שטעל אויף, געזאָגט „אַ גוטע נאַכט" און איז אַוועק.

— אַוודאי, — האָט זיך אָנגערופן בנימין נאָך יענעמס אַוועקגיין, — אַוודאי, אַז אַ יונג האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין יענע חצופה מיט די ברילעכלעך, קען שוין קאַ' גוטס נישט אַרויסקומען. דאָ האָט בנימין געזאָגט די שכנים, אַז דער יונג איז פאַרכלופּטשעט אין דעם חזנס מויד, די שניידערן מיט די ברילעכלעך, וואָס וויל נישט אַנדערש נאָר חתונה האָבן מיט אַ „געקאָנטשעטן". וואָס אַ משוגענעם יונג פעלט איין!

— מילא, — האָט זיך אָנגערופן הערשל שקראָפּ, — וועט ער נאָך אַ ביסל צוואַרטן מיטן שידוך, דער שמייסער־יונג.

— אַן איינפאַל גאָר. ס'אַ רחמנות, — האָט בנימין נאָך אַ זיפץ געטאָן.

אַזעלכער איז געווען הענעך דער שמייסער. געוויינטלעך איז ער געקומען אַ שעה פאַרן לאָזן זיך אין וועג אַריין. די אַלע געשרייען גייען

אים קנאַפּ אָן, נאָר אַז עס הייבט זיך אָן אַ געשלעג, שניידן זיך אַריין זײַנע אײַזערנע אָרעמס ווי וויעסלעס אין דעם קנויל און עס קומט אַ סוף צום געשלעג. מען שפּאַנט די פערד און די גאַס ווערט אָפּגעליידיקט.

2

אַז עס איז געקומען די צייט, ווען הערשעלע יעקב־שאולס עלטסטער זון האָט זיך באַדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו, האָט בריינדעלע, זיין מאַמע, גענומען איינלייגן וועלטן. דאָס ערשטע איז זי געגאַנגען צום רבין מיט אַ קוויטל, דערנאָך איז זי געלאָפן אויפן גוט־אָרט איינרייסן קברים, אַז די טויטע זאָלן זיין גוטע מליצי־יושר, איר הערשעלע זאָל אויסגעלייזט ווערן פון גוישקע הענט; זי האָט מנדר־געווען עטלעכע פונט ליכט אין שיל אַריין און געטיילט צדקה. אָבער אַזוי ווי הערשעלע איז געווען אַ הויכער, געזונטער יונג ווי אַ דעמב און קיין חסרון (אָפּהאַקן זיך אַ פינגער, מאַכן אַ פּייפער אין אויער, אָדער גאָר פאַרזאָרגן זיך מיט אַ ברוכל) האָט ער זיך נישט געוואָלט מאַכן, כאָטש גיב אים אָכצן פוד קרענק, האָבן נישט געהאָלפן נישט דעם רבינס ברכות און די טויטע האָבן גאָר נישט געקאָנט פועלן, — האָט די גאַנצע פּריסוסטווע באַגעגנט הערשעלעס נאַקעטן קערפּער מיט אַ הילכיקן „גאָדיען": ער איז ראוי צו דינען זיין מאַיעסטעט ניקאָלאַי דעם צווייטן.

בריינדעלעס יללות זענען געגאַנגען עד לב השמים, ווען זי האָט געזעגנט איר בכור. דערפאַר איז נישט געווען צום באַשרייבן איר נחת, ווען נאָך אַנדערטהאַלבן יאָר סלוזשבע איז הערשעלע אַהיימגעקומען אויף אור־לויב. ער האָט געדינט אין קאַוואַלעריע. אַ שיינער יונג ווי ער איז געווען, האָבן די זעלנערשע מלבושים נאָך שטאָלטנער געמאַכט זיין שלאַנקע פּי־גור; די געלע לאַמפּאַסן פון די געפּאַסטע הויזן, די בלישטשנדיקע שטי־וועלעך, דאָס היטל מיטן זילבערנעם אָדלער און דער עיקר, — די שווערד — האָבן אים געגעבן דעם אויסזען פון אַ גאַנצן גענעראַל.

— אַ גאַנצער נאַטשאַלניק דיין הערשעלע, — האָבן שכנטעס גע־זאָגט בריינדלען און דער מאַמעס פנים האָט זיך געשמאָלצן פון נחת.

שוין דעמאָלט, בשעת הערשעלעס אורלויב, האָט בריינדל אָנגעהויבן

טראַכטן פון אַ תּכלית פאַרן זון. מען זאָל דערלעבן, אין אַ יאָר אַרום וועט ער מיט גאָס הילף באַפרייט ווערן און עס איז שוין די העכסטע צייט איר הערשעלע זאָל מיט מזל ווערן אַ חתן.

און אַז אַ מאַמע האַלט אין איין טראַכטן וועגן אַ שידוך פאַר איר קינד, — דערטראַכט זי זיך סוף־כּל־סוף צום סאַמע שענסטן און בעסטן.

פון אַלע זשעלעכאָווער מיידלעך וואָס וואָלטן ראוי געווען צו ווערן הערשעלעס כלה, האָט זיך בריינדל אָפּגעשטעלט ביי איר שכן שבתי דודס רבקהלע. שבתי דודס האָט געוווינט נישט ווייט פון יעקב־שאולן, אַליין אַ ייִד אַ שוסטער, אָבער אויפגעפירט האָט ער זיך אין גאַנצן אַנדערש ווי די איבעריקע ייִדן פון זיין פאַך. געוויינטלעך, זומער פאַרנאַכט, ווען אַ ייִד אַ שוסטער אָדער בייגער הייבט זיך אויף פון דער אַרבעט, נאָך אַ טאָג שווערע האָרעוואַניע, ליגט אים נישט אין זינען זיך איבערצוטאָן, מ'גיט אַ וואָרף אַרויף אויף זיך דעם פאַרשמאָלצענעם לעטניק און מען לויפט אין בית־המדרש אַריין. שבתי דודס איז נישט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב נישט קיין אַרומגעוואַשענער און איבערגעטוענער. זיינע שטיוול האָבן געמוזט זיין אָפּגעפּוצט, דאָס טוכענע היטעלע מיטן זיידענעם בענדעלע ביי דער דענקע אָן אַ שטויבעלע און דאָס עלעפאַגענע כאַלאַטל אָן אַ פּעדערל, אָן דעם מינדעסטן סימן פון זיין מלאכה. פרייטיק פאַרנאַכט, ווען אַנדערע שוסטערס האָבן, נאָכן באָד, זיך אַריינגעכאַפּט צו אהרן פּסאַנקער אין שענק אויף אַ טרינק בראָנפן, האָט מען שבתין געזען שפּאַנען מיטן סידור אונטערן אָרעם — אין הכנסת־אורחים שילעכל אַריין, ווו ער איז געווען בעל־קורא און אָפט מאָל אויך בעל־תּפילה. שבת נאָכן שלאָף,ביים לערנען איז ער געזעסן ביי דער רעכטער האַנט פון רבין. ימים־נוראים איז ער געווען איינער פון די וואָס שטייען לעבן חזן און העלפן אים אויפשטיין נאָכן פאַלן כורעים. און בכלל האָט דעם ייִד געפּאַסט צו זיין אַלץ אין דער וועלט, אַ קרעמער, אַ מלמד, אַפילו אַ שניידער, אָבער בשום אופן נישט קיין שוסטער, וועלכע זענען אין זשעלעכאָוו געווען, כמעט אַלע אָן אויסנאַם, אַ באַזונדער וועלטל פאַר זיך. האָבן טאַקע איידעלע ייִדן און חסידים געהאַלטן פון שבתי דודס. „אַ גאַנץ ווילער ייִד, דער שבתי דודס", — פלעגט מען זאָגן אויף אים. ביי אָט דעם ייִד איז אונטערגעוואַקסן אַ מיידל, אַ שוואַרץ־חנעוודיקע, מיט צוויי דיקע צעפּ און

פֿון אונטער אירע בויגנאַרטיקע ברעמען האָבן אַפּערגעקוקט צוויי קויל־שוואַרצע, גלי׳ענדיקע אויגן. שבתי דודס האָט פֿון זײַנע קינדער געזוכט צו מאַכן אַ לײַט און רבקהלע איז געוואָרן אַ גוטע קליידער־שניידערן. דער אייבערשטער דאַרף נאָר העלפֿן, עס זאָל אונטערקומען דער ריכטיקער זיווג.

אויף אַט־דעם מיידל האָט עס ברײַנדל יעקב־שאולס געוואָרפֿן אַן אויג. און שוין אַ פּאָר חדשים פֿאַר הערשעלעס באַפֿרײַט ווערן פֿון סלוזש־בע, האָט זי אונטערגעשיקט דעם שכן, דודל חסיד, ער זאָל אַ טאַפּ טאָן דעם דופּק. האָט דודל חסיד, ווי זײַן שטייגער איז געווען, אָנגעטאָן די סערזשענע קאַפּאָטע מיט דעם פֿאַרגייטן שפּאַלט און די צוויי קעשענעס פֿון הינטן, אַרײַנגעשטעקט די רויטע פֿאַטשיילע אין איינער פֿון די קעשענעס, אָנגעשטאָפּט אַ פּולע ליולקע מיט טוטין און איז אַריבערגעגאַנגען צו שבתין. צוריקגעקומען איז ער צו ברײַנדעלען אַ האָפֿערדיקער.

— נו, יעקב־שאולס ווײַב, — האָט ער זינגעוודיק אַ זאָג געטאָן, — מען קאָן שוין אײַך אָפּגעבן מזל־טוב, און איידער וואָס־ווען, וואָלט נישט געשאַדט מען זאָל זען אַ ביסל בראָנפֿן אויפֿן טיש.

— מיטן גרעסטן כבוד, — האָט ברײַנדעלע זיך צעלויכטן.

אויסגעטרונקען דאָס ערשטע גלעזל און פֿאַרביסן מיט אַ האָניק־קיכל, האָט דודל חסיד אָנגעהויבן איבערצוגעבן מיט אַלע פּיטשעווקעס, ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען דער שמועס ביי שבתין. יאָ, כאָטש שבתי האַלט זיך אין דער מדרגה, באשר- דאָס קינד איז נאָך צו יונג, מען וועט נאָך זען — האָט ער געזאָגט — אָבער ווען ער, דודל חסיד, מיט זײַן געשליפֿן צינגל האָט אים גענומען אויסלייגן אין וואָס פֿאַר אַ שמאַלץ־גרוב דאָס מיידל וועט אַרײַן, דערצו אָן אַ גראָשן נדן, איז יענער ווייכער געוואָרן, און מיט גאָטס הילף וועט עס זײַן אַ כשרער זיווג. — „אמן“, — האָט ברײַנדעלע פֿרום געגלאָצט מיט די אויגן, אָבער למען־השם, ר׳ דודל, קיי־נער זאָל דערווייל גאָרנישט וויסן דערפֿון.

אויף אַזאַ אופֿן האָט ברײַנדעלע אָנגעהויבן איינפֿעדעמען דעם שידוך פֿאַר איר הערשעלע. און אַז יעקב־שאול האָט זיך דערוווּסט וועמען זײַן ברײַנדעלע גייט אים אײַנשליירן פֿאַר אַ מחותן, איז ער געוואָרן מלא חימה: „וואָס, מיט דעם פֿאַרכוואַטן שוסטערל, וואָס רײַבט זיך פֿאַר אַ

שיינעם ייִד, זאָל יעקב־שאול טשעלענטניק ווערן מחותנים? אויסגעזוכט. און אַן אַטלעסענע קאַפּאָטע — האָט ער אַ פּלאַם־געטאָן פון צאָרן — אַ סאַמעטן היטל צו די תנאים האָסטו שוין באַשטעלט פאַר מייַנעטוועגן? נאָטס גנבטע, אַ כאָלערע אין דאַנע יאָרן אַרייַן, אַ מחותן מיר אַויסגע־זוכט. אַפילו קיין רעכטן „לחיים" איז נישטאָ מיט וועמען צו מאַכן. יעקב־שאול האָט געשריגן, געשאָלטן און זיך געבייזערט. אָבער, אַז הערשעלע איז אַהיימגעקומען האָט ער געהאַט ס׳וואָרט: אים געפעלט דער שידוך, האָט ער געזאָגט, און גענוג געטענהט. האָט יעקב־שאול שוין נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי מסכים צו זיין.

אויך העניך איז נישט געווען איבעריק צופרידן פון דעם שידוך. אמת, ער האָט זיך נישט געבייזערט, בכלל זיך נישט געמישט, בלויז אַ פּאָר טעג פאַר די תנאים, ווען ער איז צוזאַמען מיט הערשעלען געפאָרן קיין וואַרשע, האָט העניך אים אַ זאָג געגעבן: „הערסט, הערשל, די זאַך איז דאָך כמעט שוין אַ פּאַרטיקע, אָבער ווען דו פאָלגסט מיך, וואָלטסטו דיר נישט פאַרדרייט קיין קאָפּ מיט די לייט. דאָס איז אַ מיידעלע פאַר אַ דאַמסקע שניידער, פאַר אַ חסידל, אָבער נישט פאַר אַ נאַש־בראַט".

— דו דרייסט אַ ספּאָדיק, העניך. וואָס, אַ שלעכט לעבן וועט זי האָבן ביי מיר? פאַר דער חתונה פאַררייסן זיי אַלע מיט די נעז, דערנאָך געוויינען זיי זיך צו.

העניך האָט שוין דערפון גאָרנישט גערעדט. מיט אַ וואָך שפּעטער זענען געווען די תנאים. יעקב־שאול איז געזעסן אַן אָנגעברוגזטער, און ווען שבתי דודס האָט טרינקענדיק מיט אים לחיים, פרום פאַרגלאָצט די אויגן: לחיים, מחותן, דער אייבערשטער זאָל העלפן מיר זאָלן דערלעבן אַ סך נחת פון זיי, — האָט יעקב־שאול קוים אָפּגעענטפערט: „לחיים, לחיים" און ביי זיך געטראַכט: „ברעך הענט און פיס, שוסטערל. אַ שיינעם מחותן מיר אויסגעזוכט". און הערשעלע, אויבנאָן אין נייעם שוואַרצן אנצוג האָט פשוט געשיינט פון גליק און מיט די אויגן געגעסן דאָס חנעווו־דיקע מיידל, וואָס ווערט אים געגעבן פאַר אַ כלה.

אומזיסט האָט מען דאָס מאָל איז זשעלעכאָוו געחוזקט, אַז דודל חסיד האָט נאָך אין זיין לעבן קיין איינציקן שידוך נישט אויסגעפירט. אמת, דאָ איז דודל חסיד גאָט די נשמה שולדיק געווען, און אַוודאי איז נישט

געווען זײַן האַנט דעריך, וואָס שוין דרײַ חדשים נאָך די תנאים האָט דער חתן דערזען ווי זײַן פעטער הענעכס ווערטער זענען געווען הייליקע ווער־טער. מ׳האָט טאַקע באַלד בײַ די תנאים אָנגעהויבן שמועסן וועגן אַ זמן־חתונה, דער חתן האָט אַרײַנגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן אַ זעקס־חדשימדיקן טערמין, אָבער די כלה האָט געלאָזט וויסן דורך איר טאַטע־מאַמע, אַז זי אײַלט זיך נישט, זי קען נאָך וואַרטן אַ צוויי יאָר. הערשעלע, אַ פאַרליב־טער, וואַלט, פאַרקערט, באַשטאַנען כאָטש מאָרגן צו גיין צו דער חופּה, — דערהערנדיק וועגן איר געדולדיק וואַרטעניש, האָט ער דערשפּירט ווי ס׳פאַרקלעמט אים ס׳האַרץ. ער האָט אָבער נישט געקאָנט זיך העלפן און נאָך לאַנגע דינגענישן האָט ער געמוזט מסכים זײַן אָפּצולייגן די חתונה אויף אַנדערטהאַלבן יאָר.

און עס האָבן זיך גענומען ציִען טעג, וואָכן און חדשים פון חתנשאַפט וואָס האָט הערשעלען נישט געבראַכט קיין שום פרייד. קודם האָט ער אי־בער דער גאַנצער צײַט געהאַט קנאַפּע געלעגנהייטן צו בלײַבן אויג אויף אויג מיט דער כלה. אַ גאַנצע וואָך איז ער געווען פאַריאָגט אויף די יאַ־רידים אָדער אויף יאַזדעס קיין וואַרשע. און אַז ער איז שבת אַרײַנגעקומען צו איר, האָט ער שטענדיק אָנגעטראָפן אַ פולע שטוב מיט מיידלעך. צום מערסטן האָט רבקהלע הויך געלייענט פון אַ ביכל און אַלע האָבן זיך אײַנ־געהערט. נישט געווען קיין ברירה, האָט ער אויך זיך צוגעהערט. איין מאָל האָט רבקהלע פאָרגעלייענט אַ מעשה וועגן אַ שוואַרצן יונגערמאַנטשיק, וואָס צוליב דעם ה...זין האָבן ביידע באַשריבענע באַליבטע נעבעך געהאַט אויסצושטיין געבערענטע צרות. רבקהלעס קול איז שוין געווען אָנגעזאַפּט מיט טרערן פון מיטלייד צו די מענטשן פון ביכל. ווען זי האָט שוין נישט געקאָנט איבערטראָגן דעם גאַנצן עלנט, האָט זי אַוועקגעלייגט דאָס ביכל און זיך צעכליפּעט. הערשעלען האָט עס פאַרקלעמט ביים האַרץ: אַזאַ ממזר, ווען ער זאָל דעם פאַרשוין ערשט אַרײַנקריגן, וואָלט ער שוין קיין לעבעדיקער פון אונטער זײַנע הענט נישט אַרויס! און אָנגעפולט מיט ליב־שאַפט צו דער כלה, האָט ער, אַליין נישט וויסנדיק ווי אַזוי ס׳איז געשען, זיך צוגערוקט צו איר, זי אַ קלעם איין געטאָן אין זײַנע אָרעמס און גע־נומען זי קושן מיט פלאַמיקע קושן. אָבער עס איז געשען: שטאָטס די כלה זאָל זיך פילן געטרייסט פון זײַנע צערטלעכקייטן, האָט זי אים געגעבן אַ

האָסטיקן שטויס־אָפּ, זיך אַרויסגעמאַכט פון זיינע הענט, בייז מיט גלייַקע אויגן, אים געזאָגט מיט עקל: „גאָר אַזאַ גרוביאַן ווי דו קאָן אַזעלכעס באַווייזן“, — און איז אַרויס פון שטוב.

אַ צעמישטער און פאַרשעמטער האָט ער נישט געקאָנט פאַרשטיין מיט וואָס ער האָט זיך אַזוי פאַרזינדיקט. דערנאָך האָט ער איר נאָך גע־זוכט אַ זכות: „כ׳וויס, אַ מיידל, אין שטוב געוועזן פרעמדע מענטשן, איז זי טאַקע געדעכט“. שפּעטער האָט ער איינגעזען אַז איר ווידערווילן צו אים קומט גאָרנישט פון שעמעוודיקייט. דאָס האָט ער איינגעזען אַן אַנ־דערש מאָל. עס איז געווען אין די אַנדערע טעג פּסח. מען האָט אים פאַר־בעטן אויף יום־טוב צו דער כלה און ער האָט איר געבראַכט אַ מתנה — אַ דימענטן פינגערל. נאָכן עסן האָט רבקהלע געזאָגט, אַז דער קאָפּ טוט איר וויי, ווען ער האָט געוואָלט זיי זאָלן זיך אַ ביסל איבערגיין, איז זי באַשטאַנען און זיי זענען אַרויס שפּאַצירן. די נאַכט איז געווען אַ שיינע, אַ פולע לבנה האָט מיט פאַמעלעכע טריט באַגלייט חתן־כלה איבער די שטילע גאַסן. זיי האָבן זיך פאַרנומען אויפן וואַרשעווער שאָסיי. ווען זיי זענען אַריבער דאָס בריקל, כמעט שוין הינטער דער שטאָט, האָט הערש־עלע אַרומגענומען זיין מיידל און מיט צערטלעכקייט זי געדריקט צו זיך. און דאָ איז ווידער געשען דאָס אייגענע: מיט אַ מינע פון אַ צערייצ־טער חיה האָט רבקהלע אים געגעבן אַ שטויס אָפּ פון זיך.

— דו מיאוסט זיך פון מיר? — האָט ער געפּרוווט שמייכלען, אָבער אַלץ אין אים האָט שוין געצישעט פון באַליידיקונג.

— פיר מיך אַהיים, — האָט זי אַ זאָג געטאָן, דער קאָפּ טוט מיר וויי.

פון יענער נאַכט אָן האָט הערשעלע אָנגעהויבן נאָכטראַכטן דעם פּע־טער הענעכס אַנומלטיקע ווערטער, און אַ וואָרעם האָט גענומען טאָטשען זיין האַרץ. און עס קאָן גרייַלעך געמאָלט זיין, אַז אָט די קליינע אַרומקריי־גענישן צווישן חתן־כלה וואָלטן פאַרבייגעגאַנגען און זיך געענדיקט בשלום, אָבער חנה־גנענדל, דעם חזנס מיידל, די בעסטע שניידערן אין שטאָט, ביי וועמען רבקהלע האָט געאַרבעט, די־אָ חנה־גנענדל האָט נישט געקאָנט מסכים זיין, אַז אַזאַ איידל קינד, וואָס האָט שוין „דורכגעלעזן“ אַ באַרג מיט ביכער, זאָל אַריינפאַלן צו אַזאַ גרוביאַן ווי הערשעלע טשעלענטניק.

אַלײן שױן אַ ביסל אַן איבערגעעלטערט מײדל, האָט חנה־גנענדל נאָך געהאַלטן אין אײן איבערקלױבן צװישן די חתנים װאָס מען האָט איר געשדכנט: קײנער איז איר נישט געפעלן. דער איז װײניק אינטעליגענט, אַ צװײטער האָט נישט קײן מאַניערן, אַ דריטער... די מענטשן פֿעלט דעליקאַטקײט. איז שױן בעסער צו בלײבן זיצן אַלײן. אין די טעג האָט זי געצײכנט, געשניטן און געפּאַסט די טײַערע מלבושים, װאָס מען האָט איר אַרײנגעגעבן צו מאַכן. אין די זומער־פּאַרנאַכטן איז זי מיטן שירעמל אין דער האַנט און מיט אַ בוך אונטערן אָרעם איז זי געגאַנגען שפּאַצירן מיט איר אײנציקער חברטע, חנה איטשע־מאירס. בײם הױף האָט שױן געװאַרט שמואל ביאַליסטאָקער, אַ בחור אין ברילן. אין דרײען איז מען געגאַנגען שפּאַצירן, מ'האָט געשמועסט און אַזױ איז איר גוט געװען. די װינטערדיקע אָװנטן איז דאָס מײדל אָפּגעלעגן בײ אירע ביכער, װאָס האָבן דערצײלט פֿון הימלישער ליבע, פֿון דער ליבע װאָס חנה־גנענדל האָט דאָ, אינעם בלאָטיקן זשעלעכאָװ, נישט געקאָנט געפינען.

אַז די חנה־גנענדל האָט זיך דערװוּסט װעגן דעם שידוך פֿון רבקהלען מיט דעם טשעלענטניק, האָט זי זיך פֿאַרנומען בשום־אופן נישט צו דערלאָזן, אַז רבקהלע זאָל אַרײנפֿאַלן. בפּרט, אַז צאַלקע משמשס בחורל מיטן בלאָנדן שרונט און רױטע בעקלעך האָט געװאָרפן אַן אױג אױף רבקהלען. אמת, אױך דער בחור איז װי שמואל ביאַליסטאָקער, געװען אַן אַ גראָשן בײ דער נשמה, אָבער אַז די צװײ הערצער צי̈ען אײנס צום צװײטן, װאָס איז דאָ פֿאַראַן צו טראַכטן װעגן אַזעלכע פּראָזאַי̈שע זאַכן װי געלט פֿאַרדינען? זי האָט אָנגעהױבן אַרײנרעדן אין דעם מײדל, אַז הערשעלע יעקבֿ־שאולס איז נישט קײן פּאָר פֿאַר אַזאַ צאַרטע בלום. און טאָקע בײ זיך אין װאַרשטאַט האָט זי אױסגעקאָמבינירט, אַז צאַלקעס בחורל איז שטענדיק אַרײנגעקומען צו איר, װען רבקהלע האָט אָװעקגעלײגט די אַרבעט. ער פֿלעגט זי אָפּפֿירן אַהײם און אַזױ זענען זײ געװאָרן נענטער אײנער מיטן אַנדערן.

שפּעטער האָט מען געשמועסט, אַז הערשעלע איז אַ מאָל אָנגעקומען פֿון אַ װינטערדיקן יאַריד אין ריקי, האָט אָפּגעגעסן װיעטשערע און איז געגאַנגען צו דער כּלה. רבקהלע? זי איז נאָך נישט געקומען פֿון דער אַרבעט, האָט מען אים געזאָגט. ער איז אונטערגעזעסן אַ האַלבע שעה און אַז

זי איז אַלץ נאָך נישט געווען, האָט ער געזאָגט אַ ער וועט צוגיין נאָך איר. וואָס עס איז דערנאָך געשען האָט קיינער נישט געוווּסט. נאָר צומאָרגנס האָט מען געזען צאַלקעס בחורל מיט פאַרלאָפענע אויגן, אַ געשוואָלן פּנים און עטלעכע אויסגעהאַקטע ציין. און אין עטלעכע טעג אַרום האָט די גאַנצע שטאָט גערעדט אַז הערשעלע טשעלענטניק האָט אָפּגעלאָזן דעם שידוך.

*

אַ זומערדיקע נאַכט. אויפן וואַרשעווער שאָסיי האָט זיך געשלעפּט אַ הויך־אָנגעלאָדעוועטער וואָגן. ריטמיש האָבן די פערדישע באַפּאָדקעוועטע טריט הילכיק אָפּגעקלאַפּט אין דער אַרומיקער שטילקייט. פּלוצלינג האָט הערשעלע אַ שטויס געגעבן דעם אָנטרייבער הענעך:

— שלאָפסט, הענעך?

— וואָסי, הערשל?

— גאָר נישט, — האָט הערשל אַ ברום־געטאָן און געבליבן שטיל. אָבער באַלד האָט ער זיך צערעדט:

— ווייסט, הענעך, ס'איז מיר אַזוי שווער אַט דאָ, — האָט ער מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויפן האַרץ. — עפּעס ווי מען וואָלט דאָרט אַ פויסט אַריינגערוקט. ווייסט דען, וואָס פאַר אַ שליפּיעס זי פאַרמאָגט, — האָט ער גערעדט ווי צו זיך אַליין, קוילן, הייסע גליִענדיקע, און פאַרוואָס האָט זי מיך אַזוי פאַרשעמט? אַ שלעכט לעבן וואָלט איך איר געגעבן? אַ מלכה וואָלט זי געווען ביי מיר. אַ מלכה, ווי איך בין אַ ייִד, הערסט, הענעך: אויף די הענט וואָלט איך זי דאָך געטראָגן.

— דאַרפסט מיר נישט דערציילן, הערשל, — האָט הענעך זיך אָנ־גערופן, — אָבער וואָס האָב איך דיר געזאָגט, האָ? מיר, ברודער, זענען טשעלענטניקעס, ווייסן נישט פון קיין ברילעכלעך, אַ רוח אין זייער טאַטנס טאַטן אַריין!

ווידער אַ טיפע שטילקייט, אַפילו די טריט פון די פערדישע טריט איבערן שאָסיי זענען ווי אַריינגעוואַקסן אין דער אַרומיקער שטילקייט פון דער נאַכט. מ'האָט זיי נישט געהערט. די לבנה האָט זיך ערגעץ באַ־

האַלטן אונטער אַ װאָלקן, בלויז אײנצלנע שטערן האָבן געקוקט װי בליש־טשנדיקע אויגן, געקוקט אויף די פאָרנדיקע אין דער נאַכט.

— שלאָפסט, הערשל? — האָט הענעך איבערגעריסן דאָס שװײַגעניש.

— נײן, — האָט יענער אַ זיפץ געטאָן — װיאָ, דזשיעטשי — האָט הענעך אַ קנאַל געגעבן מיט דער בײַטש און דער װאָגן האָט זיך אַלץ טיפער, טיפער אַרײַנגעשניטן, זיך צונױפגעגאָסן און געװאָרן אײנס מיט דער פונאַנדערגעגאָסענער פינצטערניש.

9

אַריסטאָקראַטן

ווען פאַר מײַנע אויגן נעמען פאַרבײַשווימען די הונדערטער, די טויזנ־טער ייִדן פון מײַן זשעלעכאָוו, — שײַלן זיך אַרויס די געשטאַלטן פון עטלעכע, וועלכע איך מוז באַצייכענען מיטן נאָמען: „אַריסטאָקראַטן״. כאָטש דאָס וואָרט קומט אַרויס עפּעס קאַלט און פרעמדלעך, ווען עס דער־ציילט זיך וועגן די האַרציקע ייִדן פון מײַן ליב־אײַנגעבאַקענעם שטעטל, איז מיר אוממעגלעך צו געפינען אַן אַנדער וואָרט פאַר אָט־די לעבנס, וואָס זענען צונויפגעוואַקסן מיט זשעלעכאָוו.

1

איך געדענק משה גאָלדבערגן, אָדער משה לערער, ווײַל זײַן פּרנסה איז געווען לערנען ייִדישע קינדער לייענען און שרײַבן. נישט קיין גע־הויבענע פּרנסה, דערפאַר איז דער מענטש געווען אַ געהויבענער.

שוין דער אויסערלעכער אָנבליק זײַנער האָט אים אויסגעשיילט פון די רעשט ייִדן און אַרויסגערופן צו אים רעספּעקט. אַ הויכער, אַ שלאַנקער, פון די געציילטע זשעלעכאָווער ייִדן וואָס האָבן זיך געקליידט קורץ. דער קנייטש פון זײַנע שוואַרצע טוכענע הויזן איז שטענדיק געווען גלײַך; די קאָמאָשן מיט אַ גלאַנץ; זײַן לענגלעך פּנים אַרומגענומען מיט אַ צוגע־שוירן בערדל וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קמץ אויף דער סאַמע שפּיץ גאָמבע. אויף זײַן געבערגלטער אָדלער־נאָז זענען געווען אָנגעזאָטלט גאָל־דענע בינאָקלען, מיט אַ דין שוואַרץ זייד־שנירעלע פאַרלייגט איבערן לינקן אויער. אויך דאָס קיילעכדיקע זײַדן היטעלע מיטן שוואַרצן טאַשמעלע בײַ־דער דענקע און מיטן שוואַרצן קנעפּל אין סאַמע שפּיץ איז כמעט געווען איין־איינציק אין גאַנץ זשעלעכאָוו (איך זאָג: כ מ ע ט, ווײַל נאָך איין

ייִד האָט זיך געפֿינען אין שטאָט און זײַן קאָפּ איז געווען באַצירט מיט אַזאַ היטעלע. דאָס איז געווען דער דאַמסקער שנײַדער נתן שילעמס, משה לערערס חבר). דער משה לערער איז מיט יאָרן צוריק געקומען קיין זשע־לעכאָוו פֿון ערגעץ אין דער ליטע און איז טאַקע געווען דער ערשטער צו עפֿענען זיך אַ שקאָלע, ווו ייִדישע קינדער האָבן זיך געלערנט לייענען, שרײַבן און רעכענען.

לויט מײַן מאַמעס האָט אַ מאָל געלאָזט פֿאַלן אַ וואָרט וועגן דעם לע־רערס ערשטע יאָרן אין זשעלעכאָוו, האָבן בלויז געציילטע באַלעבאַטים אים אַהיימגערופֿן אויף לעקציעס פֿאַר זייערע מיידלעך; וועגן שיקן ייִנג־לעך צו אים איז נישט געווען קיין רייד, ווײַל מען האָט פּשוט מורא געהאַט אַנצופֿאַרטרויען ייִדישע קינדערלעך דעם פֿרעמדן ליטוואַק און אַפּיקורס.

אין מײַנע יאָרן אָבער האָט משה לערערס שקאָלע געבליט אין איר פֿולער פּראַכט. אמת, די זשעלעכאָווער ייִדן, סײַ חסידים, סײַ קרעמערס און סײַ בעלי־מלאכות איז נישט געגאַנגען אַזוי שטאַרק אין בילדן זייערע קינדער, אָבער אַ ייִדיש בריוול, אַ רוסישן אַדרעס און מאַכן אַ חשבון, האָבן יעדע טאַטע־מאַמע געוואָלט אויסלערנען זייערע קינדער. און כאָטש עס זענען געווען עטלעכע מלמדים ווי אַ שטייגער הערשל שמש, וועלכער האָט פֿאַרמאָגט אַ האַנטשריפֿט נאָר פֿאַרן קייסער צו באַווייזן, און פֿאַר געציילטע גראָשנס (אויסער דעם שכר־לימוד) האָט ער געלערנט זײַנע תּלמידים שרײַבן אַ ייִדיש בריוול מיט אַזאַ קונציק־געציקטן אונטערשריפֿט, וואָס איינער מיט צען קעפּ איז נישט אין שטאַנד געווען איבערצולייענען; אויך לוזער שמערלס, דער בעסטער גמרא־מלמד, האָט געלערנט דערוואַק־סענע חתן־בחורים שרײַבן לשון־קודשדיקע בריוו, אָבער אַ גאַנצע שטאָט מיט ייִנגלעך האָט דאָך נישט געקאָנט גיין אין חדר צו הערשל שמש און צו לוזער שמערלס. און מיט מיידלעך וואָס זאָל מען טאָן? איז טאַקע משה לערערס שקאָלע, ווי איך געדענק זי, שטענדיק געווען פֿול מיט ייִנג־לעך און מיידלעך וואָס האָבן דאָרט געלערנט די קונץ פֿון לייענען און שרײַבן.

אַכט אַזייגער אין דער פֿרי אום זומער און ניין אַ זייגער ווינטער־צײַט הייבט אָן משה לערער זײַנע קלאַסן פֿאַר מיידלעך. אויף די לאַנגע „לאַווקעס" זענען אויסגעזעצט ביי אַ פֿופֿציק תּלמידות: זייערע שוואַרצע

און בלאַנדע צעפּלעך זענען פֿאַרפּלאָכטן מיט קאָלירטע זיידענע סטענגעס. יונגע, קוים שפּראָצנדיקע בריסטלעך פּלאַטערן פון אונטער ווייסע בלוז־קעלעך (אַזאַ סאָרט אוניפאָרם וואָס משה לערער האָט איינגעפירט) און אויגן, — פון שוואַרץ־פינקלענדיקע ביז לייכט־פאַרנעפלטע, בלויע — הייבן אויף אַלע ווייל זייערע בליקן צום טיש, וווּ ס׳זיצט דער לערער און דיקטירט מיט זיין שאַרף־ליטווישן אַקצענט, ווי אַזוי מען דאַרף שרייבן אַ ייִדישן בריוו.

אַזוי ווי די מיידלעך וואָס גייען צו משה לערער אין שקאָלע פון אַכט ביז האַלב צוועלף, זענען כמעט אַלע אין עלטער פון צען ביז דרייצן יאָר, זענען די בריוו, וואָס ער דיקטירט, בלויז משפּחה־בריוו און הייבן זיך אָן פּיל־ווייניק אַזוי: „צו מיינע ליבע האָכגעשעצטע און עוויג נישט פאַרגע־סענע עלטערן". „נישט פאַרגעסענע עלטערן" הערט זיך אַ כאָר פון קליג־גענדיקע שטימעלעך, אַ סימן, אַז אַלץ איז פאַרטיק מיטן טיטל. און משה לערער דיקטירט וויטער: „ערשטנס קום איך אייך בענאַכריכטן, אַז איך געפין זיך, גאָט זיי דאַנק, ביים בעסטן געזונט, געבע גאָט דאָס זעלבע פון אייך צו הערן אויף עוויג און איממער". — אים־מער, מיט צוויי מעמען, טוט ער אַ זאָג. דערנאָך גייט אַוועק אַ סדרה ווענן דעם וואָס עס מאַכט דער פעטער, די מומע, קוזינען און אַנדערע משפּחה־לייט, ווייל משה ווערט דאָך נישט דערלאָזן, אַז אַ ייִדיש מיידל זאָל זיך חלילה געפינען אין אַ צוויי־טער שטאָט ביי פרעמדע מענטשן, זאָל פאַרגעסן נאָענטע משפּחה, און ער פאַרענדיקט: „פון מיר אייער געטרייע און בענקנדיקע טאָכטער". אָפּגעפאַרטיקט זיך מיטן ייִדישן בריוו, קומט אַ „דיקטאַנדע" אין רוסיש; דאָס איז שוין נישט קיין בריוו, נאָר אַ מעשה ווי אַזוי אַ גאַנצע משפּחה, דער טאַטע, די מאַמע, די באָבע מיטן זיידן און אַ טוץ קינדערלעך, אַלע צוזאַמען שלעפּן אַ רעטעך וואָס וויל בשום אופן נישט אַרויסקריכן פון דער ערד. און נאָך אַן אונטערשייד איז פאַראַן צווישן אַ ייִדישער און רוסישער דיקטאַנדע. ביי די גויִים איז כמעט ביי יעדע פּאָר ווערטער פאַראַן אַ פּונקט און אַ קאָמאַ. הערט זיך טאַקע אַלע ווײַלע משה לערערס שאַרף און דונערדיק קול: טאָטשקאַ, זאַפּיאַטאַיאַ, טאָטשקאַ זאַפּיאַטאַיאַ. ביי ייִדיש אָבער איז אַ מחיה: נישט קיין פּונקט און נישט קיין קאָמאַ, אַלץ גליטשט זיך גלאַטיק, אָן שום שטרויכלונגען. דערנאָך לערנט מען לייענען

און חשבונען. אַז אַ ייִדיש קינד גייט אַ יאָר, אָדער צוויי צו משה לערער, האָבן טאַטע־מאַמע געגנוג זיך „אויסגעברענגט". וויפל איז דער שיעור?

אַרום האַלב צוועלף קומט אַריין אין שקאָלע דעם לערערס ווײַב. זי איז אַ דיקע ייִדענע מיט צוויי שוואַרצע האַריקע וואָרצעלעך ביי ביידע זייטן פון דער גאָמבע. „נו, מעשע — טוט זי אַ פרעג דעם מאַן — וועסט גיין עסן?" „באַלד בין איך פאַרטיק", ענטפערט ער, האַלטנדיק די אויגן אין אַ העפט. פּינקטלעך האַלב צוועלף פאַרמאַכט ער דעם לעצטן העפט און שטעלט זיך אויף.

דאָס שמאָלע געסל ווערט אויף אַ ווייל פאַרהילכט פון מיידלשע קולות, אָבער די שקאָלע איז נישט ליידיק געבליבן, ווייל אין דרויסן וואַרט שוין פונקט אַזאַ צאָל ייִנגלעך, וואָס גייען אַהין אַריין פון האַלב צוועלף ביז האַלב צוויי. ווידער חזרט זיך איבער דאָס אייגענע, מיטן אונטערשייד וואָס אין די ייִנגלשע בריוו רעדט זיך, אַ חוץ פון משפּחה־זאַכן, אויך פון מסחר. פון האַלב צוויי ביז דריי כאַפּט משה לערער אַ דרימל. נאָך דער שעה האָט ער שוין אַ פרישן קלאַס פון עלטערע מיידלעך, וועמען ער לערנט שוין אויך שרייבן חתן־כלה בריוו.

*

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט משה לערער איז פאָרגעקומען, ווען איך בין געווען אַכט, אָדער אפשר ניין יאָר. אין דער היים האָט מיך דער טאַטע אויסגעלערנט שרייבן ייִדיש און די ערשטע כללים פון רעכענען. און כאָטש נישט דעם טאַטן און נישט דער מאַמען איז אַזוי שטאַרק גע־גאַנגען אין לעבן דאָס רוסישע לשון, פון דעסטוועגן האָבן זיי נישט גע־וואָלט איך זאָל אויסוואַקסן אָן דער תורה פון קאָנען אָנשרייבן אַ רוסישן אַדרעס און מ'האָט מיך אָנגעדונגען צו משה לערער אין שקאָלע.

ווי לעבעדיק שטייט פאַר מיר יענער זומערדיקער טאָג, ווען איך בין צום ערשטן מאָל אַריינגעקומען אין שקאָלע. פון אַלץ האָט דאָ געוויייעט מיט פרעמדקייט. שוין די לאַנגע לאַווקעס מיט די פולפּוטרעס, ווו עס זענען געווען לעבער אויף די טינטאָרנס, — די פאָרטרעטן פון קייסער מיטן נאַסלעדניק, וואָס האָבן מיט גויִשער גדלות אַראָפּגעקוקט פון די ווענט. פון אַלץ האָט געיאָגט מיט קעלט וואָס איז מיט אַ שוידער אַריבער מיין

לייב. משה לערער האָט מיט אַ שטרענגן בליק מיר אָנגעוויזן דאָס אָרט וווּ איך זאָל מיך זעצן.

— „אַ קאַיעט" האָסטו געבראַנגט? — האָט ער מיך געפרעגט.

איך האָב אים געגעבן דאָס העפט. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט ביים טיש און גענומען אויסציקלען אַן אַ, בע, צע, דע און דערלאַנגענדיק מיר דאָס העפט, מיך געהייסן נאָכשרייבן.

וויל איך איצט נישט דערציילן, וואָס פאַר אַ קאַלטער שווייס עס האָט מיך באַגאָסן, ווען איך בין געבליבן איינער אַליין, פּנים אל פּנים מיט אָט די אַזוי פרעמדע צייכנס, וועלכע איך האָב באַדאַרפט נאָכמאַכן. די גאַנצע פרעמדקייט און די שרעק פאַר גויִשקייט, וואָס איז איינגע־פלאַנצט אין אַ ייִדיש קינד פון אַ באַלעבאַטישער קליינשטעטלדיקער שטוב — דאָס אַלץ האָט זיך ערשט צונויפגענומען און פערסאָניפיצירט זיך אין די פאַר קרומע אַזוי פרעמדע אותיות.

איך געדענק נישט ווי לאַנג איך בין אַזוי געזעסן און געפירט מיט דער פעדער איבערן זייטל פּאַפּיר. ווען דאָס בלעטל איז סוף־כל־סוף געווען פאַרשריבן, האָב איך מיט שרעק דערזען עפּעס אויסטערלישע צייכנס, טינט באַפלעקטע, גרויסע, קרומע. אוי, גאָרנישט ענלעך צו דעם וואָס דער לערער האָט אָנגעשריבן פאַר מיר!

עס איז אַריבער אַ וואָך צייט, און איין מאָל, ווען מיין מאַמע האָט שוין געוואָלט זען דאָס נחת פון איר שווער פאַרהאָרעוועט געלט און גע־כאַפּט אַ בליק אין מיין רוסישן קאַיעט, האָט זי פאַרבראָכן די הענט: „ווײ איז מיר, גיב נאָר אַ קוק וואָס פאַר אַ וויסטע קאָטשערעס דו האָסט אָנגע־מאַכט". איך בין געשטאַנען אַ פאַרשעמטער, דער אומבאַהאָלפענער קינ־דערשער כעס האָט אָנגעהויבן זידן אין מיר, דער גאַנצער ווידערווילן צו דעם פרעמדן און גויִשקן, וואָס מען האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן, האָט זיך געריסן פון מיר מיט געוואַלד און איך האָב אַ זאָג געטאָן: „איך גיי נישט מער אין שקאָלע אַריין".

— איז נישט געטראָפן — האָט דער טאַטע געחוזקט.

דאָ האָט זיך שוין די מאַמע אַריינגעמישט און אָנגעהויבן שרייען:

— ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַ יונג פון ניין יאָר זאָל זיך נישט קאָנען אויסלערנען די „אַזבוקע"?

און אויף צומאָרגנס האָט זי מיך באַגלייט אין שקאָלע אַרײַן.

— ר׳ משה קרוין — האָט זי מיט איר ווייך קול גערעדט צום לע־רער — ר׳ משה, איך האָב אײַך געוואָלט בעטן, איר זאָלט דעם קינד צוווייזן די ערשטע פּאָר טעג. איך קאָן נישט פאַרשטיין וואָס דאָ טוט זיך: אין חדר איז ער דווקא נישט פון די ערגסטע און דאָ קריכט אים גאָרנישט אין קאָפּ אַרײַן.

משה לערער האָט עפּעס אָנגעהויבן מורמלען. אַז עס גייט אים נישט אין די פאַרדאָסטע צוואַנציק קאָפּיקעס אַ וואָך זיך צו פאַרדרייען אַ קאָפּ מיט אַ ראָצערל. ער וועט טוען ס׳מעגלעכסטע. אָבער ווען די מאַמע איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער זיך צוגעזעצט צו מיר און נעמענדיק מיין האַנט אין זיינער אַרײַן, האָט ער אָנגעהויבן אַזוי אַרום פירן מיט דער פעדער. ער האָט מיר געוויזן: אָט אַזוי, אָט זעסט? און מיך אַרײַנגעפירט אין דעם סוד פון אויפשרייבן די אַזוי נייטיקע, פרעמדע צייכנס. פּאַמעלעך, פּאַ־מעלעך האָב איך מיך אָנגעהויבן צוגעוווינען, זיך צובינדן און אַפילו ליב קריגן דעם הויכן ייִד, פון וועמענס בליקן עס איז געפלאָסן אַ צאַרטקייט צו זיינע תלמידים, ביי וועלכע ער האָט געזען אַ פּעולה אין די לימודים. ער האָט דאָס, אמת, נישט אַרויסגעוויזן מיט ווערטער. אדרבא, צו די בעסערע שילערס איז ער געווען אויסערלעך שטרענג און געפאָדערט פון זיי מער; עס איז אָבער גענוג געווען איין בליק, איין שמייכעלע (ווען ער האָט אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן זיין מכלומרשטע שטרענגקייט) און מיר האָבן דערפילט אַ שטראָם פון צאַרטקייט וואָס האָט געפּלייצט פון דעם מענטש. אין יענע יאָרן איז דער ייִד געווען אין מיין קינדערשער פאַרשטעלונג די פאַרקערפּערונג פון אַלע שבע חכמות. איך דערמאָן זיך, אַז אַ מאָל, נאָך אַ לעקציע (איך בין דעמאָלט געגאַנגען צו אים אין שקאָלע פון ניין ביז עלף ביינאַכט), ווען ער האָט אונדז פאַרטייטשט אַ משל פון קרילאָוון, האָב איך, אַ באַגייסטערטער דערפון וואָס אַ מענטש קאָן איבערלייענען און פאַרטייטשן אַ גאַנצע מעשה אין גויִשקן לשון, אים אַ פרעג געטאָן: „זאָגט מיר, לערער, וואָס נאָך פאַר אַ שפּראַכן קאָנט איר?״ „פּויליש, דייטש און פראַנצויזיש״ — האָט ער געענטפערט. ווייס איך אַליין נישט וואָס פאַר אַ דיבוק עס האָט זיך אין מיר דעמאָלט אַרײַנגעכאַפּט; ווייזט אויס, אַז די גרויסע קענטעניש פון שפּראַכן וואָס מיעשטשען זיך אין קאָפּ

פון אַן אײנאײנציקן מענטש האָט מיך עפּעס ווילד געמאַכט, און איך האָב געגעבן אַ פּלאַץ אַרויס: „און טערקיש קאָן דער לערער אויך?" אַ רגע האָט געהערשט אַ שווערע שטילקייט. מיר האָט באַלד באַנג געטאָן אָט די שאלה, כאָטש איין גאָט איז מיין עדות, אַז די פּראַגע איז געווען אין גאַנצן אַן אומשולדיקע. מסתמא האָט אויך ער דערפילט, אַז איך בין דאָ גאָר נישט אויסן געווען קיין שלעכטס, נאָר כדי נישט צו פאַרלירן דעם אָנזען אין די אויגן פון די שילער, האָט ער געענטפערט: „עטלעכע ווערטער פון לשון טערקיש זענען מיר באַקאַנט. ס'איז פון דער צייט, ווען נאָך דער טערקיש־רוסישער מלחמה האָבן זיך אין דער פעסטונג, ווו מיר האָבן געוווינט, געפונען טערקישע געפאַנגענע".

2

...אַמאָל האָבן ייִדן אין זשעלעכאָוו געקוקט מיט חשד אויף אָט דעם קורץ־געקליידטן ליטוואַק. אין מיינע צייטן איז משה לערער געווען אַן אָנגעזעענער באַלעבאָס אין שטאָט. חסידישע ייִדן זענען געווען נישט קיין צו גרויסע מחותנים מיט אים, אָבער אַ גוט־מאָרגן האָט מען אים אונטערגעטראָגן. כמעט אַלע שיקן זייערע קינדער צו אים אין שקאָלע אַריין. צווייטנס איז משה לערער דער איינציקער ייִד וואָס קאָן אָנשרייבן אַ פּראָשעניע אין סאָנד אַריין, און עס זאָל זיך נישט טרעפן ווי עס טרעפט זיך, צו וואָסזשע זיך איינרייסן? צו זיין טובה קען מען דאַרפן אָנקומען. ובפרט, אַז אַזוי איז משה לערער אַן אָפּגעהיטענער ייִד, גייט אַלע שבת דאַ־ווענען, היט אָפּ כשרות, אלא וואָס? זיין קורצער אנצוג, דאָס צוגעשווירענע בערדל? זאָל זיך גאָט זאָרגן.

אין חברה הכנסת אורחים איז משה לערער דער בעל קורא און עס איז טאַקע אַ מחיה צו הערן זיין לייענען שבת דאָס ספר. ס'איז טאַקע ליט־וויש זיין אויסשפּראַך, אָבער די ווערטער קומען אַרויס קלאָרע, אַזעלכע געציילטע, אָפּגעטאָקטע ווי פּערל. אויך אין חברה הכנסת כלה איז משה לערער אַ גאַנצער מאַכער, אויב נישט גבאי. און בנימין שלוסאַרזש, און־דזער שכן, ווייסט אַפילו צו דערציילן אַז פּורים, ווען די אָנגעזעענסטע ייִדן פון דער חברה פאַרשטעלן זיך און גייען זאַמלען געלט פאַר אָרעמע כלות, איז משה לערער איינער פון זיי.

אָבער דאָס אַלץ איז גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט די טעג, ווען עס פאַלט אויס אַ „גאַלעווקע״, דער געבורטסטאָג פון קייסער, פון דער קייסע־רין אָדער נאָסלעדניק. אין אַזאַ טאָג וואַקסט משה לערערס אָנזען ביז אונטערן הימל. אוודאי איז נישט קיין פאַרגלייך פון זײַן „הנותן תשועה״ צו כּיל נתנס „מי שבירך״; אַוודאי איז אַ חילוק ווי פון טאָג צו נאַכט, פון זײַן „הקייסער ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש ירום הודו״, וואָס מ׳דוכנט אויס ביז כּיל נתנס גאָרגלדיקן קוויטש. און די רוסישע רעדע, וואָס ער לייגט דעמאָלט אָוועק? דאָס וואָס די גאַנצע נאַטשאַלסטווע, פון בור־מיסטש, מאַגיסטראַט־שרייבער און סטאַרשי סטראַזשניק שטייען אויסגע־שטרעקט און האַלטן די הענט פאַר קאָזיראָק? דעמאָלט וואַקסט דער ייִדי־שער כּבוד און אויך דער אָנזען פון משה לערער.

אין אָט די טעג פוצט זיך אויס משה לערער אין זײַן שוואַרצן דריי־פערטלדיקן ראָק מיט די זײַדענע קלאַפּעס און הויזן מיט זײַדענע טאַש־מעס ביי די זײַטן, אויפן קאָפּ אַ גלאַנציק זײַדן היטעלע. און גייט ער אין שול אַרײַן מאַכן דעם מי שבירך, באַגלייט אים שטענדיק זײַן חבר נתן שילעמס.

אַ מאָדנע פרײַנטשאַפט בינדט אָט די צוויי ייִדן, וואָס אויבנאויפיק פאַרמאָגן זיי גאָרנישט קיין בשותפותדיקע אייגנשאַפטן. אַז בסך־הכּל איז נתן שילעמס אַ דאַמסקער שניידער אויף וועמענס טיר, אין מאַרק, הענגען צוויי לאַנגע שילדן מיט אויסגעפּוצטע נקבות, אַזעלכע לאַנגע, דאַרע מיט הויך־פּעדערדיקע היטן אויף די קעפּ. ער איז דער בעסטער דאַמסקער שניי־דער אין זשעלעכאָוו. פאַר זײַן שטוב פאַרפאָרן קאַטשן מיט פּריצעטעס פון די אַרומיקע „הייף״. עס זענען קליענטקעס. טאָקע דערפאַר וואָס נתן שילעמס האָט אַממערסטן צו טאָן מיט פּריצים, האַלט ער זיך אַליין אויך מעשה־פּריץ און זײַן הלבשה איז פּונקט די אייגענע וואָס משה לערערס. זײַן ווייב, חיה נתנס איז אַ ברייט צעוואַקסענע ייִדענע מיט אַ הויכן בוזעם. שבת אין שיל אַרײַן טוט זי אָן אַ לאַנגן פּלושענעם זשאַקעט און אַ הויכן הוט מיט אַ פּעדער. אַ גאַנצע וואָך, כאָטש זיי האָבן נישט קיין קינדער, איז די ייִדענע אייביק פאַרהאָרעוועט. כּמעט אַ גאַנצן טאָג איז חיה נתנס פאַרפאָרעט אין קיך. איר פּנים איז אַ פאַרפלאַמטס און די באַקן ווי אויס־געשמירט מיט פעטקייטן, פון די שמאַלציקייטן און געבראָטנס וואָס זי

האַלט כסדר אין צוגרייטן. איז טאַקע חיה נתנס קיך באַרימט איבער גאַנץ זשעלעכאָוו. אַז עס טרעפט זיך, אַז אַן אָרעמער קראַנקער דאַרף האָבן ווי דאָס לעבן אַ פּריש ביסל הינערנע יויך, אַ שטיקעלע עוף, אָדער אַ ביסעלע איינגעמאַכטס צו דערכאַפּן דאָס האַרץ, איז חיה נתנס קיך אָפן פאַר אַזאַ. זומער פאַרנאַכט, ווען חיה נתנס האָט זיך שוין אָפּגעפּאַרטיקט פון איר האַוועניש ביים קאָכן, באַקן, זעט מען זיצן פאַר דער טיר פון איר שטוב. די צעפלאָסענע פליישן פון איר גרויסן גוף צעשפרייטן זיך אַריבער די ברעגעס פון דער שטול ווו זי זיצט. אַ מאָל קומט צו אַ שכנטע און זעצט זיך צו, און אַ סך מאָל קומען די שטאָטישע גבאיטעס. „גוט העלף, חיהשי״ — זינגען זיי אַרויס מיט אַ פרום מינעלע, מען פרעגט זיך אויס אויפן געזונט און דערנאָך דערציילט מען, אַז דודל ציגל, אָדער הערש לייבע־לעס ווייב ליגן נעבעך געשוואָלן ווי אַ באַרג. זיי באַשטעלן ביי איר אַ ביסל פרישע יויך און אַ פליגעלע אויף מאָרגן; עס קרעכצט נאָך חיה נתנס אויף דער גרויסער ייִדישער נויט וואָס מען קאָן גאָר נישט נאַסיטשן. דערנאָך געזעגענען זיך די גבאיטעס: „אוי, חיהשי קרוין, עולם הבא האָט עטץ זיך געקויפט״ און אויף צומאָרגנס שטייט זי ווידער פון דער פרי אָן ביי דער קיך, באַקט, קאָכט און בראָט, כדי קראַנקע אָרעמעלייט נעבעך זאָלן האָבן מיט וואָס זיך צו דערכאַפּן דאָס האַרץ.

היינט, נאָך אַזוי פיל צייט, ווען איך שרייב אָט די שורות, איז מיר שווער צו פאַרשטיין וואָס אַזעלכעס עס האָט אַזוי צונויפגעבונדן די צוויי ייִדן, משה לערער און נתן שילעמס, וועלכע מען האָט שטענדיק געזען צוזאַמען און זיי האָבן אייביקע יאָרן געהאַט וועגן וואָס צו שמועסן מיט אַנאַנדער. זיכער זענען עס נישט געווען נתן שילעמס גרויסע קענטענישן וואָס האָבן אַזוי צוגעצויגן משה לערער. ווייל דער דאַמסקער שניידער איז נישט געווען קיין זאַ גרויסער ידען אין די קליינע אותיות. ער האָט אַפילו מיט שוועריקייט זיך אונטערגעשריבן. אַז איך טראַכט וועגן אָט דער פריינטשאַפט, דוכט זיך מיר אַז אפשר האָט די צונויפגעבונדנקייט געהאַט זיין מקור אין דער אומרויִקייט וואָס האָט גענעסטיקט איןביידנס הערצער, אָט די צוויי ייִדן האָבן אַמאָל געחלומט וועגן אַן אַנדער לעבן, נישט דאָס, אין וואָס דאָס שטעטל האָט זיי אַריינגעוואָרפן. משה לערערס ערשטע יאָרן אין זשעלעכאָוו זענען געווען פאַרהילט אין כלערליי מעשיות. בנימין

שלוסאַרזש האָט אַפילו אַ מאָל אַרײַנגעוואָרפן אַ וואָרט, אַז משה לערער האָט געמוזט אַנטלויפן פון זײַן שטעטל, ווײַל ער האָט זיך אָנגעקערט מיט יענע לײַט, וואָס זענען נישט געווען צופרידן מיטן קייסער, און (אַראָפּ־נידערנדיק דאָס קול, האָט ער דערציילט) אַז אין אמתן הייסט ער גאָר נישט גאָלדבערג. ער האָט זיך געמוזט בײַטן דעם נאָמען. היינט זינגט משה לערער אויס דעם הנותן תשועה אויף אַ גאָר גרויסאַרטיקן שטײַגער, אָבער דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט די אַמאָליקע יאָרן. אויך וועגן נתן שילעמס האָט מען זיך געגנוג אָנדערציילט, וועגן זײַנע ליבעס מיט די פּריצטעס, פֿאַר װעלכע ער האָט געאַרבעט. ווידעראַמאָל איז עס געווען בנימין וואָס האָט געוווסט, אַז ווען נתן האָט אין זײַנע זעלנערישע יאָרן אין אַ טיף־רוסישער גובערניע־שטאָט אָפּגעברענגט אַ קלייד וואָס ער האָט אויפגענייט פֿאַר דעם גענעראַלס טאָכטער (שוין דעמאָלט איז ער געווען אַ וואַזשנער שניידער), האָט זיך די שיקסע פֿאַרליאַפּטשעט אין נתנען און עס האָט שוין געהאַלטן דערבײַ, נתן זאָל זיך חלילה שמדן און ווערן דעם גענעראַלס איידעם. נאָר אַ ייִדיש האַרץ איז דאָך נישט אָפּצושאַצן. אין דער לעצטער מינוט, ווען עס האָט שוין געהאַלטן אָט, אָט, האָט נתן זיך מיישב געווען און זיך אַרויסגעדרייט. (אגב איז אָט דער נתן שילעמס געווען דער פּראָטאָטיפּ פון ווײַסנבערגס העלד אין זײַן לעצט ווערק „אין דער טיפער אייביקייט״). אויף וויפל אמת עס איז געווען אין די אַלע מעשיות, בין איך נישט אין שטאַנד צו פֿאַרזיכערן, אָבער אַז נתן האָט געטראָגן אין זיך אָט די פונקען פון ביטערקייט און אומרו, איז אויסער יעדן ספק. אמת, דאָס שטעטל האָט ביסלעכווייז זיי ביידע אײַנגעזאַפּט אין זיך, זיי זענען געוואָרן זשעלעכאָווער ווי אַלע זשעלעכאָווער און דאָך עפּעס אַנדערע. אין די טיפענישן האָבן אָט די ייִדן נאָך געטראָגן אַ באַגער צו אַנדערשקייט און דאָס האָט געבריט זייערע הערצער. דערפֿאַר אפשר אַזאַ צוגעבונדנקייט פון איינעם צום צווייטן.

פון דעסטוועגן איז יעדער פון זיי געווען אַ מענטש אַ באַזונדערער. אָט אַן אויפּטו פון משה לערער, וואָס איז געווען פון גרויסן נוץ פֿאַר דער שטאָט, בפרט פֿאַר דער יוגנט פון בעל־מלאכהשן קלאַס. געווען איז דאָס מיט אַן ערך צוויי יאָר פֿאַר דער ערשטער וועלט־מילחמה. משה לערער

האָט דעמאָלט איינגעפירט אַ נייעם קלאַס אין זיין שקאָלע, פון ניין אַ זיי־גער ביז האַלב צוועלף ביינאַכט.

איך האָב דעמאָלט געלערנט אין דער ישיבה. די וועלטלעכע קענטע־נישן וואָס איך האָב באַקומען אין משך פון אַ יאָר ביי משה לערער, זענען שוין געווען אָפּגעשלאָסן. אָנשרייבן אַ יידיש בריוול מיט אַ לשון־קודשדיקן טיטל האָב איך שוין געקענט; חיבור, חיסור, כפל און חילוק — אויך. און אָנשרייבן אַ רוסישן אַדרעס מיט אַלע פּיטשעווקעס. און וואָס נאָך? עס וועלן דאָך טאַטע־מאַמע מיך נישט גיין אָפּרייסן גאַנצע צוויי שעה אַ טאָג פון דער גמרא צוליב גויִישקע, טרייפענע זאַכן. מיך אָבער האָט אָנגענומען אַ חשק צו לערנען דווקא די גויִישקע זאַכן. איך האָב מיך איינגעשפּאַרט, האָב איך מיינס אויסגעפירט און איך האָב אָנגעהויבן גיין צו משה לערער אויף די ביינאַכטיקע קלאַסן.

איך בין געזעסן אין שקאָלע צוזאַמען מיט איבערגעוואַקסענע יונגען, שוסטערס, שניידערס, גאַרבערס, בייגערס און רימערס, וואָס האָבן מיט שווערקייט געפירט די פעדערס אין אויסגעהאָרעוועטע, מאַזאָליעדיקע הענט. די ערשטע צייטן האָב איך מיך געשראָקן פאַר די איבערגעוואַקסענע יונ־גען, ווען איך האָב אין ווּקס דערגרייכט ביז צום אַקסל. דערצו האָבן זיי חוזק געמאַכט פון מיין חסידישן הילוך און פון מיינע דיקע שוואַרצע פּיאות. שפּעטער האָב איך מיך צוגעוווינט צו זיי און מיט עטלעכע בין איך אַפילו געוואָרן חברים. אַט זע איך דאָס ברייטע פּנים מיט דער צע־פלאַטשטער נאָז פון קלמן שאַיע קאַלבס, דער רימאַרזש, אין וועמענס רייזיקער לאַפּע די פעדער האָט זיך כמעט פאַרלוירן. ער האָט אין די ערשטע טעג בשום אופן נישט געקאָנט אָנשרייבן קיין צוויי גלייכע אותיות. ער איז געווען מיין שכן אויף דער לאַווקע און איך האָב אים אָפט מאָל צוגע־האָלפן. אַט איז הערשעלע שטערנזעער, אַ זעלטן שיינער יונג מיט צוויי גליעדיקע אויגן און אַ צעפלאָסענער סמאָלע־שוואַרצער טשופּרינע, וואָס איז אים אייביק אַפּערגעקראָכן פון אונטערן דאַשעק. דער הערשעלע פלעגט תמיד פאַרשפּעטיקן, צוליב די טרעפונגען מיט די מיידלעך, וואָס זענען בעגאַנגען די כפרה פאַר אים. צו אַט דעם ביינאַכטיקן קלאַס האָט משה לערער זיך באַצויגן מיט באַזונדערער געטרייקייט. איין מאָל האָט משה לערער, טאַקע צוליב הערשעלע שטערנזעער, וועלכער איז גאַנצע צוויי טעג

נישט געקומען אין שקאָלע אַרײַן — זיך געװוּנדערט צו אַלע איבעריקע מיט אַזאַ סאָרט רעדע: „אױב מען מײנט, אַז עס איז גענוג, בלױז זיך צו װעלן אױספּײַנען פֿאַר די מײדלעך צו גײן אין שקאָלע און נישט האָבן אין זינען דאָס לערנען, איז ער מוחל אַזאַ געלט. אױב איך האָב נאָך אַ שװערן טאָג אַרבעט געעפֿנט אַזאַ קלאַס, איז עס בלױז צוליב דעם, אַז מענטשן װאָס אַרבעטן בײַטאָג, זאָלן אױפֿדערנאַכט זיך עפּעס אױסלערנען. גלאַט אַזױ פֿאַרדרײען זיך אַ קאָפּ, דערױף װעט ער נישט אײַנגײן. אױב דערװאַקסענע מענטשן קאָנען באַשטײן צו לעבן אָן בילדונג, מילא, קאָן ער גאָר נישט העלפֿן. פֿון הײַנט אָן און װײַטער װאָרנט ער: אױב עס האָט װער בדעה אײן מאָל יאָ און אײן מאָל נישט קומען, איז גלײַכער ער זאָל גאָר נישט קומען. אַזעלכן װעט ער פּשוט נישט מער אַרײַנלאָזן אין קלאַס".

הערשעלע שטערנזונער איז טאַקע מער נישט געקומען. דערפֿאַר האָבן די רעשט זיך גענומען צום לערנען מיט ברען.

עס זענען געפֿלאָסן שטיל און געלאָסן משה לערערס טעג און יאָרן. אַלע טעג זענען פֿאַרגאַנגען אין דיקטירן ייִדישע בריװ און רוסישע מעשה־לעך, אין אױסציקלען פֿראַשעניעס און דאָס ביסעלע אַמביציע צו כבוד איז געזעטיקט געװאָרן אין די חגא־טעג מיט מי שבירכס פֿאַרן צאַר און אין האַלטן רוסישע רעדעס אױפֿן באַלעמער בײַם בײַזײַן פֿון נאַטשאַלסטװע. אײ, אַ מענטש האָט אַמאָל געחלומט פֿון מי יודע װאָס? איז מילא, נישט יעדער האָט אַ גלײַך מזל. עס לעשן זיך פֿאַמעלעך די פֿונקען פֿון אומרו אונטערן באַרג אַש פֿון טאָג־טעגלעכקײט. טאָמער טרעפֿט זיך אַז אַזאַ פֿונק װערט מיט אַ מאָל אױפֿגעבלאָזן, האָט דערױף גאָט צוגעשיקט אַ גוטן פֿרײַנד װי נתן שילעמס. און געלױבט איז דער אײבערשטער װאָס ס'איז פֿאַראַן אױך בראָנפֿן מיט פֿאַרבײַסעכטס, װאָס מען קאָן קריגן בײַ הערשל העפּנער, אָדער בײַ אַהרן פּסאַנקער אין שענק. מיט עטלעכע גלעזלעך װערט אָט דער אױפֿגעבלאָזענער פֿונק װידער פֿאַרלאָשן אױף װאָכן לאַנג.

אָבער דער, װאָס פֿירט מיט די מענטשלעכע גורלות — דעם כל יכול האָט פּלוצלינג עפּעס פֿאַרדראָסן, עס איז אים נישט ניחא געװאָרן משה לערערס רויקײט און ער האָט פֿאַר אים צוגעגרײט אַ צרה װאָס האָט דעם ייִד אױפֿגעטרײסלט מיט אָן אַ שיעור צרות.

װען דער געלער יאַנקל, שמואל משה מעשאַנזשניקס אײדעם, איז

צוריקגעקומען פון די זעלנער, האָט ער די ערשטע טעג אַרומגעפּאַראַדירט איבער די גאַסן אין זיין זעלנעריש אָנטועכץ. אין בית המדרש צווישן מינחה־מעריב, אין מיטן דעם רעדל מענטשן וואָס האָבן אים געגעבן שלום עליכם און צוגעלייגט אַן אויער צו די נייעס פון דער גרויסער וועלט — האָט ער אַלעמען דערציילט, אַז ער וועט די טעג עפּענען אַ שקאָלע. „פּאָ־נימאַיטיע — האָט ער געזאָגט — איך בין געווען דער גלאַוונער פּיסאַ־טעל אין ראָטע, און דער סאַמע ראָטנער קאָמאַנדיר האָט מיר מיטגעגעבן אַ בריוו צום אויעזדנעם אינספּעקטאָר ער זאָל מיר געבן אַ „ראַזרעשעניע" צו עפּענען אַ שקאָלע". ער האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר און אַלעמען גע־וויזן אָט דעם באַרימטן בריוו. עס האָט טאַקע גאָר נישט לאַנג געדויערט און יאַנקל שמואל־משהס האָט געעפּנט זיין שקאָלע.

מילא, קאָנקורענץ ווי קאָנקורענץ. וועלכער ייִד אין זשעלעכאָוו האָט נישט געהאַט קיין קאָנקורענטן? פּאַר משה לערער אָבער איז דער נייער לערער מיט זיין שקאָלע געווען עפּעס מער ווי אַ קאָנקורענט. אויך פריער האָט משה לערער געהאַט קאָנקורענטן, ווי אַ שטייגער הערשל שמש און שפּרינצעלע די רביצין, וואָס האָט געלערנט מיידלעך שרייבן. אָבער אַן אמתע שקאָלע מיט לאַווקעס, מיט אַ ראַזרעשעניע מיטן קייסערס בילד, קיין זעלכס האָט ביז היינט נישט עקסיסטירט אין זשעלעכאָוו. משה לע־רער איז געווען דער איינציקער מיט אַ שקאָלע. און אַ חוץ דעם אַלעמען, האָט זיך אָט דאָס נייע לערערל פּאַרנומען נישט בלויז אויף קאָנקורענץ, נאָר האָט אָפן אָפּגעחוזקט פון דעם אַלטן לערער, ביי וועמען צוויי דורות ייִנגלעך און מיידלעך האָבן באַקומען בילדונג אין לייענען און שרייבן. דער געלער יאַנקל האָט אין דער נייער שקאָלע איינגעפירט אַ נייעם סאָרט לימוד וואָס ער האָט אָנגערופן: „גראַמאַטיקע". דערביי האָט ער דער־קלערט די עלטערע ייִנגלעך וואָס זענען געגאַנגען צו אים, אַז אָן גראַמאַ־טיקע איז אין גאַנצן נישט מעגלעך זיך אויסצולערנען רוסיש. אַז מען איז שוין דורכגעגאַנגען די גראַמאַטיקע, האָט ער געדרשנט, קומט ערשט סינ־טאַקסיס, וואָס עס איז שוין — הייסט עס — די העכסטע מדרגה פון שפּראַך־קענטעניש. אַוודאי, האָט ער צוגעשמייכלט, האָט אייך דער אַלטער עובר ובטל קיין מאָל נישט דערמאָנט וועגן אָט די אַלע זאַכן, ווייל ער אַליין איז נישט שוה בשוה מיט דער גראַמאַטיקע, און וועגן סינטאַקסיס

ווייסט ער מן הסתם נישט מיט וואָס מען עסט אַזעלכס״. (אגב, אַ קאָמישן עפּיזאָד האָב איך מיט יחיאל לערער דורכגעלעבט מיט אָט דעם סינטאַק־סיס־קענער. עס איז שוין געווען אַ שטיק נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, יחיאל, וועלכער האָט געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג צו שפּראַכן — איז אים אין אַ שיינעם טאָג איינגעפאַלן, אַז עס וואָלט געווען אַ יושר זיך אָנהייבן לערנען רוסיש, כדי צו קענען לייענען די רוסישע קלאַסיקערס אין אָרי־גינאַל. האָט ער מיך געבעטן צורעדן מיר זאָלן זיך ביידע אָנדינגען צו יאַנקלען. משה לערער האָט שוין דעמאָלט נישט געלעבט. גערעדט און געטאָן. אין אַ נאָכמיטיק זענען מיר ביידע אַריין צום נייעם לערער זיך מיט אים דורכצושמועסן מכּוח דעם ענין. מיר האָבן אים געזאָגט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. יחיאל האָט אונטערגעשטראָכן, אַז אונדז גייט נישט אַזוי שטאַרק אין רעדן רוסיש, — ווי אין קענען די גראַמאַטיק פון דער שפּראַך, און אַזוי ווי פּויליש האָבן מיר ביידע גאַנץ נישקשהדיק געקענט, האָט יחיאל אנשטאָט סינטאַקסיס, געזאָגט: פאַרשטייט זיך, אַז אויך „סקלאַדניע״ ווילן מיר לערנען, כדי צו קענען פריי לייענען״. יאַנקל לע־רער האָט אויסגעהערט, און אַזוי ווי פון יחיאלס מויל איז אַרויסגעקומען דאָס אומגליקלעכע וואָרט: „סקלאַדניע״, האָט יאַנקל מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטון צום ווייב: זעסט, דבורה, אָט די צוויי יונגלעך זענען דאָך גאַנץ אינטעליגענט, אָבער וואָס עס איז אַזעלכעס סינטאַקסיס הייבן זיי נישט אָן צו וויסן — און צו יחיאלן: „נישט קיין סקלאַדניע, נאָר סינטאַקסיס האָסטו געמיינט״. דאָס איז געווען גענוג צו זען וואָס פאַר אַ קענער עס איז דער־אָ לערער. מיר האָבן שוין רעזיגנירט פון נעמען אַ לעקציע פון זיין סינטאַקסיס).

פאַרשטייט זיך, די אַלע ליצנותלעך און שטעכווערטלעך אויף זיין חשבון זענען אָנגעקומען צו משה לערער. דאָס גריזשעניש איז אים געווען גענוג גרויס: אַ העזה פון אַ שניעק! און ער האָט אים אויך אָנגעטאָן שאָדן אין דער פּרנסה. אַ סך ייִדן האָבן טאַקע אָנגעהויבן שיקן זייערע קינדער אין דער נייער שקאָלע. ווייס איך נישט ווי אַזוי משה לערער האָט אין זיין געמיט אויפגענומען אָט די צרה — אויסערלעך האָט ער אָנגעהאַלטן די גאַנצע ווירדע. מיט קיין איינאונאיינציק וואָרט זיך נישט אַרויסקער־כאָפּט קעגן זיין קאָנקורענט. אַן איין און איינציק מאָל, געדענק איך, האָט

ער אין חוזק דערמאָנט דעם נייעם לערער. געווען איז דאָס ווען הערשעלע שטערנזעער האָט זיך מער נישט אומגעקערט צו דער ביינאַכטיקער קלאַס און קלמן רימאַרוש האָט דערציילט, אַז הערשל גייט אין שקאָלע צו יאַנקלען: „מילא, האָט משה לערער אַ זאָג געגעבן, מן הסתם האָט מיין בילדונג שוין נישט געסטייעט פאַר הערשלען. ביי יענעם וועט ער זיך אויסלערנען גראַמאַטיקע און סינטאַקסיס. פון וואַנען קום איך צו אַזעלכע זאַכן?״ אַ ווייטיקלעכע גרימאַסע האָט זיך צעלייגט איבער זיין פנים. זיין שאַרפער בליק איז פונקט געפאַלן אויף מיר, גלייך ער וואָלט געוואָלט מיט זיין בליק אַריינדרינגען אין מיר און אַרויסלייענען וואָס איך טראַכט וועגן דעם. מיט אַ מאָל איז מיר געוואָרן אַזוי אומעטיק און איך האָב דערפילט דעם שטילן צער פון דעם אַלטן לערער, אויף וועמען עפּעס אַ שניעק האָט זיך אָנגעזעצט צו פאַרביטערן זיינע אַלטע יאָרן.

3

אַז איך רעד שוין וועגן אַריסטאָקראַטן פון זשעלעכאָוו, איז אוממעגלעך נישט צו דערמאָנען בערל וועצערמאַן דעם פעלדשער. בערל וועצערמאַן איז געווען אַ פּשוטער ייִד וואָס האָט בפירוש נישט געהאַט קיין פּרעטענזיעס אויף אַריסטאָקראַטישקייט, צו זיין, חלילה, אָפּגעזונדערט פון דעם כלל זשעלעכאָווער ייִדן. די ביטערע פּרנסה פון זיין אַ פעלדשער האָט אים נאָר געצוווּנגען צו פירן זיך אַנדערש פון אַלע.

אַ ווילער ייִד געווען, דער בערל, דערצו אַ פעלדשער אַ מומחה וואָס איז שטענדיק גרייט געווען צו העלפן דער שטעטלדיקער אָרעמקייט, וואָס איז נישט געווען בכוח צו באַצאָלן דעם האַלבן רובל פאַר אַ וויזיט פון פּוילישן דאָקטאָר מיכאַלאָווסקי. בערל האָט קיין מאָל נישט נאָכגעציילט די מטבעות, וואָס אַ ייִדענע האָט אים אַריינגעשטופּט אין האַנט. אַ חוץ דעם, וויפל איז ווערט געווען דאָס וואָס מיט בערלען האָט מען געקאָנט זיך אויסטענהן און אויספרעגן וועגן אַלץ בפרטיות, נישט אַזוי ווי ביים שונא ישראל מיכאַלאָווסקי, וואָס האָט געוויגן יעדעס וואָרט, ווי עס וואָלט געווען גאָלד. מאַכט זיך טאָקע אַ מאָל, אַ קינד הייבט אָן אין מיטן דער נאַכט צו הוסטן מיט אַ קריי און נעמט גליען פון היץ, קלאַפּט מען

אַן צו בערלען. באַלעמוטשעט ער נישט און קומט תיכף מיט זײַן רענצעלע מכשירים, קוקט ער אַרײַן אין העלדזל, שמירט און רײַבט אײַן ווו מען באַדאַרף, און מיט גאַטס הילף ווערט דעם קינד בעסער. האָט אים די אַרעמקײַט ליב ווי ס'לעבן און מען האַלט פון אים מער ווי פון בעסטן דאָקטאָר. און בערל אַלײן וואָלט גערן זיך אויסגעלעבט מיט אַלע ייִדן ווי מיט זײַנס גלײַכן. אים וואָלט געשמעקט צו גײן פאַרנאַכט אין בית המדרש אַרײַן, זיך אויסמישן מיטן עולם אונטערן באַלעמער און אַרײַנכאַפּן אַ שמועס. האָט אים אָבער גאָט געשטראָפט מיט אַ פּרנסה פון דאָקטאָרײַ, וואָס האַלט אים מיט גוואַלד אָפּגעזונדערט פון אַלעמען. וועגן אָט דעם בערל וועצערמאַן האָט אַמאָל איטשע מאיר ווײַסנבערג געזאָגט, אַז אײגנט־לעך האָט דאָס לעבן געמאַכט דעם גרעסטן טעות מיט בערלען. „דעם ייִד האָט געפּאַסט צו זײַן אַלץ אין דער וועלט: אַ שוסטער, אַ שנײַדער, אַ גאַרבער, אַ קרעמער, אַ מלמד אַפילו, אָבער בשום אופן נישט קײן דאָק־טאָר". און אפשר וואָלט אים די פּרנסה נישט געווען אַזוי שטאַרק אָפּגעע־האַלטן פון אויסמישן זיך מיט די פּשוטע ייִדן פון זשעלעכאָוו, האָט אים אָבער דער רבונו של עולם אויך באַשערט אַ ווײַב, וואָס האָט אים ממש געצווונגען צו אָט דער אָפּגעזונדערטקײט. פײַגעלע בערלס איז געווען אַ שטאַלטנע פרוי מיט אַ לענגלעך, זײער שײן פּנים; איר שוואַרצער קאָפּ האָר (אגב, די אײנציקע ייִדישע פרוי אין זשעלעכאָוו וואָס איז אין יענע יאָרן געגאַנגען אָן אַ שײטל) איז געווען פאַרקעמט אין אַזאַ הויכן טורעם וואָס איז אין סאַמע שפּיץ געווען באַזעצט מיט אָן אַ שיעור קעמלעך מיט בלישטשענדיקע שטײנדלעך. די פרוי וואָס בערל האָט אַראָפּגעבראַכט פון אַ צווײטער שטאָט, האָט אײַנגעפירט אַ שטוב ווי ס'שטײט אָן פאַר אַ דאָק־טאָר. זי האָט עס אַרונטערגענומען די דרײ מעשענע טאַצן, וואָס זענען געהאַנגען אויף אַ שטאַנג פאַר דער שטוב, און זי האָט באַשטעלט אַ קײַ־לעכדיק מעשן שילדל, אויף וועלכן עס זענען געווען אויסגעקריצט: „ב. וועצערמאַן, סטאַרשי פעלדשער". זי האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז כדי דעם מאַנס געשעפטן זאָלן גײן בעסער, ער זאָל האָבן מער אַנזען, דאַרף מען זיך אַרויסציִען פון מאַרק, וווּ עס וווינען די ייִדן און נעמען אַ דירה אין דער גויִשקער גאַס, וווּ עס געפינט זיך דער מאַגיסטראַט, די פּאָטשט און די אַפּטײק. אין דער נײַער דירה האָט זי אָפּגעפאַרבט די פּאָדלאָגעס אויף

רויט, אַריינגעשטעלט אַ שפּיגל־שאַנק און אַ פּאָרטעפּיאַן (די איינציקע יידישע שטוב, ווו עס האָט זיך אין יענע צייטן געפונען אַזאַ אינסטרומענט) און גערעדט האָט זי בלויז פּויליש. זי האָט עס אַריינגערעדט אין דעם מאַן און אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַ מענטש פון אַזאַ פּראָפּעסיע, דאַרף זיך נישט האַלטן „פּאַן בראַט" מיטן פּעבל, אַז עס איז פאַראַן אַ מחיצה צווישן שוסטערס און אַ פעלדשער, וועמענס געזעלשאַפט דאַרף זיין אַן אינטעליגענטע. און אַזוי ווי זשעלעכאָווער יידן זענען נישט געווען נישט קיין דאָקטוירים, נישט קיין אַפּטייקערס און נישט קיין מאַגיסטראַט־שריי־בערס, נאָר סאַמע בעלי־מלאכות, קרעמער, באַלעגאָלעס און דאָרפס־גייערס, האָט טאַקע פייגעלע בערלס געזוכט די חברותא פון גוים. ביי איר אין שטוב פלעגט זיך וואָך ביי וואָך צוזאַמענקומען די גאַנצע סמעטענע פון שטאָט, אָנהייבנדיק פון בורמיסטש, קאַסירער, פּאָסט־נאַטשאַלניק און אַפּ־טייקער. יאָ, אויך משה לערער איז אַ מאָל אַריינגעפאַלן. מען האָט גע־טרונקען בראָנפן און פאַרביסן מיט יידישע פיש און געבראָטן גענדזנס, אַ מאָל אויך געשפּילט אין קאָרטן און אַז דער בורמיסטש איז געוואָרן בגילופין, האָט ער געקושט פייגעלעס האַנט, געקלאַפּט בערלען אין פּליי־צע און געשווירן, ווי גאָט איז אים ליב, אַז פון אַלע שמוציקע און פאַר־שיווע זשידקעס זענען זיי, דאָס הייסט דער גאָסאָפּדין בערעק און די באַריניאַ פעליציאַ, די איינציקע און די בעסטע.

עס האָבן זיך אויך געטראָפן טעג, ווען בערלען איז נמאס געוואָרן דאָס גאַנצע עסק. דער עול פון טראָגן אויף זיינע פּלייצעס די אַריסטאָ־קראַטישקייט האָט זיך געלייגט אויף זיין געמיט מיט אַ שווערקייט. אין אַזאַ טאָג האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט צו הערשל העפנער, אָדער צו אהרן פּסאַנקער אין שענק און זיך פאַרהוליעט ביז שפּעט אין דער נאַכט. ער פלעגט זיך אויך אַ מאָל, אין אַ ווינטער־נאַכט, אַריינכאַפּן צו איטשע פּרצן דעם שטיוול־קאָמיסיאָנער אויף אַ קערטל. אין איטשע פּרצס שטוב, ביי אַ פּערטל גענדזנס, ביי אַ טעלערל גריוון און ביי אַ גלעזל בראָנפן, האָט ער זיך, צוזאַמען מיט היימישע יידן דערפילט אַ באַפרייטער פון די פענ־טעס וואָס די פּרנסה און דאָס ווייב האָבן אים אָנגעהאנגען. „כ'לעבן, יידן, — פלעגט ער אין אַזעלכע שעהן אויסגיסן דאָס פאַרביטערטע האַרץ —

איך בין אײך אַלע מקנא, אַ כפּרה מעגן זײַן מײַן װײַבס אַלע אינטעלי־גענטן פֿאַר אײַער מינדסט נעגעלע״.

— שפּײַ אויף זײ, בערל, — פּלעגט אַ זאָג טאָן װעלװל קאַלב, אַ רויטער ייִד װאָס האָט געהלשט פֿאַר אַ שנאַפּס און אַן אַקע — האָסט זײ אַלע טיף אין דער אדמה. און ער האָט זיך געלאָזט אין אַ ניגונדל: „װאָס מיר זענען, זענען מיר, אָבער ייִדן זענען מיר״. די דאַזיקע שעהן האָבן דער־נאָך בערלען געקאָסט לאַנגע טעג פֿון ברוגז מיטן װײַב:

— אַז דער כאַם האָט זיך אויפגעװעקט אין אים — פּלעגט זי זיך װאַרפֿן װי אין קדחת. און בערל פֿעלדשער איז װײַטער געגאַנגען אין שװערן שפּאַן פֿון אַריסטאָקראַטישקײט, װאָס די פּרנסה און דאָס װײַב האָבן אים צוגעטײלט.

4

פֿאַר אַ זשעלעכאָװער אַריסטאָקראַט האָט זיך אויך גערעכנט אהרן פּרינץ.

דער אמת איז אַז אהרן פּרינץ איז געװען אַ ייִד גלײַך מיט אַלע ייִדן פֿון זשעלעכאָװ. אויך זײַן פּרנסה איז נישט געװען אַזעלכע װאָס זאָל אים אויסטײלן פֿון די אַנדערע ייִדן, װי עס זענען דאָס געװען משה לערער אָדער בערל פֿעלדשער. בסך־הכל האָט אהרן פּרינץ געהאַנדלט מיט פּוטער, קעז, אײער און עופֿות װאָס ער פּלעגט אײַנקויפֿן אויפֿן יאַריד און אַװעק־פֿירן קײן װאַרשע. ער איז געװען אַ חסיד און שבת געדאַװנט אין אַלעק־סאַנדערער שטיבל. װאָסזשע פֿאַר אַן אַריסטאָקראַט, אומשטײנס־געזאָגט, האָט עס געקאָנט זײַן אַזאַ ייִד? אָבער אַז אַ שטאָט מיט ייִדן האָט אים גערופֿן נישט אַנדערש װי אהרן פּרינץ, האָבן זײ נישט געמאַכט קײן טעות. און װירקלעך. עס איז גענוג געװען בלויז צו כאַפּן אַ בליק אויף דער אויסערלעכער געשטאַלט פֿון דעם ייִד, כדי זיך איבערצוצײַגן, אַז דער נאָמען „פּרינץ״ איז פֿאַר אים װי אָנגעמאָסטן. איך געדענק אים װי אַ מענטש אין די הויכע פֿערציקער. אַ גלײַכער, שלאַנקער מיט אַן אויפֿ־געהויבענעם קאָפּ. דאָס לענגלעכע פּנים באַצירט מיט אַ שװאַרץ בערדל װאָס איז שטענדיק געװען גלײַך און קאַנטיק. זײַן שפּאַרע נאָז איז געװען

אָנגעזאָפּטלט מיט אַ פּאָר בינאַקלען מיט אַ ממזריש־דינעם שוואַרצן שני־רעלע אונטערן אויער; דאָס טוכענע היטעלע מיט דער שוואַרצער זיידע־נער טאַשמע איבערן דאַשעק און דאָס געהאַקטע קאַפּאָטקעלע איבער די לאַנגע הויזן זענען געווען פון אויסערגעוויינטלעכער ריינקייט.

אהרן פּרינץ איז אין גאַנצן נישט געווען צוגעפּאַסט צו דעם מיסחר, וואָס ער האָט געפירט. דאָס אַרומדרייען זיך זיינס אויפן מאַרק אין אַ יאַריד־טאָג האָט אים געקליידט בפירוש ווי אַ שטריימל אויפן קאָפּ פון אַ קאָזאַק. ווידער די אייגענע מעשה: די ביטערע פּרנסה נעבעך. ווען אהרן פּרינץ האָט מען געשמועסט, אַז אין די בחורשע יאָרן זיינע איז ער געווען אַן אַגענט פון זינגערס מאַשינען. ווען ער האָט פאַרלוירן די שטעלע, איז ער שוין געווען אַ מטופּל מיט קינדער, און צו דער נייער פּרנסה האָט ער זיך גענומען אַ דאַנק זיין ווייב, וועלכע איז דווקא געווען אַ ייִדענע אַן איינרייסערן און בטבע נישט ענלעך צו איר געפּוצטן מאַן. און אַ סברא, אַז ווען נישט דאָס ווייב, וואָלט אהרן פּרינץ בשום אופן זיך נישט גע־קאָנט קיין עצה געבן מיט דעם מיסחר, צו וואָס מען האָט באַדאַרפט זיך אויסטויגן. וואָרן וועלכע גויע וואָלט זיך געוואָלט אויסטענהן מיט אַזאַ אויסגעפּוצטן, אין ברילעכלעך אָנגעטוענעם זשידעק? זיי פלעגן אים אַפילו נישט לאָזן אָנרירן די קוישן סחורה: „אידזשציע ז׳באָגעם“, — פלעגן זיי אים אָפּפטרן. דער מיסחר מיט קעז און פּוטער איז נישט פאַר אַזאַ פּאַצעט. אייך פּאַסט גיכער צו שטיין אין אַ געוועלב פון „לאָקציאָווי טאָוואַר“, — האָבן אים געזאָגט גוטע פריינד. — נאַ דיר אַ סוחר, כ׳זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, — האָבן אַנדערע געשמייכלט אין זיך.

נישט איין מאָל האָט זיך געטראָפן, אַז יעקב־שאולס יונגען, אָדער עפּעס אַ ייִדענע, מיט וועמען עס איז אַ מאָל אויסגעקומען אַריינצושלאָגן זיך אין מקח, האָבן אים דערלאַנגט אַ גאָב:

— ווי געפעלט דיר אַ פּרינץ אַן אייער־סוחר? און נאָך אַזעלכע ווער־טער, פון וואָס עס איז אים נעבעך פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. נאָר דער ריבונו־של־עולם שיקט שטענדיק די רפואה פאַר דער מכה: אויב אהרן פּרינץ האָט זיך נישט אויסגעטויגט צו די פּשעקופּקעס, איז דערפאַר זיין ווייב אסתר־בינה געווען ווי באַשאַפן צו דעם מיסחר. להיפּוך צו איר

אויסגעפּוצטן מאַן, איז זי שטענדיק געווען אָנגעטאָן זומער אין אַ צעפּלאָסן ציצן־קלייד, אַרומגעבונדן מיט אַ פליטשקען פאַרטעך, ווינטער אין אַ וואַטעוואַנע שובע און אַ וואָלענע דערע אַרום דעם קאָפּ. מיט אַ גרויסן קויש אָנגעהאָנגען אויפן אָרעם, האָט זי זיך געשטופּט צווישן די פּויערישע פורלעך; זי האָט שוין דערשנאַפּט ביי וועלכער עס געפינט אַן אַסעלקע פּוטער, אין וועלכן קויש אַ שאָק אייער אָדער עטלעכע עופות. זי איז נישט נתפּעל געוואָרן פאַר יעקב־שאולס יונגען און געוווּסט ווי אַזוי זיך אויסצוטענהן מיט די „ס״גייעס". זי האָט אויך געקאָנט שאַרף אָפּענטפערן און באַשיצן איר מאַן פון די שטעכווערטלעך, וואָס זענען געפאַלן אויף זיין חשבון. אהרן פּרינץ פלעגט זיך דעריבער אויפן יאַריד האַלטן וואָס נעענטער צו זיין אסתר־בינהן, פּונקט ווי אַ קינד ביי די באַשיצנדיקע פליגל פון דער מאַמע.

ווען אירע קוישן זענען שוין אָנגעפּולט מיט איינגעקויפטער סחורה, זאָגט אסתר־בינה צום מאַן: נעם אהרנשי, טראָג אַהיים די קוישן און למען־השם זאָלסטו זיך נישט פאַרזוימען. יאָ — שרייט זי אים נאָך — אין איינוועגס וועסטו שוין עפּעס נעמען אין מויל אַריין.

אַ טייערע ייִדענע געווען אָט די אסתר־בינה. זי האָט נישט געהאַט קיין טענות צום מאַן, ביי וועמען זי האָט נישט געהאַט קיין גרינג לעבן.

— ער טוט וואָס ער קאָן. וואָס איז ער שולדיק, אַז ער איז נישט באַשאַפן געוואָרן פאַר אָט דעם פאַרשאָלטענעם מיסחר? — פלעגט זי אַריינוואַרפן אַ וואָרט, ווען עס איז געקומען צו רייד מיט די שכנטעס וועגן דער דאָליע פון ווייבער וואָס מוזן צוהעלפן צו דער פּרנסה. זאָל עס מיר נאָר נישט פאַרשטערט ווערן, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, -- האָט זי אין זיך אַריינגעשעפּטשעט.

און אַהרן פּרינץ האָט געוווּסט אָפּצושאַצן די שטילע געטרייִשאַפט פון זיין ווייב. אין זשעלעכאָוו האָט מען געשמועסט, אַז נאָך אַזאַ געטריי פאַרפאָלק, מיט אַזאַ שלום־בית קאָן מען אויספאָרן אַ וועלט און נישט אָנטרעפן. און אַז איך דערמאָן מיך דאָס בילד, ווען איך פלעג אין די שבתדיקע זומערדיקע פאַרנאַכטן זען אָט דאָס פאָרפאָלק גיין שפּאַצירן ביי דער בריק, ער אין דעם שבתדיקן געהאַקטן קאַפּאָטקעלע און זי אַ צעגאָסענע,

פון וועמענס טראַכט עס זענען אַרויסגעקומען זעקס יונגען הויכע, פעסטע און פיר מיידלעך, אַלע שוואַרץ־אויגיקע און שלאַנקע, איז מיר שווער צו באַנעמען, פאַרוואָס דער גרויסער דיכטער ביאַליק האָט געזונגען: מען זאָגט: „עס איז ליבע אויף דער וועלט פאַראַן — וואָס איז ליבע?״.

אהרן פרינץ, דער זשעלעכאָווער אַריסטאָקראַט צווישן עמך, איז אַן ענטפער אויף אָט דעם פרעג פונעם דיכטער.

10

איטשע מאיר ווייסנבערג און זיין משפחה

אין דער אמתן וואָלט דער נאָמען פון דעם קאַפּיטל באַדאַרפט זיין: „ווייסנבערגס משפחה", ווייל אומשטיינס־געזאָגט, וואָס האָט אַזאַ מענטש ווי מיין ווייניקייט צו דערציילן וועגן דעם מייסטער פונעם יידישן וואָרט, נאָך דעם ווי מ'האָט שוין אַזוי פיל געשריבן וועגן אים? און מ'האָט דאָך אויך שוין דערציילט אַן אַ שיעור ווילדקייטן פון אָט־דעם ווונדערלעכן דערציילער, וועלכער האָט, מיט דער לויטערקייט פון אַן אורקוואַל, פּריש אַ שטראָם־געטאָן אין דער יידישער ליטעראַטור. נאָך מיט יאָרן צוריק האָט מען געוווּסט צו דערציילן גענוי און מיט אַלע פּרטים, ווי אַזוי ווייסנבערג האָט דערשטיקט אַ קאַץ און באַלד צוגעגעבן דעם נימשל: „איצט ווייסטו שוין וויסן, אַז מען טאָר נישט דערשטיקן קיין יינגע זינג־פייגעלעך, טאַלענטן בלע"ז?". איינער ווידער, שרייבנדיק וועגן ווייסנבערגן, האָט זיך צעשפּרייט ווי אַזוי יענער האָט אָוועקגעראַבעוועט ביי יהושע פּערלען זיין נייעם שוואַרצן אַנצוג וואָס ער האָט זיך גענייט צו דער חתונה און פּערלע האָט נעבעך געמוזט גיין צו דער חופּה אין אַלטן אַנצוג. און טויזנט טעמים גיט דער בעל־המעשה צו: „אָבער פּערלען האָט עס נישט געאַרט און בכלל האָט ער נישט געהאַט קיין פּאַראיבל איבער דעם. אַזוי געאַכט און געשעצט האָט ער ווייסנבערגס טאַלאַנט".

און נאָך אַזעלכע אינטערעסאַנטע געשיכטעס. וואָסזשע בלייבט אייבער צוצוגעבן? און אויב איך האָב אויפגעשריבן דאָס קעפּל: „איטשע מאיר ווייסנבערג און זיין משפחה", האָב איך עס געטאָן צוליב דעם, ווייל איטשע מאיר ווייסנבערג און זיין משפחה זענען אייגנטלעך אַן איינס, פּונקט ווי די צווייגן און דער שטאַם פון אַ פעסט־פאַרוואָרצלטן בוים. און אַקוראַט אַזוי זענען אי. מ. ווייסנבערגס דערציילונגען, וואָס וואָרצלען אין דער טיפקייט פונעם יידישן לעבן.

גענוג מיט הקדמות. לאָמיך בעסער דערציילן דאָס וואָס מיר איז באַקאַנט וועגן ווייסנבערגס משפּחה.

עס איז אַ משפּחה, וואָס האָט זיך אַריינגעקליבן אין סרול גאַרבערס „גיטער". עס איז אויפן זאַמדיקן בערגל, וואָס הייבט זיך אויף ביים סאַמע עק שטאָט און מען רופט עס אין זשעלעכאָוו „אויפן באַרג". דאָרט ליגן שיטער צעוואָרפן עטלעכע הייזלעך. רעכטס פונעם זאַמדיקן שטעגל, וואָס ציט זיך פון רבינס גאַס אָן, דורכשניידנדיק דאָס בערגל און פאַרלירט זיך העט אַרויף ווייט צווישן פעלדער און לאָנקעס. אויף רעכטס פון דעם זאַמדיקן שטעגל געפינט זיך אַן אַלט הויז, אַרומגערינגלט פון עטלעכע ראַכיטישע ביימער מיט צווייגן, ווי אויסגעטריקנטע הענט פון אַ שווינדזיכטיקן. אָט דאָס אַלטע געהייז מיט די אויפגעפּראַלטע טויערן (דער אַריינגאַנג ציט זיך דורך דער גאַנצער לענג ביז צום גרויסן הויף, וואָס איז פאַרבויט מיט אַן אַ צאָל קעמערלעך, שטעלעכלעך און שאָפּעס), די קליינשייבלדיקע פענצטערלעך ליגן האַרט ביי דער ערד און דער מאָךבאַוואַקסענער דאַך הענגט איבער די ווענט ווי אַ היטל מיט אַ משונהדיקריזיקן דאַשעק איבערן קאָפּ פון אַ נידעריק יידעלע. די גאַנצע געביידע, צוזאַמען מיט די עטלעכע ביימלעך איז אין גאַנץ זשעלעכאָוו באַקאַנט ווי „סרול גאַרבערס הויז" און „סרול גאַרבערס סאָד".

אָן אַ שיעור מעשיות דערציילט מען זיך אָן וועגן דעם סרול גאַרבער. מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט ער געזאָלט אָפּקויפן דעם גרויסן פּלאַץ הינטער דער שטאָט און דאָ אויפגעשטעלט דאָס גאַנצע געהייז מיט דער גאַרבאַרניע. אונדזער שכן, בנימין שלוסאַרזש האָט געוווסט, אַז סרול גאַרבער איז געווען אַ ביטערער אָרעמאַן, אַן אַרבעטאָרער ביי יענעם, — איז ער מיט אַ מאָל באַגליקט געוואָרן. עס איז פאַר אַלעמען געווען אַ גרויס חידוש פון וואַנען, ווי אַזוי, אָבער ער האָט אין אַ שיינעם העלן טאָג אָפּגעקויפט מער ווי אַ מאָרגע פון דעם זאַמדיקן באָדן און אויסגעבויט דאָס געהייז מיט דער גאַרבאַרניע און פאַרפלאַנצט אַ סאָד. מ'האָט געשמועסט אַז ער האָט געפונען אַ באַהאַלטענעם אוצר וואָס די פּאָוסטאַנצעס האָבן געהאַט ערגעץ פאַרגראָבן, און אַ סברה איז גאָר, — האָט בנימין אָנגעשטעלט אַ סודותפולע מינע — אַז סרול האָט גאָר געמאַכט פאַלש געלט. אָבער דאָס עשירות האָט אים פאַרדרייט דעם קאָפּ. ער האָט זיך אַריינגע-

מישט אין דער גרויסער מחלוקת צווישן חסידים און מתנגדים און אַליין געגרייט זיך אַ ביטערן סוף. ס׳איז די געשיכטע מיט דעם רבין ר׳ אשרל. אונטערגעלייגט אים אַ שטיקל ברויט אונטערן קישן, אין דער ערשטער סדר־נאַכט, און ווען דער צדיק ז״ל איז געגאַנגען אַפּערנעמען דעם אפּי־קומן, האָט ער גאָר געפינען אַ שטיקל ברויט. ס׳איז געווען אַ ווייטיק און אַ בזיון און פון חרפה האָט דער רבי דערנאָך געמוזט אַנטלויפן פון שטאָט; ווען ר׳ אַשרל האָט געוואָלט אַ מאָל זיך אָפּרוען אין סאָד, האָט אים סרול גאַרבער אַרויסגעטריבן, חוזק מאַכנדיק, באשר דער רבי וועט אים חמצדיק מאַכן דאָס הויז. און באַלד דערנאָך האָט עס סרולן גענומען גיין באָרג־אַראָפּ. פאַרשאָלטן געוואָרן דער מענטש, אַז אַפילו דער סאָד האָט אָנגעהויבן דאַרן.

אין אָט דער געביידע, וואָס איז נאָך געשטאַנען אין שאָטן פון פאַר־שאָלטנקייט, האָבן זיך אַריינגעקליבן די אָרעמסטע פון אָרעמסטן: שוס־טערס און שניידערס לאַטוטניקעס, דאָרפס־גייערס, פלייצע־טרעגערס און בעלי־עגלות מיט איינציקע פערדלעך, וואָס האָבן געפירט משא פון דער סטאַציע. זיי האָבן אין דעם גרויסן הויף געהאַט פלאַץ פאַר די וועגענער און זיך אויפצובויען שטעלעכלעך פאַר די חושכדיקע פערד.

אין איינעם פון די שטיבלעך אין סרול גאַרבערס „מאַיאָנטעק״ האָט געוווינט אויך לייביש מאַטעסעס, איטשע־מאיר ווייסנבערגס טאַטע מיט זיין ווייב און דריי קינדער, צוויי יינגלעך און איין מיידל. טאָג־טעגלעך, מיטן ערשט בריזג פון אויפגייענדיקן פרימאָרגן, וועקן זיך שוין די אייב־ווינערס אין די אָרעמע שטיבלעך. בעלי־מלאכות גייען אין בית־המדרש אַריין צום ערשטן מנין; באַלעגאָלעס שלעפּן אַרויס די פאַרשלאָפענע פערדלעך, שפּאַנען איין און לאָזן זיך אין וועג אַריין און דאָרפס־גייער פאָרען זיך ביי זייערע זעקלעך סחורה, וואָס מען גייט פירן אין די נאָענט־סטע דערפער אַריין. צוזאַמען מיט זיינע שכנים שטייט אויך אויף לייביש מאַטעסעס. ער איז אַ הויכער ברייט־ביינערדיקער ייד מיט פאַרטרערטע אויגן און אַ רויטער נאָז. זיין „לעטניק״ וואָס זומער וואָרפט ער אים אַרויף אויפן בלויזן וועסטל, און ווינטער שלעפּט ער אים אַרויף איבער אַ וואַ־טאָוון שפּענצער, גלאַנצט מיט פעטקייט פון טראָן און עס טראָגן זיך פון אים ריחות פון אויפגעשלאָגענע קאָטקעס און געגאַרבטע יוכטן. און כאָטש

לייביש מאַטעסעס איז נישט פון די ייִדן וואָס שניידן זיך אויף פּרומאַקעס, וועט ער קיין מאָל נישט דורכלאָזן אַן אין דער פרי דאָס גיין אין בית־המדרש אַריין. ווייל ערשטנס דאַרף אַ ייִד גיין דאַווענען, צווייטנס, ווי גייט מען עס נישט אין בית־המדרש אַריין? און נאָכן דאַווענען דאַרף מען זיך אַריינכאַפּן צו אַהרן פּסאַנקער אָדער צו שרה הערשלס אויף אַ באַגי־נענדיקן טרינק בראָנפן. וואָרן אָן דעם וואָלט דאָס גאַנצע איבערבייס וואָס דאָס ווייב האָט צוגעגרייט, נישט געהאַט דעם מינדסטן טעם און דער גאַנצער טאָג וואָלט געווען אַ צעדרייטער, און די אַרבעט וואָלט קיין אַר־בעט נישט געווען. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן הייסן קרופּניק — אום ווינ־טער — און מיטן קאַלטן שטשאַוו־באַרשטש אום זומער, לאָזט זיך לייביש מאַטעסעס צו זיין שוואָגער אין דער גאַרבאַרניע. דאָרט שלאָגט ער אַרויס זיין ביסל חיונה.

חיסדא גאַרבער האָט געהייסן לייביש מאַטעסעס שוואָגער. ער איז געווען אַ שם־דבר אין זשעלעכאָוו. אַ מיטלוווקסיקער, אַ ברייט־פּלייציקער מיט אַ שוואַרץ־געדיכטער באָרד אויפן קנאָכיקן פּנים, האָבן די שוואַרץ־פינקל־דיקע אויגן געקוקט מיט זיכערקייט; אויך זיינע טריט מיט די געקאָוועטע שטיוול זענען געווען אַזעלכע פעסטע, ווי פון אַ מענטש וואָס האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין דער ערד, ווו ער לעבט. אָט דער חיסדא האָט מיט אייגענע כוחות זיך דערשלאָגן פון אַן אָרעם גאַרבער־ייִנגל צו אַ שיין פאַר־מעגן. ער איז געווען דער באַלעבאָס פון אַ גאַרבאַרניע און אַן אייגן הויז, וואָס ער האָט אויפגעבויט נאָך דער בריק, אויפן וועג צום דערפל קריפּע. ער האָט זיך נישט געגרויסט מיטן עשירות און אים איז קיין מאָל נישט איינגעפאַלן זיך אויסצואיידלען ביי קהלישע כיבודים, ווי עס האָבן דאָס געטאָן אַנדערע פּראָסטע, אויפגעקומענע גבירים. אויך פון זיינע קינדער האָט ער נישט געזוכט צו מאַכן קיין צעפּיעשטשעטע ייִנגעלייטלעך און באַנק־קנייטשערס. די זעקס זין זיינע, אַלע הויכע ברייט־פּלייציקע ריזן, האָבן געאַרבעט ביי אים אין גאַרבאַרניע און געציטערט פאַרן טאַטן אימת מות. פאַר די טעכטער, אַלע פּולבלוטיקע, הויך־בוזעמדיקע און שוואַרץ־האַריקע, האָט ער אויסגעזוכט איידעמס לערנערס. מיט יאָרן שפּעטער האָב איך אָפט מאָל געהערט ווייסנבערגן דערציילן מיט בענקשאַפט וועגן אָט די שיינע קוזינקעס זיינע.

אַ מאָדנער ייִד געווען דער לייביש מאַטעסעס, מיט גאָר נישט ענלעך צו די אַנדערע ייִדן פון זײַן שטאַנד. עס איז נישט געווען אין אים קיין סימן פון דער געפּאַלנקייט ווי, למשל, בײַ אַ מאַניש פּיעקאַליק אָדער אַ הערש לייבאַלע, זײַנע חברים פון פאַך. אַפילו דער גורל פון אָרעמקייט וואָס האָט אים געשלאָגן, איז נישט אין שטאַנד געווען אַראָפּצובייגן אים דעם קאָפּ.

ביז ער איז אָנגעקומען אַרבעטן צום שוואָגער, האָט ער זיך נישט געקאָנט האַלטן אויף קיין אָרט, ווייל נישט ער איז געווען דער מענטש פון אונטערחנפענען דעם באַלעבאָס, מיט אונטערטעניקייט אים אָקעגן־טראָגן דעם „גוט־מאָרגן״, אַזוי ווי עס האָבן דאָס געטאָן די אַנדערע ייִדן גאַרבערס. ווען לייביש האָט געאַרבעט בײַ אברהם־יצחק שאַרפּהאַרץ, איז אַ מאָל שיער־נישט געקומען צו אַ געשלעג, ווען דער באַלעבאָס האָט אין אַ זומערדיקן נאָכמיטיק אים געטראָפן זיצן אויף אַ שטיין, ווען ער האָט זיך געלאָזן פאַרדרייט אַ ציגאַר טוטין. ווען אברהם־יצחק האָט אים, אַזוי כלאחר־יד, אַ פרעג־געטאָן, ווען ער רעכנט פאַרטיק צו ווערן מיטן פאַר־דרייען דעם ציגאַר און אָנהייבן אַרבעטן, האָבן לייבישעס אויגן, — צוויי אָנגעצונדענע פלאַמען — געוואָרפן אַ בליק אויפן באַלעבאָס, אַז דער מאַמעס מילך איז יענעם גערונען געוואָרן. פון צווישן די ציין האָט לייביש אַרויסגעצישעט: „ווען עס וועט זיך מיר פאַרגלוסטן, ה... חסיד! וואָס, אַן עבד כנעני בין איך דיר? קיין פּאַפּיראָס טאָר מען שוין דאָ נישט פאַר־רייכערן? אַז ברענען זאָלסטו מיט דײַן גאַרבאַרניע אינאיינעם״. (אגב, אַן אָנדייט אויף אָט דער סצענע איז פאַראַן אין ווייסנבערגס „שטעטל״, אין דעם געשפּרעך פון ר׳ עוזר דעם פאַבריקאַנט מיט יאַנקל סטאָליאַר, דעם אָנפירער פון די שטרייקערס). אמת, אויך מיטן שוואָגער פלעגן בײַ לייבישן קומען צו סיכסוכים, אָבער דאָס זענען געווען קריגערייען צווישן אייגענע. ווייל כאָטש חיסדא איז געווען אַ נגיד און לייביש איז געווען אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, איז אָבער דער יחוס געווען דער אייגענער. חיסדאָן האָט מען געקאָנט אַרײַנזאָגן אין טאַטנס טאַטן אַרײַן און שפּעטער מאַכן מיט אים אַ לחיים; מיט חיסדאָן האָט מען געקאָנט, טאַקע בײַ אַ גלעזל, דערמאָנען די בחורשע יאָרן, ווען מען האָט צוזאַמען אויפגעשלאָגן קאָטקעס פאַר אַ קערבל אַ וואָך און יענער האָט זיך געשדכנט צו לייבישעס שוועס־

טער. אלא וואָס? דאָס מזל האָט יענעם צוגעשפּילט און ער איז געוואָרן אַן עושר און ער, לייביש, האָרעוועט נאָך אַלץ ווי אַ פערד פאַר דריי קערבלעך אַ וואָך. איז מילא, דאָס מזל ליגט נישט אין מענטשלעכע הענט. גרויס־האַלטן זיך איז נישטאָ מיט וואָס, און אַוודאי וועט ער, לייביש מאַטעסעס, צוליב אַזאַ קלייניקייט ווי זיין אַן אָרעמאַן, נישט אַראָפּבייגן דעם קאָפּ און זיך האַלטן ווי אַ נידעריק באַשעפעניש. אויף וויפל אָט דער פּשוטער ייִד, וועלכער האָט קוים דורכגעשפּרייזט דאָס דאַווענען, האָט פאַרמאָגט אינערלעכע ווירדע, וועט דינען אָט דער קליינער עפּיזאָד, וואָס מיין עלטערער ברודער האָט אַמאָל געהאַט מיט אָט דעם ייִד.

נישט ווייט פון אונדזער שטוב, אין פּישל פּסחס הויז האָט אויך גע־וווינט אַ ייִד אַ גאַרבער וואָס האָט געאַרבעט ביי אַ באַלעבאָס. מענדעלע פון בראָנפן האָט מען גערופן דעם ייִד, ווייל חוץ דער פּרנסה פון גאַר־בעריי, האָט זיין ווייב פאַרקויפט היימישן בראָנפן, וואָס זי פלעגט אָפּ־קויפן אין די עסיק־פאַבריקן; ייִדן האָבן ביי אים געקויפט בראָנפן אויף שבת. יעדן פרייטיק נאָכמיטיק, ווען לייביש מאַטעסעס איז צוריקגעקומען פון באָד פלעגט ער אַרויפקומען צו מענדלען, אויסטרינקען אַ גלעזל און פאַרבייסן מיט האָניק־קיכלעך. נישט איין מאָל האָב איך אים דאָרט גע־טראָפן, בעת די מאַמע האָט מיך געשיקט קויפן בראָנפן אויף שבת. שטענ־דיק איז ער געזעסן ביים טישל לעבן פענצטער און איינגעטענהט מיט שרהן, מענדלס ווייב, אַ ציכטיקע ייִדענע מיט צוויי רויטע בעקלעך וואָס האָבן אַפּערגעשיינט פון אונטערן קופּקעלע. ווען איך בין אין איינעם אַ פרייטיק געקומען פון מענדלען האָב איך געטראָפן מיין עלטערן אויסגע־געבענעם ברודער, וועלכער איז גראָד געוועזן צו־גאַסט אינדערהיים. ער האָט געלייענט אַ ייִדישע צייטונג, ווו ס'איז געווען ווייסנבערגס אַ דער־ציילונג. דערזעענדיק איטשע־מאירס נאָמען אין בלאַט, האָב איך אַ זאָג געטאָן: „טרעף, משה (מיין ברודער האָט געהייסן משה) וועמען איך האָב איצט געטראָפן ביי מענדלען?". „פון וואַנען זאָל איך זיין אַ נביא?" — האָט ער געשמייכלט. „לייביש מאַטעסעס!" — האָב איך געזאָגט. „ליי־בישן האָסטו דאָרט געטראָפן?" און מיין ברודער האָט מיר דערציילט אָט־וואָס: מיט אַן ערך צען יאָר צוריק, ווען ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף, האָט אים די מאַמע געשיקט נאָך בראָנפן צו מענדלען,

האָט ער דאָרט געטראָפֿן לײביבשן; אויך דעמאָלט איז ער געזעסן בײַם טישל לעבן פֿענצטער, געטרונקען בראָנפֿן, פֿאַרביסן האָניק־קיכלעך און אײַנגעטעטנהט מיט שרהן. אין מיטן דערינען האָט לײבוש אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ פּעקל פּאַפּיראָסן און פֿאַררײכערט. „איך װײס אַלײן נישט פֿאַרװאָס עס איז מיך דעמאָלט באַפֿאַלן אַ חשק צו רײכערן, — האָט מײַן ברודער צוגעגעבן. „אפשר — האָט ער געשמײכלט — האָט עס מיך אַזױ אָנגעשמעקט, װײַל דאָס פּעקל פֿױערשע פּאַפּיראָסן, װאָס מ׳האָט גערופֿן „עלעגאַנצקע" איז געװען באַמאָלן מיט עפּעס אַ שײנע נקבה, און פֿון דער צונג האָט זיך אַראָפּגעגליטשט: „ר׳ לײביש, גיט מיר אַ פּאַפּיראָס".

„נו, פֿרעג דיך שױן גאָרנישט, װי ער האָט מיר דערלאַנגט, לײביש מאָ־טעסעס. זײַן פּנים, אַ צעהיצטס פֿון אַ נאָר־װאָס גענומענער באָד און פֿון די שנאַפּסן, איז אָנגעגאָסן געװאָרן מיט צאָרן, די אויגן האָבן געשפּריצט פֿײַער און מיט אַ פֿאַרדעמפּטן קול האָט ער פֿאַמעלעך, צײלנדיק יעדעס װאָרט, גענומען רעדן: „זאָג מיר נאָר, דו פּישער אײנער, װען איך װאָלט געװען אברהם־יצחק שאַרפּהאַרץ, אָדער בער אײגער, װאָלסטו אױך גע־האָט די חוצפּה מיר צו רעדן אַ פּאַפּיראָס? פּעװנע נישט, נאָר אַז איך בין לײביש מאָטעסעס, פֿאַזװאָליעט זיך יעדער ראָצער צו רעדן צו מיר װי צו זײַנס גלײַכן! װאָסזשע פֿאַר אַ גוטער ברודער ביסטו מיר? און זאָל מע נישט מײנען — האָט ער זיך אַ האַסטיקן שטעל אויף געטאָן — אַז מיר איז אַ שאָד אַ פּאַפּיראָס, האָט ער מיט רציחה גענומען רײסן אײן פּאַפּי־ראָס נאָכן אַנדערן און געשריגן: נאַ דיר אײן פּאַפּיראָס, נאַ דיר צװײ, נאַ דיר דרײַ, דו סמאַרקאַטש אײנער, אַ רוח אין דײַן טאַטנס טאַטן אַרײַן".

און װען עס איז געשען דער גרויסער נס מיט זײַן איטשע מאירן, װעלכער האָט פֿון אײגענעם קאָפּ אַרויס פֿאַרפֿאַסט מעשיות, װעמענס נאָמען עס איז געװען אָפּגעדרוקט אין די גאַזעטן, האָט לײביש מאָטעסעס נאָך מער דערשפּירט אײגן־װירדע. כאָטש ער אַלײן האָט קײן מאָל נישט געלײענט קײן אײנציקע שורה פֿון זײַן זונס שרײַבן, האָט ער שטענדיק אַרומגעטראָגן אין דער בוזעם־קעשענע פֿון זײַן לעטניק די צעקנײטשטע שטיקלעך פֿון די בלעטער מיט זײַן איטשע מאירס מעשיות. מיטן אינס־טינקט פֿון אַ פּרימיטיװן מענטש האָט ער באַנומען, אַז זײַן איטשע מאיר, װאָס האָט זיך נישט געקאָנט דערהאַלטן בײַ קײן שום מלאכה, װעט אויף־

אייביק פאַרזיכערן זיין נאָמען קעגן פאַרגעסנקייט. און אַז ער האָט אַ מאָל אויפגעכאַפּט פון עמעצן, אַז זיין איטשע מאיר איז אַ ליטעראַט, האָט זיך דאָס אומפאַרשטענדלעכע פרעמדע וואָרט איינגעקריצט אין זיין מוח אויף אַלע אייביקייטן. עס האָט זיך געטראָפן: אין איינעם אַ ווינטערדיקן אָוונט, אין בית־המדרש ביים אויוון, איז געזעסן לייביש מאַטעסעס מיט נאָך ייִדן און דער שוואַרצער הערשל, דער שמש פון דער חברה תהילים האָט מיט הכנעה אין קול אים געפרעגט:

— זאָג מיר לייביש, זאָלסט מיר געזונט זיין, וואָס איז דיין איטשע מאיר, וואָס מען רעדט וועגן אים אַזוי פיל?

— און אַז איך וועל דיר זאָגן, וועסטו דען וויסן? — האָט לייביש געענטפערט מיט אַ שמייכל.

— אָבער וואָס וועט דיך דען אַרן, אַז דו וועסט מיר זאָגן? — איז דער שוואַרצער הערשל נישט אָפּגעשטאַנען.

— אַ ליטעראַט, — האָט לייביש אַ זאָג־געטאָן.

— אַ ליטעראַט? — האָט הערשל געעפנט אַ פּאָר אויגן, — וואָס מיינט דאָס?

— אַז איך האָב דאָך דיר באַלד געזאָגט, אַז דו וועסט וויסן פון דיין חיות, — אַ ליטעראַט הייסט דער וואָס שרייבט אין די גאַזעטן.

— אָה, אין די גאַזעטן, האָט זיך דער שוואַרצער הערשל געקראַצט די באָרד, — און פּרנסה מאַכט ער כאָטש פון דעם, דער ליטעראַט? — האָט הערשל דווקא געוואָלט וויסן אַלץ בפּרטיות. און דיר, לייביש, העלפט ער כאָטש עפּעס אַרויס?

— און אַז ער קאָן מיר קיין סך ניט העלפן, איז וואָס? — האָט לייביש שוין גענומען זיך קאָכן; און דאָס וואָס אַ האַלבע וועלט זעט מיין איטשע מאירס נאָמען אין די גאַזעטן איז גאָרנישט; דו שוואַרצער פּיזשיק, האָ? דיין מאיר לאָפּעטעס נאָמען איז אויך געדרוקט אין די גאַזעטן, האָ? פּרנסה מאַכט ער ברוך־השם אַזוי גוט ווי אַלע ייִדן, און ער האָט אייך אַלע אין ת...

אויף אַזאַ אָפּשניט האָט שוין דער שוואַרצער הערשל נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, בפּרט אַז לייבישעס אויגן האָבן געפלאַקערט מיט רצי־

חה. הערשל האָט שווייגנדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מער שוין נישט געפרעגט.

גאָר אַן אַנדערע איז געווען ווייסנבערגס מוטער. דאָס איז געווען אַ ייִדענע מיט אַ פריש פּנים און רויטע באַקן ווי אַנגעריסענע פון ווינט. איך געדענק זי שטענדיק אַזאַ פריילעכע, גוטמוטיקע און רירעוודיקע. די קופּקע אויפן געגאָלטן קאָפּ — שטענדיק אַ צורעכט־געמאַכטע, אין גאַנצן נישט ענלעך צו אַנדערע פאַרשלומפּערטע ווייבער, אויף וועמענס קעפּ די קופּקעס זענען אַרומגעפלויגן אין צעפּאַרנקייט. זי האָט געשעפּט נחת פון איר איטשע מאירן, מיט וועמען עס קלינגט אַ וועלט, אָבער זי האָט זיך נישט אַריינגעלאָזט אין קריגערייען מיט אַזעלכע וואָס האָבן גע־צווייפלט אין דער גרויסקייט פון איר זון.

אין איינעם אַ ווינטערדיקן נאָכמיטיק איז זי אַריינגעקומען צו אונדז אין שטוב וועגן אַ יאַזדע, וואָס איר איידעם, סאַנעלע באַלעגאָלע האָט באַ־דאַרפט מאַכן פאַר אונדזערטוועגן. דער דרויסן איז געווען אַ שנייִיקער, אַ זאַווערוכע האָט זיך געדרייט ווי אַ מיל. די ייִדענע איז אַריינגעקומען, אָפּגעשאָקלט פון שניי די פאַטשיילע און געזאָגט, אַז מחמת אַט־דעם דרויסן לאָזט דער איידעם וויסן אַז ס׳איז אוממעגלעך צו פאָרן צו דער סטאַציע נאָכן נאָפּט. ווען זי האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, האָט מיין מאַמע זיך אָנגערופן: „וויזשע וועט איר גיין אין אַזאַ דרויסן? וואַרט צו ביז עס וועט אַ ביסל איבערגיין און איר וועט טרינקען אַ גלאָז הייסע טיי״.ביידע ווייבער האָבן אָנגעהויבן שמועסן. איך בין נאָך געווען אַ יונג ייִנגל, אָבער פון איטשע מאיר ווייסנבערג האָב איך שוין געהאַט געהערט. איך האָב שוין געהאַט געלייענט זיינס אַמעשה אין „מאָמענט״, וואָס מיינע ברידער האָבן אויסגעשריבן. ס׳איז געווען אַ מעשה וועגן אַ ייִנגל וואָס גרייט זיך מען זאָל אים מיטנעמען אויף אַ חתונה; ווי אַזוי זיין מאַמע, אין איר פאַרהאַוועטקייט ערב דער חתונה, לאָזט אים אַ גאַנצן טאָג נישט אויפן אויג, און איז אים כסדר מכבד מיט שטופּן און שטויסן אים און צום סוף, שוין די לעצטע מינוטן פאַרן גיין צו דער חתונה, גיט זי אַ זאָג: משהלע קרוין, טו אַ נעם און גיב אַ שוואַרץ־אָפּ מיינע שיך. און שפּעטער שוין, אויף דער חתונה, דרייט זיך דאָרט אַרום ס׳ייִנגל ווי אַ פרעמדער אין דעם געררויש און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף אים — אַלץ אין

דער מעשה איז געווען אַזוי לעבעדיק, גלייך דער מחבר וואָלט מיך אין זי־בען געהאַט, ווייל טאַקע מיט מיר איז זיך פאַרלאָפן פונקט אַזאַ ענלעכע מעשה.

נו, איז דעם מחברס מאַמע געזעסן ביי אונדז אין קיך, און איך בין נייגעריק געווען צו כאַפּן אַ בליק אויף איר. איך ווייס נישט ווי אַזוי דער שמועס דאָרט איז אַרויסגעקומען אויף דעם באַלקאַנישן קריג, וואָס איז גראָד יענעם ווינטער פאָרגעקומען. נאָר איך האָב געהערט פון אָט דער ייִדענע אַ גאַנצן אויסטייטש וועגן די אַלטע און יונגע טערקן. און אַז מיין מאַמע האָט איר אַ פרעג געטאָן: „זאָגט מיר, מרים, פון וואַנען ווייסט איר דאָס אַלץ אַזוי אַקוראַט? האָט די ייִדענע געענטפערט: „איך האָב דאָס געהערט פון מיין איטשע מאירן וואָס שרייבט אין די גאַזעטן" — און אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער איר פּנים. „אַזאַ קאָפּ־שטיק איז דאָס אייער זון? — האָט מיין מאַמע, מיט אַ חוזק־שמייכעלע געוואָלט צונישט מאַכן די גאַנצע גרויסקייט פון אָט־דעם אפּי־קורס. „נאָר וואָס דען האָט איר געמיינט, ליבעשי קרוין" — האָט זי אָפּ־געענטפערט און אירע אויגן האָבן געגלאַנצט — „אומזיסט־אומנישט דרוקט מען אים אין די גאַזעטן און מען צאָלט נאָך געלט?". „געלויבט צו גאָט, — האָט זי ווייטער גערעדט — האָב איך מיך גאָר נישט וואָס צו פאַרשע־מען מיט מיין איטשע מאירן", און זי האָט גענומען דערציילן וואָס פאַר אַ טייער קינד ער איז, ווי אַזוי ער באַהאַנדלט זי.

מיין מאַמע איז נישט שטאַרק נתפעל געוואָרן פון איטשע מאירס גרויס־קייט, ווייל ווען ווייסנבערגס מוטער איז שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען, האָט מיין מאַמע אַ זאָג געטאָן:

— ביסט אַ מבין ווי מען נעמט זיך דאָס איבער מיט דעם פּושע ישראל? גלייך דאָס וואָלט געווען עפּעס מי יודע, וואָס פאַר אַ גרויסער למדן, אַז־אַז!

אָבער איך האָב זיך נישט אָנגעשטעקט מיט מיין מאַמעס אפּיקורסות וואָס שייך איטשע מאיר ווייסנבערג. איך האָב מער צוגענייגט מיין האַרץ צו אים און כ׳בין געווען גליקלעך צו באַגעגענען אים פּנים אל פּנים. און עס איז געשען — צו מיין איבערראַשונג.

*

געוויינטלעך פלעגט ווייסנבערג כמעט יעדן זומער אַראָפּקומען קיין זשעלעכאָוו אויף אַ פּאָר וואָכן (דעמאָלט האָט נאָך דאָרט געווינט זיין ווייבס גאַנצע משפחה). איך האָב שוין געוווּסט ווער עס איז ווייסנבערג, אָבער איך בין געווען אַ חסידיש ייִנגל, טאָ וואָס פּאָר אַ מגע ומשא האָב איך געקאָנט האָבן מיט אים? מיין ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיט אים איז פון דעסטוועגן פאָרגעקומען אין יאָר 1921, אין שטוב פון דער משפחה לערער. איטשע־מאיר ווייסנבערג איז דעמאָלט געווען באַפריינדט מיט יחיאל לערער, וועלכער האָט אים געבערענגט לידער אויף מבינות. איך, אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, אין אַ ייִדיש היטעלע, האָב אין יענער צייט בסוד־סודות שוין געשריבן לידער אין פּראָזע, ס'איז געווען וועגן וועלט־שמערץ און וועגן נאָך אַזעלכע ברומו של עולם שוועבנדיקע פּראָבלעמען. און כאָטש דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט פון גרויס נייגיר צו זען אַן אמתן שרייבער, האָב איך מיך פון דעסטוועגן אָפּגעהאַלטן צו ווייזן ווייסנבערגן מיין שרייבעכץ. איך פלעג כמעט יעדן אָוונט אַריינקומען צו די לערערס אָבער צו קיין נעענטערע באַקאַנטשאַפֿט מיט ווייסנבערגן איז עס נישט דערגאַנגען.

ערשט מיט צוויי יאָר שפּעטער, ווען איך האָב אויפגעשריבן מיין ערשטע פּראָזע־זאַך האָב איך נאָך לאַנגע צורעדעניש פון יחיאל לערער, ענדלעך באַשלאָסן עס צו ווייזן ווייסנבערגן. דעמאָלט איז אונדזער באַקאַנטשאַפֿט געוואָרן אינטים. לאַנגע ווינטער־נעכט האָב איך, צוזאַמען מיט יחיאלן, פאַרבראַכט אין ווייסנבערגס שטוב. דעמאָלט האָב איך אַרויסגע־פילט די גאַנצע וואַרעמקייט וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פון ווייסנבערגס האַרץ צום ייִדישן שטעטל. און עס גייט אויף אין מיין זכרון אַ ווינטער־דיקער אָוונט ביי ווייסנבערגן אין זיין וואַרשעווער שטוב, אויף עלעקטאָ־ראַלנע גאַס. עס זיצן ביים טיש זיין בלאָנדע פרוי באַלטשע, איבערגע־בויגן איבער עפּעס אַ העפטעכץ, יחיאל, איך, און ווייסנבערג דערציילט מעשיות פון זשעלעכאָוו. עס שיילן זיך אַרויס לעבעדיקע, אַזוי ווי פּאָר די אויגן שטייענדיקע, געשטאַלטן. מיר זעען בולט ווי אַזוי חיימל, שמואל מאַשענזשניקס זונדל, וואָס דינט אין גאַרוואָלינער אולאַנער־פּאָלק, האָט באַקומען אורלויב אויף צוויי טעג. אַזוי ווי ער איז אַ קלעזמער און אין פּאָלק האָט מען אים שטאַרק ליב, האָט מען אים פּאַזוואָליעט אויך מיטצו־

נעמען דאָס פערד. רייט זיך אַזוי חיימל די פיר און צוואַנציק וויאָרסט, פון גאַרוואָלין קיין זשעלעכאָוו. אין קאָפּ ביי אים שפּינען זיך כלערליי פּלענער, ווי אַזוי ער זאָל אַריינפאָרן אין שטאָט, אַז עס זאָל נישט זיין: „סתם גלאַט אַזוי געקומען". און ווען ער קומט צו דער בריק, ציט ער אַרויס די בלאַנקע שאַבלע פון דער שייד, מיט דער שווערד אין איין האַנט און מיטן טראָמפּייט אין מויל טוט ער אַ דריי־אויס דאָס פערד, און אויפ־שפּילנדיק אַ מאַרש, רייט ער אַריין הינטערווייַלעכץ קיין זשעלעכאָוו: זאָל די גאַנצע שטאָט זען, ווער עס איז חיימל!

אַט זעען מיר משהן, שיינדל די רביצינס, ווייסנבערגס אַ יוגנט־פריינד, וועמען ער האָט אַזוי פּרעכטיק געשילדערט אין זיין דערציילונג „צו הקפות". עס וואַקסט אויס פאַר אונדז דאָס פאַרחלומטע יינגל, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט וויזיעס און ער איז לסוף פאַרוואָרפן געוואָרן קיין אַרגענטינע, ווו ער איז געשטאָרבן אין עלנט און פאַרגעסונג (דער משה איז אויך געווען דער העלד פון ווייסנבערגס גרעסער ווערק „איבערגאַנג"). מיט אַ מאָל האָט ווייסנבערג זיך פאַרטראַכט, די שמאָלע אויגן זענען פאַרצויגן, גלייך ער וואָלט אַנטדרימלט געוואָרן. איך גיב אַ ווונק יחיאלן, מיר זאָלן אַוועקגיין, אָבער ווייסנבערג האָט שוין צוריק געעפנט די אויגן, זיי בלישטשען איצט מיטן גלאַנץ פון ווייטע און ליכטיקע זכרונות. ערשט שיילט זיך אַרויס אַ זומערדיקער פרימאָרגן ביי זיין פעטער חיסדאָן אויפן הויף. איטשע מאיר, דעמאָלט אַ יינגל פון אַ יאָר זעכצן, איז וועגן עפּעס געקומען צום טאַטן. אין פרימאָרגנדיקער זומערדיקער שלווה רוט דער גרויסער הויף. אַ לויטערער הימל שפּרייט זיך איבער דער וועלט; אויף אַ שטויס קלעצער זיצט חיסדאס זיבעצניאָריק מיידל, אָנגעטאָן אין אַ העל קליידל, אירע פעך־שוואַרצע דיקע צעפּ גלאַנצן אַנטקעגן דער יונגער זון. זי זיצט פאַרטאָן אין אויסהעפטן אַ חלה־טישטעכל, אַ מתנה פאַר איר חתן און זי באַמערקט אַפילו נישט איר אָרעמען קוזין, וועלכער שטייט איצט ווי צוגעוואַקסן, אין שטילער באַוווּנדערונג פאַר איר ליכטיקער גע־שטאַלט, וואָס העפט אַריין אירע מיידלשע חלומות אין דעם שבת־טיש־טעכל. יאָ, — טוט ווייסנבערג אַ זיפץ, — אַ טייער שטעטל געווען אונ־דזער זשעלעכאָוו, אַ שטעטל מיט כאַראַקטער, האָט נישט מורא גע־האַט און נישט נתפּעל געוואָרן אַפילו אַרויסצוטרייבן דעם באַרדיטשעווער

רב, אַ ר׳ שמעון דײַטש און שפּעטער דעם רב טרײַסטמאַן. און ער פּאָנ־טאַזירט: ווען איך וואָלט געווען אַ גביר און פאַרמאָגט אַ סך געלט, וואָלט איך אויפגעשטעלט אַ גרויסע שוסטער־פאַבריק, כדי אויפצוריכטן אונדזער שטעטל (עס איז שוין געווען אין די יאָרן פון עקאָנאָמישן אונטערגאַנג און הונדערטער שוסטערס, בײַגערס און גאַרבערס האָבן נישט געהאַט ווו אַהינ־צוטאָן די הענט). און מיט וואָס פאַר אַ האַרציקייט און קוועלנדיקער פרייד ער האָט אויפגענומען יעדעס פּיצל שפּערישקייט וואָס איז געקומען פון שטעטל.

געוויינטלעך רעדט מען בײַ אונדז מיט אַ ביטול־טאָן וועגן ווײַסנ־בערגס באַגער אַרײַנצוברענגען זשעלעכאָוו אין דער יידישער ליטעראַטור. וויל איך איצט נישט באַרירן אַט דעם פּרט. עס פרעגט זיך נאָר נישט ווילנ־דיק: האָט דאָס יידישע לעבן פאַרמאָגט אַ צווייטע שוואַרץ־ערד ווי דאָס שטעטל? נו, מילא, זאָל עס די חוזק־מאַכערס ווויל באַקומען. וואָס איך וויל, איז זיך אָפּשטעלן אויף נאָך אַ שטריך פון איטשע־מאיר ווײַסנבערגן. אין כמעט אַלע אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען באַצײַכנט מען ווײַסנבערגן ווי אַ דם־שונא פון „די וואָס קאָנען אין די ביכער״. עס קומט אויס, אַז ווײַסנבערג האָט שיער־נישט פיזיש נישט געקאָנט פאַרטראָגן יענע וואָס האָבן אַרײַנגעקוקט אין די קליינע אותיות. ווי ווײַט עס איז נישט ריכטיק, באַווײַזט זײַן אינטימע פרײַנדשאַפט מיט יחיאל לערער. איך וויל נישט דערמאָנען זײַן נאָענטקייט מיט נאָמבערגן, וועלכער איז דוכט זיך מיר יאָ געווען אַ נאָענטער מחותן מיט די קליינע אותיות. אויסערלעך האָט נישט געקאָנט זײַן קיין ווײַטערער מהלך צווישן צוויי מענטשן ווי ווײַסנ־בערג און יחיאל לערער. פון איין זײַט לייביש מאַטעסעס, פון דור דורות בעלי־מלאכות און פּראָסטע לײַט, און יחיאל לערער, וועמענס יחוס עס האָט זיך געצויגן פון וואָרקער רבין פון דער מאַמעס צד און פון זגערזשער רבין פון פאָטערס צד. איטשע מאיר, דער ברייט־ביינער מיטן רויטן פּנים און די קאַלמיצקע אויגן און יחיאל, דער בלאָנדער יונגער מאַן מיטן אויס־געאײַדלטן פּנים און די בלאָע, ווי אין נעפּל־פאַרהילטע אויגן. ווײַסנבערג, דער מחבר פון „אַ טאַטע מיט בנים״, פון „דור הולך ודור בא״, פון „די משוגענע אין דאָרף״, און יחיאל לערער, דער זינגער פון „תהילים־געזאַנ־גען״, וועגן פאַרטרוימטע פאַסטעכער און פון „שאול און דוד״. פון וואַנען

זשע האָט זיך גענומען אָט די כמעט פּאָטערלעכע באַציִונג פון דעם אומ־געהובלטן (ווי עס ווילן דאָס די, וואָס שרייבן וועגן ווייסנבערגן) צו אָט דעם פּאַרחלומטן יונגען מאַן? האָט דאָך ווייסנבערג דעם זומער פון 1923, ווען יחיאל לערער האָט אים געלייענט זיינע תהילים־געזאַנגען, אים פּשוט נישט געלאָזט צוריקפאָרן קיין זשעלעכאָוו. חדשים־לאַנג אים געהאַלטן ביי זיך אין שטוב ער זאָל אויפשרייבן אָט־דאָס ביכל. אפשר האָבן אַנדערע, די וואָס האָבן געפּירט די „גרענדע" געהאַט אַזאַ באַציִונג צו יונגע שריי־בערס? אַ מענטש וואָס האָט פיינט דאָס צאַרטע, די פון דורות באַהויכטע און אויסגעפּיעשטשעטע איידלקייט, וועט אַזאַ פיינקייט נישט אַרויסווייזן צו אַן אומבאַוווסטן שאַפער.

וויל איך איצט נישט דערמאָנען וועגן ווייסנבערגס באַציִונג צו מיין ווייניקייט, וואָס איז אויך געקומען פון דער גמרא און פון דעם בוך.

אין דעם פאָלקס־פאַרוואָרצלטן קינסטלער האָט געצאַפּלט אַ צאַרטע, טיף־לירישע נשמה. אַזעלכע דערציילונגען ווי אַ „וואַלד־מיידל", „אין דער שטיל", „אַ רעטעניש", „אַ פּאַמניק" און אַ סך אַנדערע, האָבן נאָר געקאָנט אויפגעשריבן ווערן פון אַ קינסטלער וואָס האָט געאַנקערט אין טיפער פאַרוואָרצלטקייט. דעריבער אַזאַ אייפער, אַזאַ פלאַטערניש איבער אַלץ וואָס איז געקומען פון שטעטל.

11

מיין פעטער שימעלע

איך האָב געפונען פּאָר נייטיק אַריינצונעמען אין אָט דעם בוך, ווו עס דערציילט זיך וועגן מענטשן פון זשעלעכאָוו, אויך די דאָזיקע דער־ציילונג וואָס איז שוין געדרוקט אין מיין בוך „מענטשן אין שפּאַן‟. דאָס יידישע בילד פון אונ־דזער שטאָט וואָלט נישט געווען קאָמפּלעט, אויב אין אים זאָל זיך נישט געפינען אויך די געשטאַלט פון דעם פעטער שימעלע.

אין שעהן פון אומעט, וואָס באַפאַלן מיך און נאָגן מיט בענקשאַפט אין מיין נייער היים, אין דער באַרגיקער שטאָט פון דעם וויטן דרום־אַמעריקאַנער לאַנד, וווהין דער גורל האָט מיך פאַרוואָרפן; אין מינוטן, ווען דער גלאָקנקלאַנג פון די צענדלינגער קלויסטערס דערמאָנען מיך, אַז איך בין נישט אַזאַ אַנגעלייגטער גאַסט אין דעם קאַטוילישן לאַנד; אין דער סביבה פון יידן, ווו מענטשן ווערן אָפגעשאַצט לויט דער ווערט פון די פּעזעס וואָס זיי פאַרמאָגן; אין מינוטן פון פאַרצערנדיקער בענקשאַפט גייט אויף אין מיין זכרון די לויטערע געשטאַלט פון מיין פעטער שימעלע. ווי מיט טויזנטער פלעמעלעך באַלייכט ער און דערוואַרעמט מיין צעוויייטיקט געמיט.

ער איז נישט געווען, מיין פעטער, קיין אָנגעזעענער מענטש אויף דער וועלט. זיין נאָמען האָט נישט געקלונגען אין די צייטונגען. ער איז נישט געווען קיין פירער פון אַ פאַרטיי און אַפילו נישט קיין דאָזאָר אין דער קהילה פון אונדזער שטעטל. אָבער פון מיינע קינדער־יאָרן אָן איז ער מיר געווען אַ טרייסט און אַן אָנשפּאַר.

ער איז געווען מיין מאַמעס יינגסטער ברודער, דער פעטער שימעלע,

און ער איז מיט גאָר נישט געווען ענלעך צו די צוויי עלטערע פעטערס מיינע, וועלכע איך געדענק ווי בכבודיקע יידן, מיט שיינע בשפּעדיקע שוואַרצע בערד; יידן, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט וואַגאָנען, ווי מ׳האָט ביי אונדז געזאָגט אויף הורט־סוחרים; יידן, ביי וועמען דער פינף־און־צוואַנציקער האָט נישט געשפּילט קיין ראָלע, אין וועמענס שטיבער די רחבה איז געדרונגען און געפלאָסן פון אַלע זייטן.

פּונקט ווי זיי זענען געווען הויכע און ברייטפּלייציקע, איז מיין יינגס־טער פעטער געווען אַ קליינס און דאַרס, מיט אַן עטוואָס הויכער פּלייצע, וואָס האָט געמאַכט זיין קאָפּ זינקען צווישן די אַקסלען. להיפּוך צו זיינע ברידערס הדרת־פּנימדיקע בערד, איז זיין בערדעלע געווען אַן אָרעמס, אַ שיטערס און צעוואָרפּנס. פּונקט ווי די צוויי עלטערע ברידער זיינע זענען געווען בעלי־פּרנסות, ממש נגידים, אַזוי איז שימעלע אַלע יאָרן געווען אַן אָרעמאַן און יעדע פּאָר יאָר געביטן די פּרנסות. איך געדענק אים ווי אַ קרעמער פון אַ שפּייז־געוועלבל, ווי אַ צושטעלער פון מעל פאַר די שטאָ־טישע בעקערס, ווי אַ סאָדע־וואַסער פאַבריקאַנט און ווי אַ שפּיליטער פון וואַרשע. און כאָטש אַ סך יידן אין שטעטל האָבן געצויגן חיונה און אַפילו געוואָרן נגידים פון אָט די זעלביקע פּרנסות, נאָר מיין פעטער שימעלע האָט זיך נישט געקאָנט דערהאַלטן ביי קיין שום זאַך. נישט חלילה ווייל ער איז געווען אַ פוילער אָדער אַ שלימזל. גיכער איז עס געווען דערפאַר, ווייל ער איז געווען איינער פון די טרוימערישע נאַטורן, וואָס קאָנען זיך בשום אופן נישט אַריינפּאַסן אין די ענגע פיר איילן פון פאַרקויפן הערינג און אַ פלעשל נאַפט.

שוין קינדווייז האָב איך אָט־דעם פעטער ליב געהאַט ס׳לעבן. ווען איך האָב נאָר געהאַט אַ פרייע מינוט, בין איך געלאָפן צו אים אין שטוב, ווייל אייביקע יאָרן האָט ער געמוזט וווינען נאָר אין אַ דירה מיט אַ פּאָד־וואַרזש, ווו עס זענען אַרומגעגאַנגען הינער, געגנדז און קאַטשקעס; ווו ס׳האָט זיך געפּאַשעט אַ קאָזע און ס׳איז געווען אַ בודע ווו מ׳האָט גע־האַלטן צוגעבונדן צו אַ קייט דעם געלן הונט „ברילעק״. דאָס איז געווען אין דרויסן. אינעווייניק, אין שטוב, האָבן מיך געלאָקט די אונטערשטע פּאָליצעס פון דער ספרים־שאַנק, וואָס זענען געווען אָנגעפּולט מיט אַן אַ צאָל קליינע ספרימלעך מיט די וווּנדערלעכסטע מעשיות פון צדיקים און,

להבדיל, כישופמאַכערס. קלײן זענען זײ געװען אַט די ספּרימלעך, גע־דרוקט אויף שלעכט פּאַפּיר. זײ זענען געװען אין ײדיש און אין לשון־קודש. אָבער מײן פֿעטער האָט זײ געהיט װי אַן אויג אין קאָפּ. שטענדיק האָט ער געהאַלטן אין אײן צוקויפֿן נײע. מוכרי־ספּרימניקעס האָבן אים גוט געקענט און צוגעשטעלט אים די מעשיות. אויף װאָס ער פֿלעגט אויסגעבן די לעצטע גראָשנס, און בײ די ספּרימלעך פֿלעגט ער אויפֿזיצן גאַנצע נעכט. מיט מיר האָט ער זיך געטײלט מיטן רושם פֿון די דורכגעלײענטע מעשיות, נאָך הײנט זע איך דעם גלאַנץ פֿון זײנע שװאַרצע אויגן, װען ער האָט מיר געגעבן איבערצולײענען די מעשה פֿון אַ ממזר אַ תלמיד־חכם: „נאַ, לײען. זײער טשיקאַװע!" אַז מײן טאַטע פֿלעגט זיך בײזערן אויף מיר, פֿאַרװאָס איך לײג אַרײן אַלע חושים אין די מעשיות, און דער פֿע־טער שימעלע איז פּונקט געװען דערבײ, פֿלעגט ער זיך אַ שעמעװדיקער אָנ־רופֿן: „אװדאי דאַרפֿסטו, שלמהלע, נישט מבטל תורה זײן. אָבער דו, שמעון (מײן טאַטע האָט אויך געהײסן שמעון), דאַרפֿסט אויך נישט אין גאַנצן מבטל זײן די מידות און מופֿתים פֿון אונדזערע גרויסע צדיקים. נישקשה, פֿון חוזה פֿון לובלין אָדער פֿון קאָזשעניצער מגיד, װעט ער זיך קײן שלעכטס נישט אָפּלערנען. װאָס אַרט עס דיך, אַז ער לײענט נאָכן לערנען? רחמנא לבא בעי" — — — ער האָט געשמײכלט מיט זײן ליבלעכן און װאַרע־מען שמײכל.

און כאָטש מײן פֿעטער איז געװען אַ שװאַכער, האָט דאָס אים נישט געשטערט צו טרוימען די גרעסטע און געװאַגטסטע חלומות. טײל מאָל פֿלעגט ער מיר פֿאַרטרויען זײנע פּלענער.

— זעסטו, װען דער אײבערשטער העלפֿט מיר און איך נעם אַרויס דאָס גרויסע געװינס, װאָלט איך געקויפֿט ישראל זיסמאַנס פּלאַץ לעבן ישראל־דודס געװעלב און כ'װאָלט אויפֿגעשטעלט אַ דרײ־שטאָקיק הויז מיט אַ סך דירות און קראָמען. נאָר באַלד האָט ער זיך מײשב געװען:

— דעם פּלאַץ מיט די קראָמען און מיט די רעשט זיבן גליקן, װעט ער לאָזן פֿאַר װעמען אַנדערש. ער אַלײן װעט בעסער פֿאָרן קײן ארץ־ישראל, דאַכט זיך קויפֿן אַ קאָלאָניע און אַלײן באַאַרבעטן די ערד.

װײזט אויס, אַז דעם חלום צו װערן אַ קאָלאָניסט אין ארץ־ישראל,

האָט ער געטראָגן אין די טיפֿעניש̇ן פון זיין נשמה אין משך פון לאַנגע יאָרן. און אַז דאָס גרויסע געווינס האָט בשום אופן נישט געוואָלט אַריינ־פאַלן צו אים אין די הענט, האָט ער געפּרוּווט פאַרווירקלעכן זיין חלום אויף אַן אַנדערן אופן. אין אַ שיינעם טאָג האָט ער זיך אויפגעהויבן און אַוועק קיין וואַרשע, זיך פאַרשריבן אין אַ חברה, וואָס קויפט ערד אין ארץ־ישראל. ער האָט איינגעצאָלט פינף און צוואַנציק רובל און אַהיימגע־בראַכט אַ ביכעלע, ווו עס איז אויף לשון־קודש געווען באַשריבן די תקנות פון דער חברה.

איך וועל נישט פאַרגעסן יענעם שבת נאָכן שלאָף, ווען מיין טאַטע, דער פעטער שימעלע, משה־דוד שוחט און נאָך עטלעכע ייִדן זענען אַרויס־געגאַנגען אויף דער לאַנקע הינטערן בית־עולם כאַפּן אַ ביסל דעם אָטעם. איך בין מיטגעגאַנגען און געטראָגן דאָס ארץ־ישראל־ביכעלע (הינטער דער שטאָט „טאָר מען נישט טראָגן") וואָס מיין פעטער האָט געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. אַלע האָבן זיך געזעצט אונטער אַ ברייט־פאַרצווייגטער אַלטער ווערבע. דער הימל איז געווען אַ לויטער בלאָער, די לאַנקע טיף גרין, פון דער וויטנס האָט מיט שטאָלענע וואַסערן געבלישטשעט אַ שמאָל טייכל. געזעסן האַלב־אויסגעצויגענע, אַנגעלעגטע אָנעם שטאָם פון בוים און זיך געדלובעט די ציין נאָכן שבת־אויבסט, האָבן די ייִדן אויסגעהערט וואָס דער פעטער שימעלע האָט אַרויסגעלייענט פון ביכל. עס האָט זיך עפּעס געוועקט אין די הערצער. בליקן האָבן זיך פאַרחלומט געטראָגן צום עק האָריזאָנט, ווו די זון האָט שוין פלאַמיק אָנגעהויבן באַפאַרבן די לופט. מיט דער שקיעה האָבן די געדאַנקען זיך אַוועקגעטראָגן ווייט־ווייט, צו די פעלדער און צו די בערג פון יהודה. אַז ס'איז אין מיטן דערינען אָנגע־קומען פון זיין שפּאַציר דער שטעטלשער גביר און איז געוואָר געוואָרן פון וואָס ייִדן שמועסן, האָט ער אַרויפגערוקט דאָס סאַמעטענע היטל אויפן שטערן, זיך גענומען ווישן די ברילן־גלעזלעך און געזאָגט: וואָס, עטץ רעדט וועגן ארץ־ישראל? גלייבטס מיר ייִדן, כ'וואָלט אַליין אויך געפאָרן. ס'איז אַ גרויסע מצווה מקיים צו זיין דעם געבאָט פון ישוב ארץ ישראל...
— און געגעבן אַ נגידיש קרעכצעלע.

... און אַז ייִדן־באַלמעלאָכעס האָבן זיך דערוווּסט, אַז דער קליינער

שימעלע האָט זיך פֿאַרשריבן אין אַן ארץ־ישׂראל חבֿרה, זענען זיי געקומען געוואָר ווערן, וואָס דאָס איז אַזעלכעס. מײַן פֿעטערס שטוב איז אױפֿדער־נאַכט פֿול געוואָרן פֿון מענטשן מיט אויסגעשמירטע, מיט טראָן־פֿאַרפֿעטס־טע לעטניקעס און נאָך נישט געוואַשענע הענט. זיי זיצן שווערע, מיט ערנסטע פּנימער און הערן אויס וואָס דער פֿעטער דערציילט. ער ווייס שוין אַקוראַט ווי אַזוי דאָרט וועט אויסזען, וואָס פֿאַר אַ הייזער מען וועט בויען, וויפֿל קי, ציגן, שעפּסן און אייזעלעך יעדער איינער וועט פֿאַרמאָגן. געהערט אַזוינס האָבן ייִדן מיט פֿאַרטיפֿטער כּוונה זיך געווישט דעם שווייס פֿון די שטערנס. אין ברוסט האָט זיך עפּעס גערירט, ווי ס׳וואָלט געווען אַ ווידערקול פֿון יענע אַלטע צייטן, ווען ייִדן האָבן געאַקערט ערד. אַ שײַן פֿון באַגייסטערונג האָבן אָפּגעגעבן זייערע אויגן. שלום דאַמב, אַ הויכער מיט צעוואַקסענע פּלייצעס, מיט אַ געלער באָרד און מיט אַ פּנים אין גאַנצן דורכגעפֿעטסט פֿון טראָן, האָט מיט אַ האַנט ווי אַ ברעט, געגעבן אַ זעץ אין טיש אַרײַן, אַז די שויבן פֿון פֿענצטער האָבן אַ ציטער געגעבן און ער האָט אַ דונער געטאָן: געבוג, ייִדן, גענוג זיך געוויַיקט אין טראָן און אין סמאָלע. לאָמיר פֿאָרן, שימעלע! — פֿאַרשרייב מיך אין דײַן חבֿרה. פֿינף רובל האָסטו שוין, שימעלע.

אַ סך ייִדן האָבן דעמאָלט זיך פֿאַרשריבן. מײַן פֿעטערס פּנים האָט געלויכטן, וואָס אָט־אָט ווערט זײַן טרוים שוין מיט די הענט אָנצונעמען.

אָבער ווײ, אויך דער טיף־אויסגעוואָרעמטער חלום מײַן פֿעטערס, איז קיין מאָל נישט פֿאַרווירקלעכט געוואָרן. פּונקט ווי עס איז נישט געווען זײַן שולד, וואָס די צוויי זומערן, ווען ער האָט געמאַכט סאָדע־וואַסער, זענען געווען אַזעלכע קאַלטע, אַז מענטשן האָבן גיכער געזוכט אַ גלאָז הייסע טיי איידער קאַלט וואַסער; פּונקט ווי עס איז נישט געווען זײַן שולד, וואָס זייענדיק אַ שפּיליטער, זענען באַנדיטן אַ מאָל באַפֿאַלן דאָס וועגעלע וואָס האָט אים געפֿירט צו דער באַנסטאַנציע, אים צוגענומען ביזן לעצטן גראָשן, און מען האָט אים אַהיים געברענגט קוים אַ לעבעדיקן. און אַזוי איז נעבעך נישט געווען זײַן שולד, וואָס דווקא אים האָבן די בעקערס נישט באַצאָלט פֿאַרן מעל, וואָס ער האָט זיי צוגעשטעלט, כאָטש ער האָט אין דעם געהאַט אַרײַנגעבראַכט מער ווי הונדערט רובל און קיין גבֿיר איז

ער אוודאי נישט געווען. דערצו האָט זיך נאָך געיאַוועט די ערשטע וועלט־מלחמה און פון אַלע „גליקן" האָט זיך אויסגעלאָזן אַ טייך.

אוודאי, די מלחמה האָט מיין פעטער געטראָפן מער ווי אַ סך אַנדערע. נישט ער איז געווען דער מענטש פון לויפן און יאָגן זיך, ווי ס'האָט זיך געפאָדערט, כדי צו קענען דורכלעבן, נישט ער האָט געקענט האַנדלען און וואַנדלען און נישט געקענט שמוגלען. די נויט האָט זיך אַלץ מער איינגעוואָרצלט אין זיין שטוב. ס'איז געוואָרן שווערער פון טאָג צו טאָג. דער פאָדוואָרזש, וווּ עס איז שטענדיק געשטאַנען אַ געררויש און געפילדער פון די בעלי־חיים, וואָס האָבן זיך דאָרט אויפגעהאַלטן, איז איצט געלעגן אַ פאַרוויסטער, אַ געשטאָרבענער. אָט זע איך אים אַרומשפּרייזן איבער דער שטוב. ער איז שוין אויסגעדאַרט, איינגעשרומפּן. דער קאָפּ נאָך טיפער פאַרזונקען צווישן די אַקסלען. פון צווייטן שטיבל הערט זיך דאָס גסיסה־כאָרכלען פון זיין צען־יאָריק יינגל, וואָס נאָך אַ גאַנצן ווינטער קרענקען, מאַטערט ער זיך שוין דעם דריטן טאָג און קען נישט אָפּשטאַרבן. די מאַמע זיינע האָט מען מיט געוואַלד אַרויסגעפירט פון שטוב. איך האָב דעם פעטער נישט געוואָלט איבערלאָזן איינעם אַליין, שטיי איך אָנגעלענט אין אַ וואַנט, די אויגן אַראָפּגעלאָזט. איך האָב מורא געהאַט זיך צו טרעפן מיט זיין בליק, ווייל באַלד וועל איך אַרויספּלאַצן אין אַ געוויין.

און ווידער גייט אויף אין מיין געמיט יענער נאָכמיטיק, בשעת מיר זענען צוריקגעקומען פון בית־עולם נאָך דער לויה. איך בין געווען איבערגעפולט מיט צער, וואָס איך האָב שוין נישט געקאָנט מער איינהאַלטן, און איך האָב מיך ספּאַזמאַטיש צעקלאָגט. ער האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ האַנט, צוגעפירט צו דער ספרים־שאַנק, און אויפזוכנדיק אַ „מדרש פליאה" מיר אָנגעהויבן לייענען אַ קאַפּיטל וועגן געלייטערטע נשמות פון קינדער, וואָס פליען אַרויף גלייך צום כסא הכבוד.

ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט דער פעטער איצט זיך צעוואָרעמט ווי דעמאָלט, ווען ער האָט פון ביכעלע גערעדט וועגן ישוב ארץ־ישראל, און פאַמעלעך, פאַמעלעך מיך באַרויקט. פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אָט דעם איינגעהויקערטן ייִדעלע אַזאַ גייסטיקע גבורה?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

יאָרן, יאָרן זענען שוין פאַרגאַנגען זייט יענער צייט. איך האָב דיך געלאָזן, פּעטער, ערגעץ אין אַ שטיבעלע אַ דלד־אמותדיקס, ערגעץ אויף ניזקע גאַס אין וואַרשע. איך בין אַוועק אין דער ווייטער פרעמדער און קאַלטער וועלט. איצט וויל אַ נייער המן אונדז אַלע אומברענגען, דיין אויסגעדאַרטן גוף האָט ער שוין דערגרייכט. אָבער דאָס ליכט, וואָס שיינט אַרויס פון דיין געשטאַלט, וועט קיין שום המן נישט זיין אין שטאַנד אויסצולעשן. כ׳גלייב עס באמונה שלימה, ליכטיקער פּעטער!

12

קלעזמאָרים

ווי אַנדערע ייִדישע שטעטלעך, האָט אויך זשעלעכאָוו פאַרמאָגט אַן אייגענע ייִדישע קאַפּעליע, וואָס האָט געשפּילט אויף חתונות. פּורים איז אָט די קאַפּעליע געגאַנגען אָפּשפּילן פאַר די צוויי־דריי גבירים. עס פלעגט אויך טרעפן, אַז די פּריצים פון די דערנעבנדיקע הייף האָבן אַרויסגערופן די ייִדישע קאַפּעליע צו שפּילן אויף די בעלער, וואָס זיי האָבן געמאַכט. און נישט קיין וווּנדער: ווייל די ייִדישע קלעזמאָרים האָבן געהאַט אַ גרויסן שם אין דער גאַנצער סביבה.

דער גרעסטער טייל שפּילערס פון דער זשעלעכאָווער קאַפּעליע איז באַשטאַנען פון פּשוטע ייִדן, אין וועמענס הענט דער אינסטרומענט — די פידל און דער פּויק — איז געווען פּונקט ווי דער האַמער און די אָל, די שער מיטן אייזן אין די הענט פון די שוסטערס, שניידערס און סטאָליאַ־רעס פון זשעלעכאָוו. יענע ייִדן האָבן געצויגן חיונה פון זייערע מלאכות, די קלעזמאָרים האָבן זיך מפרנס געווען פון שפּילן אויף חתונות. און קיין גרויסע נפקא מינה איז נישט געווען פון אַן איטשע פייפער, וואָס האָט געפּיפן אויף זיין פלייט, פון אַ סרול־הערש באַס, וואָס האָט געשניטן אי־בער די גראָבע סטרונעס פון זיין ריזיקן באַס, ביז אַן אברהם־שמעון שוס־טער, אַ סרול־לייבעלע שניידער, אָדער חיים לוזער סטאָליאַר. נישט די און נישט יענע זענען געגאַנגען אין גאָלד. כאָטש די זשעלעכאָווער קאַ־פּעליע האָט געשמט מיט אירע וואַזשנע שפּילערס, וואָלטן אָט די ייִדן מן הסתם געשטאָרבן אַ פאַר מאָל אין טאָג פון הונגער, אויב זיי וואָלטן נישט געהאַט אַ זייטיקע פּרנסה. יעדער איינער עפּעס אַנדערש. ווייל וויפל מאָל אין יאָר מאַכט אַ ייִד חתונה זיינע קינדער? דער גאַנצער סעזאָן, אומשטיינס געזאָגט, הייבט זיך אָן שבת־נחמו און דויערט ביז ראש־השנה. אויך די פּריצים מאַכן נישט יעדן טאָג קיין בעלער מיט מוזיק. און אפשר

וואַרטן אויף די גרויסע געלטער פון די עטלעכע גבירים, ווען מען איז געגאַנגען פורים צו זיי אָפּשפּילן? האָט טאַקע דער גרעסטער טייל פון די ייִדן זיך אויסגעזוכט אַ שטיקל פּרנסה, אַבי דורכצושטופּן די שווערע ווינטערס. אַזוי למשל האָט איטשע פייפערס ווייב געהאַט אַ שטעלע אין מאַרק. זי האָט אום זומער פאַרקויפט אויבסט און זיסוואַרג און ווינטער — צוגעלעגענע עפּל, ציבעלעס און בורעקעס. סרול־הערשס ייִדענע האָט אויפן יאַריד געהאַנדלט מיט עופות, פּוטער, קעז. גרשון־מאיר דער פּויקער, ווע־מענס נידעריקע געשטאַלט איז פּאַרדעקט געוואָרן מיט דער ריזיקער קעסל־פּויק איז גאָר געווען אַ מולאַרזש. דאָס הייסט: ביי קיין קאָמעניצעס האָט ער קיין מאָל נישט געאַרבעט, נאָר נאָך סוכות, ווען באַלעבאַטים דערמאָנען זיך אַז מען דאַרף אָפּקאַלעכן די שפּאַרעס פון די ווענט, אָדער אַ ייִד אַן אָרעמאַן דאַרף אויפשטעלן אַ „פּיעצעק", און פאַר פּסח, ווען מען קאַלעכט די שטובן איז גרשון־מאיר באַוואָרפן געוואָרן מיט אַרבעט. ווידער דער גראָבער אהרן־משה, וואָס האָט געבלאָזן אויף אַ מעשענעם טראָמפּייט, איז גאָר געווען אַ שערער און אַ באַנקעס־שטעלער.

אַלע פון די קלעזמאָרים זענען געווען פּשוטע ייִדן, געיאָגט זיך נאָכן ביסל חיונה, אָבער צווישן זיי זענען געווען ממש קינסטלערס. איך מיין פראָים מנשה און זיין אייניקל ישראל, אין וועלכן עס איז זיכער פאַרלוירן געגאַנגען אַ גרויסער טאַלאַנט און וועמענס לעבן עס האָט פאַרמאָגט אַ סך טראַגיק. די ביידע זענען געווען דאָס האַרץ און די נשמה פון דער זשעלעכאָווער קאַפּעליע.

פון קינדווייז אָן געדענק איך פראָים־מנשהן דעם קלעזמער, וועמענס געשטאַלט עס האָט געמוזט איינגעקריצט ווערן אין זכרון. דאָס איז געווען אַ נידעריק אויסגעדאַרט ייִדעלע מיט אַ שיטער שוואַרץ בערדל אויף די איינגעצויגענע באַקן און דער בליק אַ פאַרחלומטער. פראָים־מנשה איז געווען דער איינציקער פון דער קאַפּעליע, וואָס האָט נישט געהאַט קיין זייטיקע פּרנסה. דאָס פידעלע, אויף וועלכן ער פלעגט אָנשפּאַרן דעם קאָפּ און זיך דערצו טוליען ווי אַ צעווייטיקט קינד צו דער מאַמעס ברוסט, דאָס פידעלע איז געווען זיין איינציקער שפּייזער. ער איז טאַקע געווען דער ראש פון די זשעלעכאָווער קלעזמאָרים. ווען אַ ייִד האָט געהאַלטן ביי חתונה מאַכן איז ער געקומען מושווה ווערן מיט פראָים־מנשהן. און דאָס

וואָס פראָים־מנשה האָט באַשטימט, איז געווען הייליק פאַר דער גאַנצער קאַפּעליע. עס איז געווען מחמת דרך־ארץ וואָס אָט דער מייסטער פון פידל האָט אַרויסגערופן ביי זיינע חברים, וועלכע האָבן דערפילט, אַז אָן אָט דעם פידלער זייערן וואָלט די גאַנצע קאַפּעליע געווען ווי אַ גוף אָן אַ נשמה.

און סיכסוכים צווישן פראָים־מנשהן און דער קאַפּעליע האָבן דווקא נישט געפעלט. נישט איין מאָל האָט געטראָפן, אַז פראָים־מנשה האָט אָנ־גענומען אַן אָרעמע חתונה פאַר אַ שיבוש. ער איז נישט געווען דער מענטש וואָס זאָל קענען אָפּזאָגן אַן אָרעמען ייִד, וואָס איז געקומען אים באַשטעלן מיט חדשים פריִער. אַ סך מאָל האָט ער זיך שוין געגעבן דאָס וואָרט נישט צו זיין מער קיין זאַ „ווייכע מירל". און טאַקע, פלעגט ער טענהן, מיינע מענטשן זענען דאָך כשר געהרעכט. וואָס בין איך אַ ייִד אַ גביר צו קענען אָוועקשענקען מיין אַרבעט? אָבער אַז אַן אָרעמאַן האָט אָנגעהויבן: „ר' פראָים־מנשה, ווילט איר טאַקע פאַרשטערן מיין קינדס שמחה? וואָס פאַר אַ קיק וועט האָבן מיין קינדס חתונה אָן אייער פידעלע? זיך פאַרזעצט און פאַרמשכונט, ווי אַזוי בין איך אַצינד אין שטאַנד צו באַצאָלן פינף און צוואַנציק רובל?" טרערן האָבן זיך געשטעלט ביים ייִד אין די אויגן, און פראָים־מנשה איז איינגעגאַנגען פאַר אַ צענערל, אָבי חלילה נישט צו פאַרשטערן אַן אָרעמאַנס שמחה. און אַז אַ ייִד האָט אויך דאָס צענערל נישט פאַרמאָגט אין מזומן, נאָר צוגעזאָגט, מיט גאָטס הילף, שפּעטער צו באַצאָלן, דאַרף מען חלילה פאַרשטערן אַזאַ אָרעמאַנס שמחה? האָט מען זיך געלאָזט באַגנוגענען בלויז מיִט די אָרעמע מטבעות וואָס עולם האָט „איינגעוואָרפן" ביים טאַנצן.

און עס איז זיך פאַרלאָפן, אַז דער געלער לייבישל, אַ קליין ייִדעלע וואָס האָט געצויגן חיונה אפשר פון אַ טוץ פרנסות (אַ מילך־פאַרקויפער, אַ וואַסער־טרעגער, אַ מלמד פון מיידלעך, אַ סוחר פון צוגעלעגן אויבסט און אונטער־שמש פון דער חברה הכנסת־אורחים, און צו דעם אַלעם גע־בליבן אַ ביטערער אָרעמאַן) האָט דערלעבט צו טאָן אַ שידוך מיט דעם עלטסטן מיידל און אַריינקריגן פאַר אַן איידעם אַ דאָרפס־מלמדל, — איז ער עטלעכע וואָכן פאַר דער חתונה אַריבערגעגאַנגען צו פראָים־מנשהן:

— גוט מאָרגן, רעב פראָים־מנשה.

— גוט מאָרגן, גוט יאָר, וואָס וועסטו עפּעס זאָגן גוטס, לייבישל?

— איך בין געקומען אײַך בעטן אויף מײַן מײדלס חתונה — האָט לײבישל געענטפערט.

— אַ שײנעם דאַנק, זײער פײַן פון דײַן זײַט וואָס דו האָסט נישט פאַרגעסן מיך צו בעטן — האָט פּראַים־מנשה געשמײכלט.

— איך נעם פאַר אַן אײדעם אַ גאָר ווױל ייִנגל, אַ לערנער, — האָט לײבישל דערצײלט — אײַ, רעב פּראַים־מנשה, פון ביסן ברויט אָפּגע־שפּאָרט צו סילוקן די פינף און זיבעציק קערבלעך נדן, אויסצוקלײדן די כלה, צו מאַכן אַן אַטלעסענע קאַפּאָטע דעם חתן. איר פאַרשטײט, רעב פּראַים־מנשה, אַ ייִנגל אַ לערנער, אַ פּוריסאָווער חסיד, ווי אַזוי קען מען אַן אַן אַטלעסענער קאַפּאָטע?

— נו, מילא, גאַנץ גוט וואָס גאָט האָט דיר געהאָלפן און דו האָסט אַלץ דורכגעבראָכן, — איז פּראַים־מנשה געוואָרן אומגעדולדיק. — אם ירצה השם וועל איך קומען צו דיר אויף דער חתונה.

— יאָ, — האָט זיך לײבישל אָנגעהויבן קראַצן די באָרד — יאָ, און למען השם, פאַרגעסט נישט מיטצונעמען אײער קאַפּעליע...

דאָ איז שוין פּראַים־מנשה אַרויס פון די כלים: „און וויפל געלט האָסטו אָנגעגרײט צו באַצאָלן?״

— אָבער, רעב פּראַים־מנשה לעבן, איך האָב דאָך אײַך שוין דער־צײלט, אַז איך האָב מיך אויסגעבערענגט ביזן לעצטן גראָשן. אמת, איך פאַרלאַנג חלילה נישט אומזיסט. אַ דרײערל האָב איך אָפּגעריסן — און אַרויסשלעפּנדיק פון קעשענע אַ פאַטשײלעכל, האָט ער עס פונאַנדערגע־בונדן און אַרויסגעלײגט אויפן טיש דרײ זילבערנע קערבלעך.

פּראַים־מנשה איז איצט שוין געוואָרן גוט אין כעס און אָנגעהויבן שרײַען:

— וואָס מײנען מיט זיך אַזעלכע פאַרכעס, אַז ער איז באַשאַפן גע־וואָרן בלויז אויף אָוועקצוגעבן זײַנע כוחות בײַ זײערע חתונות, אָדער וועלכע גוטע יאָר? אויף נדן, אויף אויסשטײער, אויף אַן אַטלעסענע קאַ־פּאָטע פאַרן כניאָק, אויף אַלץ סטײעט, בלויז די קלעזמאָרים דאַרפן אַר־בעטן לשם מצווה. נײן, אײן מאָל פאַר אַלע מאָל נײן. אויב ער וועט נישט אָוועקלײגן שוין אויפן אָרט פינף און צוואַנציק רובל, וועט ער אויף דער חתונה נישט שפּילן.

אַז דער געלער לייבישל האָט דערהערט, אַז פּראָים־מנשה הייסט זיך באַצאָלן אַ גאַנצן פינף און צוואַנציקער, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. מיט אַ קול אָנגעזאָפּט מיט טרויער האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— אַוודאי רעב פּראָים־מנשה זענט איר כשר גערעכט; ווי אַזוי האָט אַזאַ אָרעמאַן ווי איך גאָר געקענט טראַכטן, אַז אייער קאַפּעליע זאָל פאַר דריי קערבלעך קומען שפּילן אויף מיין קינדס חתונה? מילא, פאַרפאַלן, — האָט ער אַ קרעכץ געטאָן — עס איז מיר בלויז אַ ווייטיק פאַרן קינד, וואָס איר חתונה וועט שוין מוזן זיין אָן קלעזמאָרים.

ער האָט צוריק פאַרבונדן די דריי זילבערנע רובלס, געזאָגט אַ גוטן טאָג און אָנגעהויבן אַוועקגיין. פּראָים־מנשה האָט דעמאָלט דערפילט דעם ייִדס צער און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— וואַרט נאַר, לייבישל! ווען, זאָגסטו, וועט זיין די חתונה? שבת נחמו? פונקט אויסגעזוכט אַ צייט, ווען מען קאָן עפּעס פאַרדינען. המם, גיי אַהיים און זאָג דיין מיידל, אַז איך וועל קומען מיט דער גאַנצער קאַ־פּעליע און מיט דודל בדחן. די ערד וועלן זיי ביי מיר קייען, אויב עס וועט זיי איינפאַלן נישט צו וועלן גיין — האָט ער געמורמלט צו זיך. איך דאַרף נישט, צוליב די עטלעכע פאַרדאָסטע קערבלעך, זאָל אַ ייִדיש קינד האָבן אַ פאַרשטערטע חתונה.

און עס איז געווען אַ חתונה ביים געלן לייבישל, ווער מיר גוטס ווינטשט. פּראָים־מנשהס פידעלע האָט אויסגעוויינט די האַרצרייסנדיקסטע טענער ביים באַזעצן די כלה און דוד בדחנס באַזינגען די כלה האָט נאָס געמאַכט אַלע ווייבערשע ווייסע פאַטשיילעכלעך. און ביי דער סעודה האָט לייבישל אַרומגעהאַוועט צווישן די געסט אַ שיינענדיקער און אַלעמען גע־בעטן: עסט, ייִדעלעך, עסט געבייטלט ברויט מיט פיש, ס׳איז ברוך השם געננוג אָנגעגרייט, עסט ייִדעלעך, לאָזט אייך וווילגיין...

מחמת אָט דער וויכהאַרציקייט האָט זיך די קאַפּעליע אַ סך מאָל געבונטעוועט קעגן פּראָים־מנשהן. אָבער וואָס זענען זיי אַלע ווערט גע־ווען אָן אים? יאָ, פאַר אַ פּריצישן באַל אָדער פאַר אַ גויִישקער חתונה, צו וועלכע מען פלעגט רופן די ייִדישע קלעזמאָרים, האָט געקענט טויגן דאָס הילכן פון טראָמפּייט, דאָס פייפן פון פלייט, דאָס גרילצעניש פון באַס

און דאָס באַראַבאַנעווען פון דער קעסל־פויק. אָבער וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט געהאַט אַ ייִדישע חתונה אָן פראַים־מנשהס פידעלע?

איך ווייס נישט צו דערציילן פון דעם ייִדס יונגע יאָרן, ווי אַזוי ער איז געקומען צו ווערן אַ קלעזמער; איך בין אויך אַ קנאַפּער מבין אויף מוזיק. אָבער ווען אין מײַן געמיט הייבן אָן אויפגיין יענע האַרציקע טע־נער פון פראַים־מנשהס פידעלע, טראַכט איך, אַז דער מענטש איז געווען אַ קינסטלער פון גאָטס גענאָד.

אַט זע איך ווי פראַים־מנשה זיצט אַ ביסל אײַנגעבויגן, מיטן זײַדע־נעם קאָפּל אויפן קאָפּ, דאָס לינקע אויער אָנגעשפּאַרט אָן פידעלע און עס גיסן זיך טענער האַרציקע, אַזעלכע טרויעריקע וואָס דערמאָנען חתן־כלה און די גאַנצע עדה ייִדן, אַז קורץ, פאַרבײַשווימענדיק איז דעם מענטשנס גליק. נאָך אַ קרעכץ פון די סטרונעס און ייִדן דערמאָנען זיך, אַז אַ וועלט איז נישט הפקר; נאָך אַ ציטער פון דעם בויגן איבער די סטרונעס דער־מאָנט אַ שטיל כליפּען פון אַ פאַריתומט קינד און עפּעס האָט זיך אָנגע־הויבן אָפּרייסן אינעווייניק. ווײַבערשע טיכלעך ווערן אויסגעווייקט פון טרערן, פאַרהאָרעוועטע מאַנספּאַרשוינען דערפילן גלײַך ווי אַ פּויסט וואָלט זיי געשטיקט אין האַלדז. און פראַים־מנשה, פונקט ווי ער וואָלט אין גאַנצן נישט געוווּסט אויף וועלכער וועלט ער געפינט זיך, זיצט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפן פידעלע, פירט מיטן בויגן איבער די סטרונעס און האַלט אין איין אויסווײַנען דאָס מענטשלעכע לעבן און די רגעדיקע פרייד וואָס פאַרשווימט. ערשט ווען פון דאָ און דאָרט דערהערט זיך אַ הויך ווײַבעריש כליפּען, כאַפּט זיך פראַים־מנשה אויף, ער גיט זיך אַ האַסטיקן קוק אום און די טענער ווערן מיט אַ מאָל אויס־געלייטערט, שטראָמען מיט פרייד גיסן זיך מיט שפע. עס אַנטפּלעקן זיך ליכטיקע פרימאָרגנס, ס׳גייען אויף טעג זוניקע, לויטערע, גלײַך בלאָע הימלען וואָלטן זיך אָפּגעשאָרט פון אונטער וואָלקנס, יונגוואַרג נעמט זיך טאַנצן, חתן־כלה דערמאָנען זיך אין פריידיקע טעג און נעכט פול מיט גליסטונג, עלטערע ייִדן טרינקען לחיים און עס הייבט זיך אָן די אמתע פרייד פון דער חתונה.

און כאָטש עס איז נישט געווען דער שטייגער אַז פרומע ייִדן, חסידים און למדנים זאָלן האַלטן פון קלעזמאָרים, וואָס זענען בטבע גרינג אויף

יידישקייט, האָבן אַלע יידן פון זשעלעכאָוו אָפּגעגעבן כבוד פראַים־מנשהן; קיינער וואָלט נישט מוותר־געווען אויף פראַים־מנשהס שפּילן ביי זיין קינדס חתונה. ווען דער קאָזשעניצער רבי פלעגט קומען קיין זשעלעכאָוו, האָט ער שטענדיק פאַרבעטן פראַים־מנשהן אויף שבת צונאַכטס נאָך הבדלה, ער זאָל פאַר אים שפּילן דעם המבדיל. דער רבי האָט אים שוין נישט אָפּגעלאָזן ביז נאָך מלוה־מלכה, וואָס פלעגט זיך פאַרציִען ביזן ווייסן טאָג אריין. איך דערמאָן זיך, אַז חיים קירער, אַ שאַרפער קאָזשעניצער חסיד האָט דערציילט דעם טאַטן מיינעם, אַז דער רבי ר׳ משהלע פון קאָזשעניץ האָט אַ מאָל אַ זאָג געטאָן: „אין פראַים־מנשהס פידעלע שטעקט מער יראת־שמים און אהבת הבורא ווי אין אונדזער דאַוונען, לערנען און אין מקווה גיין”.

אויבנאויפיק האָט מען געקענט טראַכטן, אַז דער ייִד איז צופרידן מיט זיין גורל: אמת, ער איז נישט אַרומגעשווומען אין שפע, אָבער אַז פּרנסה איז ברוך השם געווען, די קינדער זענען געווען געזינט, די מיידלעך זענען אויסגעוואַקסן און געבליט ווי רויזן, זענען אונטערגעקומען בעלי־מלאכות גוטע פאַרדינערס און זיי אַרויסגעכאַפּט פון טאַטנס הויז. איז וואָס־זשע זינדיקן? איז אָבער פראַים־מנשה נישט געווען סתם אַזוי אַ קלעזמער. ער האָט שטאַרק געוואָלט, אַז די־אַ פּראָפעסיע זאָל נישט אָפּגעשניטן ווערן מיט אים, נאָך די הונדערט און צוואַנציק. דער ייִד האָט אין זיך געוואָרעמט אַ טרוים, אַז עמעץ פון זיין הויזגעזינד זאָל איבערנעמען דאָס פידעלע, ווען עס וועט אַרויספאַלן פון זיינע הענט. און ווי אויף צו להכעיס זענען זיינע ערשטע קינדער געווען מיידלעך, וועט ער דאָך נישט גיין מאַכן די טעכטער פאַר קלעזמאָרים. און אַז דאָס איינציקע ייִנגל זיינס איז אונטערגעוואַקסן און פראַים־מנשה האָט אים אָנגעהויבן צו־ווייזן אויף דער פידל; לערן זיך, שפּיל. האָט עס זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז אַרויסגעוואָרפן די טרחה. וויפל פראַים־מנשה האָט זיך אַליין געוואָלט אָפּנאַרן און מיט כל אמצי כוחות געוואָלט מאַכן זיין בן־יחיד פאַרן יורש פון זיין פידעלע, איז דערפון גאָר נישט אַרויסגעקומען. מער ווי צו אַ מעכאַניש גרילצן איז נישט דערגאַנגען. אַ פאַרביטערטקייט האָט זיך אָפּגעזעצט אין דעם אַלטן קלעזמערס האַרץ. מיט אַן אומעט, געמישט מיט שרעק, האָט עס אים בסדר געגאַגט: „דאָס פידעלע וועט אַרויספאַלן פון

דײַן האַנט און עס װעט זיך נישט געפֿינען קײן יורש װאָס זאָל עס אויפֿ־הייבן״.

װען פֿראָים־מנשהס האָר האָבן זיך גענומען זילבערן אויף װײַס, ערשט דעמאָלט האָט אויפֿגעבליצט אַ פֿונק פֿון האָפֿענונג. עס האָט זיך אָפּגעזוכט אַ יורש פֿאַר דער פֿידל פֿונעם אַלטן מײַסטער. דער יונגער ישראל האָט אַרויסגעװיזן די ריכטיקע תשוקה צו די כלי־זמר.

*

ישראל איז געװען דאָס דריטע אײניקל פֿראָים־מנשהס. װי לעבעדיק גײט אויף פֿאַר מײַנע אויגן יענע חתונה, װען איך האָב ישראלן געהערט שפּילן דאָס ערשטע מאָל. מײַן פֿעטער, דער מאַמעס עלטערער ברודער פֿון סאָבעלעװ, אַכצן קילאָמעטער פֿון זשעלעכאָװ, האָט חתונה געמאַכט זײַן ערשטע טאָכטער. דער פֿעטער איטשע איז געװען אַ נגיד, האָט ער, פֿאַר־שטײט זיך, באַדונגען די זשעלעכאָװער קאַפּעליע. פֿון אונדזערע זענען אַלע געפֿאָרן צו דער חתונה און אויך מיך האָט מען מיטגענומען. איך בין דעמאָלט אַלט געװען אַ יאָר נײַן. אַרײַנגעקומען אין דער גרויסער, העל־באַלויכטענער שטוב און זיך צוגעשאַרט צו די קלעזמאָרים, האָב איך לעבן פֿראָים־מנשהן דערזען זיצן אַ יינגל מיט אַ יאָר דרײַ עלטער פֿון מיר, אָנ־געטאָן אין אַ שװאַרץ געהאַקט קאַפּאָטקעלע און אַ װײַס קעלנערל מיט אַ שניפּסל האָט אַרומגענומען זײַן דינעם האַלדז. פֿון דעם לענגלעך אַליװן פּנימל האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר אויגן, װאָס האָבן, װי מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, געקוקט מיט שרעק און מיט נײַגיר צוזאַמען. דער גאַנצער געפֿילדער פֿון שורשנדיקע זײַדענע קאַפּאָטעס און קלײדער, סאַמעטענע היטלען און שטרײַמלעך, האָבן צעטומלט דאָס ייִנגל. ער האָט געהאַלטן אַ קלײן פֿידעלע. װען פֿראָים־מנשה האָט געגעבן אַ צײכן דער קאַפּעליע, זי זאָל זיך צוגרײטן, האָט דאָס ייִנגעלע אָנגעשפּאַרט די גאָמבע אויפֿן פֿידל, צוגעלײגט צו דעם דאָס לינקע אויער און מיטן בויגן געגעבן אַ פֿיר איבער די סטרונעס. אויף פֿראָים־מנשהס אַ נײַעם צײכן, האָבן אַלע אָנגעהויבן שפּילן. און דאָס ייִנגעלע מיט אַלעמען. און אַ מאָדנע זאַך: פֿון צװישן דעם גאַנצן טומל און רעש, פֿונעם פּײַפֿן פֿון דער פֿלײט, פֿונעם הילכיקן טראָמפּײט, פֿונעם גרילצעניש פֿונעם באַס און באַראַבאַנעװען פֿון

דער קעסלפויק, זענען געפלאָסן לויטערע, צאַרטע קלאַנגען, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון יינגעלעס פידל. נישט קיין איבערשרייענדיקע טענער זענען דאָס געווען, נאָר אַזעלכע דינע, שטילע, וואָס האָבן זיך געגאָסן, זענען געפלאָסן אין גאַנצן באַזונדער, אַקוראַט ווי אַ קלאָר וואַסערל, וואָס שניידט זיך אַ וועג צווישן פעלדזן. ס'איז געווען אַזוי ווי די טענער וואָלטן נישט געהאַט קיין שייכות מיטן טומל פון אַרום. מיט דער נייגיריקייט פון אַ ניין־יעריק קינד האָב איך מיט די אויגן זיך איינגעגעסן אין דעם יינגעלע, וואָס האָט מיט אַזאַ זיכערקייט געשפּילט אויפן פידל. עפּעס אַ פאַרבאָרגענער כוח האָט מיך גענומען ציִען צו דעם קליינעם קלעזמער. און בכלל האָבן ייִדן, וואָס האָבן בטבע ליב נגינה, זיך באַלד דערקענט אויף דעם יינגעלע. טאַקע אויף דער אייגענער חתונה, — שוין ביים עסן — האָט מען געהאַלטן אין איין בעטן פּראַים־מנשהן, ער זאָל הייסן דאָס אייניקל שפּילן. דאָס יינגעלע האָט געשפּילט פאַרשיידענע שטיקלעך, אַן אבינו מלכינו, אַ היום הרת עולם און רבונו של עולמס. זילבערנע מטבעות און האַלבע קערבלעך זענען געפאַלן אויפן טיש אַרויף ווי מאַן. און מיין פעטער, דער בעל־שמחה גופא, האָט אַריינגעשטופּט אין האַנט פון קליינעם קלעזמער אַ גאָלדשטיקל; אַ יישר כוח אייך, ר' פּראַים־מנשה, פאַרן נחת רוח וואָס איר האָט מיר צוגעטיילט. דעם אַלטנס פּנים האָט געשיינט, פון די אויגן איז אים געפלאָסן טרערן־פרייד, וואָס ער האָט זוכה געווען שוין ביי זיין אייניקלס „ערשטן אַרויספאָר״.

שפּעטער האָט שוין פּראַים־מנשה מיטגענומען דאָס אייניקל אויף אַלע חתונות און דעם אַלטנס האַרץ איז געוואַקסן וואָס עס האָט זיך אָפּגעזוכט פאַר זיין פידל אַ ווירדיקער יורש, טאַקע פון זיין אייגן הויזגעזינד. און ער האָט זיך נישט גענאַרט, דער אַלטער פּראַים־מנשה אין זיינע האָפענונגען. מיט דער חשיבות פון אַן אמתן קינסטלער האָט ישראל פּראַים־מנשהס אין זיין גאַנץ קורץ לעבן זיך געטוליעט צום זיידנס פידעלע, אויסגעוויינט אויף זיינע סטרונעס די גאַנצע בענקשאַפט, דעם פולן צער און די מינוטיקע פרייד פון זיין ייִדיש לעבן.

איך ווייס נישט קיין סך צו דערציילן וועגן ישראלס קינדער־יאָרן, וואָרן איך אַליין שטאַם פון אַ פרומער, חסידיש־פאַנאַטישער היים. איצט ווייס איך נישט, ווי אַזוי איך אַ גמרא־יינגל האָב זיך געקענט דערנענטערן

צו אַ קלעזמערל, וואָס האָט נישט געהאַט קיין עול פון חדר און איז גאָר גאַנצע טעג און האַלבע נעכט אַפּגעלעגן ביים זיידן, געשפּילט פידל און געגאַנגען אויף חתונות. איך דערמאָן זיך נאָר מיין בענקשאַפט צום קליי־נעם פידלער, פאַר וועמען איך בין אין יענע יאָרן גרייט געווען אַלץ אַוועק־צוגעבן פאַר דער נאָענטקייט צו אים: אַ חוץ דעם עצם פאַקט וואָס אַ צוועלף־יאָריק יינגל איז געזעסן אויבנאָן פון דער קאַפּעליע און איז געווען די רעכטע האַנט פון פּראָים־מנשהן, איז עפּעס געלעגן אין אָט דעם יינגל וואָס האָט מיך געלאָקט צו זיך. שוין דער שטילער טרויער פון זיינע אויגן האָט גערייצט מיין פאַנטאַזיע און שטענדיק ווען איך האָב אים געטראָפן האָט זיך מיר געדוכט, אַז אין דעם יינגל ליגט באַהאַלטן אַ טיפער סוד וואָס ער האָט צוויבערנדיק פאַרבאָרגן אין זיך.

ערשט מיט יאָרן שפּעטער איז מיר באַשערט געווען זיך צו דערנענ־טערן צו ישראלן דעם קלעזמער. עס איז געווען דער ערשטער זומער נאָך פוילנס באַפרייונג. אין די יידישע שטעטלעך האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן. פון דורות אויסגעטרעטענע וועגן זענען פאַרלאָזן און פאַרוואַקסן געוואָרן. זעלטן אַ פאַרשפּעטיקטער גייער האָט יענע שטעגלעך נאָכאַמאָל באַטרעטן. פּראָבלעמען פון וועלט און לעבן האָבן פּלוצלינג געמאָנט אַ באַשייד. די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט געצונדן האָפענונג פון באַנייאונג אויף אַלטער יידישער ערד. דאָס גרויסע וווּנדער פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט געווונקען מיט פייערלעך פון אַ וועלט אַ געענדערטער אויף די יסודות פון יושר און גערעכטיקייט. עס האָט געקאָכט און געזידט אויך אין זשעלעכאָוו. פאַרטייען און פאַראיינען זענען אויפגעקומען. בפרט אַז קיין גרויסע געל־טער האָט מען נישט באַדאַרפט אויף אויפצושטעלן אַ פאַראיין. צוויי שטיבלעך מיט אַ טיש, אַ פּאָר לאַנגע בענק, אַ שענקל מיט אַ ביסל ביכער, די ווענט באַצירט מיט פּאָרטרעטן פון פּרץ, שלום עליכם, מיט הערצלען אין די ציוניסטישע פאַראיינען, מעדעם און גראָסער ביי די בונדיסטן, בער באָראָכאָוו ביי די פּועלי־ציוניסטן און דער פאַראיין איז געווען פאַר־טיק. דעמאָלט אַ זיבעצן־יאָריק בחור'ל האָב איך שוין אין יענער צייט, צו מיין טאַטע־מאַמעס ווייטיק, אַוועקגעוואָרפן די גמרא און אָנגעהויבן קנעלן פּאָליטישע עקאָנאָמיע, היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און באָראָכאָוויזם.

דער וואַרשעווער סטודענט וואָס האָט ביי אונדז אָנגעפירט מיטן

פּועלי־ציוניסטישן פאַראיין, האָט מיר איבערגעגעבן אַ יוגנט־קרייז, מיט וועלכן איך האָב באַדאַרפט קנעלן די נייַע תורה. עס איז געווען אין איינעם אַ זומערדיקן אָוונט, ווען אין דעם קרייז פון די צוואַנציק יינגלעך און מיידלעך האָט זיך באַוויזן — פייגעלע.

ווען אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום לאַנגן טיש, האָב איך ערשט דערזען אַן אומבאַקאַנט פּנים פון אַ מיידל וואָס איז געזעסן פּונקט אַנט־קעגן מיר. אַ וווּנדער־שיין פּנימל פון אַן אַכצן־יעריקער. די עטוואָס פולע, קיילעכדיקע בעקלעך האָבן געמיניעט מיט לייכטער ראָזקייט, פון אונטערן ווייס־טיולענעם קליידל האָבן לייכט געפלאַטערט יונגע בריסטלעך. צוויי שוואַרצע דיק־פאַרפלאָכטענע צעפּ זענען געווען אַריבערגעוואָרפן איבער די צאַפּלענדיקע בריסט און פינקלדיקע אויגן האָבן מיר געקוקט גלייך אין האַרץ אַריין. איך בין געבליבן ווי צעמישט און פאַרבלענדט. מיינע זיבעצן יאָר האָבן געגעבן אַ שטורעם אויף און זיך געריסן אַרויס, אַוועק ווייט אין הייסן זומער־טאָג אַריין. מילא, וואָס פאַר אַ טעם עס האָט געהאַט מיין לערנען אין יענעם אָוונט, איז לייכט זיך אויסצומאָלן. ווען מיר האָבן זיך אויפגעהויבן און אַלע האָבן זיך צעשיט אין פאַרנטדיקן צימער, האָב איך דערזען ישראל קלעזמער ווי ער איז צוגעגאַנגען צו דעם מיידל. ער איז גע־ווען אין אַ העל רעקל, איבער וועלכן עס האָט זיך אַריבערגעלייגט אַ ווייסער „סלאָוואַצקי״־קאָלנער. זיין אַליוו־פּנים איז געווען לייכט פאַררויטלט און די אויגן האָבן געשיינט. אַ באַקאַנטער האָט מיר פאַרגעשטעלט פייגעלען. איר דינע און שלאַנקע פיגור, אַרומגעהילט פונעם ווייס טיולענעם קלייד מיט די פאַלבאַנעס האָט זי אויסגעזען אַ שוועבנדיקע. „זייער אנגענעם אייך צו קענען״, האָט געקלונגען איר זילבערן שטימעלע — „איך האָב שוין לאַנג געוואָלט זיך פאַרשרייבן אין אייער קרייז״, און זי האָט זיך דער־מאָנט, אַז זי האָט שיער־נישט פאַרגעסן מיך פאַרצושטעלן פאַר איר באַ־קאַנטן. „זיי באַקאַנט, ישראל — האָט זי אַ זאָג געטאָן — דאָס איז דער לערער פון אונדזער קרייז״. דריקנדיק מיין האַנט האָט ישראל שמייכלענ־דיק געזאָגט: „איך קען אייך, איר זענט דאָך שימעלע שוחטס זון״. „מיר קענען אַפילו נישט אויסקומען צווישן זיך, — האָט פייגעלע מיט אַ קלוגן בליק זיך אַריינגעמישט — ער איז אַ בונדיסט און איך אַ פּועלי־ציוניסט־קע״. „איר וועט זיך שוין אויסגלייכן״ — האָט ווער באַלד אַריינגעוואָרפן

אַ װיך. אַלע האָבן זיך צעלאַכט, פײגעלע האָט זיך גערױטלט, ישראל האָט פֿאַרלעגן געשמײכלט און מיר זענען זיך צעגאַנגען.

אַזױ האָט זיך אָנגעהױבן מײן באַקאַנטשאַפֿט מיט ישראל קלעזמער. יעדן מאָנטיק און מיטװאָך, אין די אָװנטן פֿון מײן קרײז, פֿלעגט ער קומען אָפּנעמען „זײן מײדל". מיר פֿלעגן זיך באַגריסן, אַ מאָל אױסרעדן עטלעכע װערטער. ער איז נאָך אַלץ געװען אַזאַ צוריק־געהאַלטענער, זײנע אױגן פֿלעגן שטיל אױפֿציטערן מיט פֿרײדיקן פֿלאַטער, װען ער האָט זיך געטראָפֿן מיט פֿײגעלען, נעמען זי אונטערן אָרעם און אַװעקגײן. מיך האָט עס דװקא געצױגן צו אָט דעם בחור, געװאָלט מיט אים פֿאַרפֿירן אַ שמועס, כאָטש איך האָב נישט געװוּסט װאָס איך דערװאַרט פֿון דער אַזױ געגאַרטער נאָענטקײט. עס האָט זיך אָבער נישט געמאַכט קײן געלעגנהײט דערצו. ביז אײן מאָל האָט זיך פֿאַרלאָפֿן אָט װאָס: פֿײגעלע האָט עטלעכע מאָל אױסגעפֿעלט אױף די לעקציעס פֿונעם קרײז. געפֿרעגט אירע באַקאַנטע צי זײ װײסן נישט די סיבה פֿון איר נישט קומען, האָט מען מיר געזאָגט, אַז זי איז עפּעס נישט געזונט. אַז עס זענען פֿאַרבײ צװײ װאָכן און זי האָט אַלץ זיך נישט געװיזן, האָב איך באַשלאָסן גײן זי מבקר חולה זײן. איך װײס איצט נישט פֿאַרװאָס יענער זומערדיקער פֿאַרנאַכט האָט זיך אײנגעקריצט מיט אַזאַ קלאָרקײט אין מײן זכרון. כלערלײ געפֿילן מישן זיך אין מיר, װען כ'װיל בײ זיך אַלײן איצט אָנטפּלעקן דעם פֿאַרװאָס — װאָס אײגנטלעך עס האָט מיך אַזױ געצױגן צו זען פֿײגעלען. האָב איך זי ליב געקריגן? צי עס האָט מיך געלאָקט דער שאָטן פֿון פֿײגעלען און זײן נאָמען איז ישראל קלעזמער, צו װעלכן איך האָב שױן אַן אַלטע שװאַכקײט? אפֿשר, אפֿשר.

געענוג דאָס װידעראָמאַליקע איבערקלערן יענע געפֿילן. אָבער בולט זע איך יענץ גאָרן־שטיבל אין משה װעלװל־יאָקלס הױז, װוּ עס האָט געװױנט פֿײגעלעס מוטער. די טיר האָט מיר געעפֿנט אַ יונגע פֿרױ פֿון אַ יאָר עטלעכע און דרײסיק, אַ שטאַרק ענלעכע צו פֿײגעלען. בלױז דאָס פּנים איז געװען אַן עלטערס און צװײ קנײטשן האָבן דורכגעשניטן די מױל־װינקלען. אױף מײן פֿראַגע צי דאָ װױנט פֿײגעלע גליקסבערג — האָט זי מיר געענטפֿערט: יאָ, דאָ װױנט זי, קומט אַרײן.

דאָס לענגלעכע שטיבל האָט געפֿאַכלט פֿון רײנקײט. נישט װײט פֿון

פענצטער איז ביי אַ ניי־מאַשין געזעסן אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן; לינקס פון דער טיר, ביי דער וואַנט לעבן פענצטער איז אין בעט געלעגן פייגעלע. איבערן בלייכן פנים האָבן געפלאַטערט פאַסמעס צעפלאָסענע שוואַרצע האָר, צעשאָטענע אויפן ווייסן קישן, און רויטע פלעקן האָבן געשפּילט אויף די שפּיץ־באַקן. עס איז געווען באַשיימפּערלעך די פאַרצערנדיקע קראַנקייט. לעבן בעט איז געזעסן ישראל. איך בין געבליבן שטיין אין טיפער פאַרלעגנהייט: צו וואָס אייגנטלעך בין איך דאָ אַהערגעקומען? אָבער באַלד האָט פייגעלע אַ זאָג געטאָן:

— זע נאָר, אַן אומגעריכטער גאַסט! אָ, אַ שיינעם דאַנק אייך פאַרן וויזיט. וואָס־זשע שטייט איר? — און זי האָט מיר געוויזן אַ בענקל און געבעטן זיצן.

— יאָ, — האָב איך אָנגעהויבן שטאַמלען, פאַרענטפערנדיק זיך — שוין די דריטע וואָך, אַז מען זעט אייך נישט. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט נישט געזונט, בין איך געקומען זען וואָס איר מאַכט.

— אָבער וואָס פאַרענטפערט איר זיך? — האָט זי געשמייכלט — אדרבה, עס איז זייער שיין פון אַ לערער צו קומען זען אַ קראַנקע שילערן.

— שוין ווידער אָנגעהויבן מיט אייער „לערער" — האָב איך זיך געקרויטלט — וואָס פאַר אַ לערער בין איך אייך? האָב איך נישט קיין נאָמען?

— איך וועל שוין נישט מער — האָט זי זיך שוין געפּיעשטשעט — גייט נישט אַוועק, שלמה. און זי האָט מיר דערציילט, אַז זי איז געווען פאַרקילט און אַ ביסל געהוסט. מיין מאַמע, האָט זי געשמייכלט, איז אַן איבערגעשראָקענע, האַלט זי מיך שוין גאַנצע צוויי וואָכן אין בעט. אָבער מאָרגן, אויב עס וועט זיין אַ שיינער טאָג, וועל איך שוין אַרויסגיין אין גאָס, אמת? — האָט זי זיך געוואָנדן צו ישראלן, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסן אַזאַ פאַרטראַכטער, ווי ער וואָלט נישט דאָ געווען.

— איך גלייב, אַז יאָ, — האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט און איר געשיקט אַ בליק פול צאַרטקייט און ליבע.

אַ ווייל איז געווען זייער שטיל און פּלוצלינג האָט פייגעלע אַ זאָג געגעבן:

— װײסטו װאָס, ישראל? דו האָסט דאָך דײַן פֿידל, אפשר װאָלטס־טו עפּעס געשפּילט?

— װאָס עפּעס אַצינד?

— איך בעט דיך, ישראלשי — האָט זי זיך אָנגעהױבן בעטן װי אַ קינד, גענומען גלעטן זײַן האַנט, — רבקהלע לײגט שױן סײ װי סײ אַװעק די אַרבעט, און מיר האָבן דאָך אַ גאַסט אױך. פֿאַרװאָס זאָלסטו מיר נישט צוליב טאָן?

— זאָל זײַן, — האָט ישראל אומגערן געשמײכלט. אױפֿגעשטעלט זיך, אַראָפּגענומען פֿון װאַנט די פֿידל, געלאָסן זיך אַװעקגעזעצט און געפֿרעגט:

— װאָס־זשע שפּילן, פֿײגעלע?

— װאָס דו װילסט, — האָט זי אַ זאָג געטאָן — און אױב דו האָסט חשק, שפּיל דאָס װאָס דו האָסט יענע װאָך געשפּילט: דײַן אײגענע פֿאַר־פֿאַסונג.

— איר פֿאַרפֿאַסט אַלײן מוזיק, ישראל? — האָב איך געפֿרעגט אַ דערשטױנטער.

— װײס איך װאָס, — האָט ער פֿאַרשעמט געשמײכלט און אָפּגע־קערט דעם בליק.

— שפּילט עס טאַקע, ישראל, — בין איך שױן נישט אָפּגעשטאַנען.

אָנגעשפּאַרט דאָס פּנים אױף דער פֿידל, האָט ער אַ פּיר געטאָן עטלעכע מאָל דעם בױגן און אָנגעהױבן שפּילן. און עס האָט זיך יענעם פֿאַרנאַכט פֿאַר מיר אַנטפּלעקט אַזאַ שטילע, צאַרטע בענקשאַפֿט פֿון זומערדיקע בין־השמשותן, װען אין אָפֿענעם פֿענצטער פֿון דײַן אײנזאַם צימער גוסט אָפּ די פֿלאַמיקע זון מיט אירע לעצטע שטראַלן און דײַן האַרץ ציטערט אױף בײַ יעדן שאָרך: „װעט זי קומען צו דיר, דײַן אױסגעטרױמטע מײדל?" עס פֿליסן טענער פֿול דערװאַרטונג, פֿול נאַגעניש און ס'װערט ענג פֿון דעם אין גאַרנדיקן שטיבל. איך זיץ מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם. און מיט אַ מאָל גיסט זיך אַרײַן אַ טאָן פֿון האָפֿענונג. פּאַמעלעך טרעטן אָפּ דער טרױער און די בענקשאַפֿט. עס דערטראָגן זיך שװעבנדיקע טריט. אָט, אָט דערנענטערן זיך די טריט פֿון דער געליבטער. אָנגעגאָסן מיט פֿרײד ציִען זיך שױן די טענער מיט שטאַרקײט און ס'קומט אַ פֿראַליקער אױסגעשרײ

פון באַגייסטערונג. אָרעמס קלאַמערן זיך מיט פעסטקייט, פרעסן זיך איין אין אײנאַנדער און אַ גלײַך־פלאַמיקער קוש שליסט צונויף, פאַראייניקט ביידע געליבטע.

די פידל איז אַנטשוויגן געוואָרן. האַלב־טונקלקייט האָט שוין פאַר־הילט דאָס שטיבל ווען איך האָב מיך געזעגנט. אויך ישראל האָט געזאָגט, אַז ער מוז נאָך ערגעץ צוגיין און ער האָט מיך באַגלייט. אַ שטיקל צייט זענען מיר געגאַנגען און געשוויגן. צוגעקומען צו דער בית־המדרש־גאַס, ווו מיר האָבן זיך באַדאַרפט פונאַנדערגיין, איז מיר מיט אַ מאָל געוואָרן געוואַלדיק אַ שאָד דאָס צעשיידן זיך מיט אים און איך האָב אַ זאָג געטאָן:

— אפשר וואָלט איר, ישראל, געוועזן אַ בעלן נאָך אַ ביסל זיך איבער־צוגיין?

— איך האָב זיך נישט וואָס צו איילן. יאָ, איך וואָלט גערן אַ ביסל שפּאַצירט.

מיר האָבן זיך פאַרנומען צום וואַרשעווער שאָסיי. איך האָב אָנגע־הויבן רעדן צו אים, אים האָט זיך אָבער נישט גערעדט. מוזיק? ס'איז אים אומעטיק ביי דער מוזיק. אומעטיק ס'גאַנצע לעבן. זשעלעכאָוו? נישט זשעלעכאָוו איז שולדיק. כ'ווייס דאָרט! קענטיק, נישט גערן האָט ער גע־וואָלט הערן זיין אייגן רעדן.

מיר זענען געגאַנגען אין טיפן שווייגן און ס'איז אים געווען ליבער. מיר איז אַזאַ שפּאַצירן געווען דערווידער. ס'האָט זיך דווקא געוואָלט עפּע־נען ס'האַרץ ביי דעם ווילן יונגן מאַן. כ'האָב באַגערט אַ ביסל נאָענט־קייט. די טייערע פייגעלע האָט עס דערגרייכט. כ'האָב אָנגעהויבן.

— איר קענט, זע איך, פייגעלען. האָט איר געהערט וואָס זי דער־ציילט וועגן איר צוגעקילטקייט?

— אַ שיינע צוגעקילטקייט, — האָט ער מיט ביטערניש זיך אָפּגע־רופן. — סך הכל זענען עס נישט מער ווי סוכאָטעס, געוירשנטע פון איר טאַטן. איך ווייס נישט וויפל צייט איך וועל נאָך זיין אין שטאַנד זי אַרויס־צורייסן פון מלאך המותס נעגל. איר ווייסט, — איז ער מיר שוין מגלה סוד — וויפל ס'איז שוין געטאָן געוואָרן פאַר דעם? און אָפּגעזיפצט. זאָל איך נעמען אַוועקפאָרן, זוכן קאַריערע און זי איבערלאָזן? איך טאָר עס נישט — — — ס'וועלן אַוועק יאָרן — האָט ער שוין ווייטיקלעך גערעדט,

מער צו זיך אַליין ווי צו מיר, — זי וועט אויפגעפרעסן ווערן פון די באַ־
צילן און איך וועל עס נישט האָבן צוגעזען. איז עס גוט? און אַז איך וועל
צוריקקומען, לאָמיר זאָגן אַ באַרימטער פידלער, וועמען וועל איך טרעפן?
אַ קבר? אויפן בעסטן אופן אַ שאָטן פון אַן אויפגעצערטן מענטש, וואָס
איז אַזוי שיין געווען! אָ, קיין איינציקע וואָך וואָלט נישט איך און נישט
זי אויסגעהאַלטן, — האָט זיין שטימע זיך צעיאָמערט. און ישראל איז
פלוצלינג שטיל געבליבן מיט אַ האַרט שווייגן.

וואָס האָב איך, אַ זיבעצן־יאָריקער אים געקענט מער זאָגן? וואָס
עצהנען? אַ נאָגנדיקער טרויער האָט פאַרפלייצט מיין געמיט און כ׳האָב
שטיל געדריקט זיין האַנט.

— — — — — — — — — — — — — — —

אַ סך מאָל האָב איך אים שפעטער געהערט שפילן און שטענדיק
האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז מיט יעדן פיר פון בויגן וויינט אויס
ישראל קלעזמער זיינע פאַרלוירענע, צערונענע חלומות.

13

חיים קירער

זומער איז אונדזער נאָפּט־האַנדל געווען גאָר שוואַך און דער טאַטע איז געווען ווינציק פאַרנומען. וויעטשערע האָט מען אָפּגעגעסן פאַרנאַכט; ס'איז נאָך מינחה און אויפן שאָסיי, וואָס אַנטקעגנאַיבער אונדזערע פענצטער פאַרבט זיך דער הימל אין רויט־גליענדיקער שקיעה; פון די הויכע לוחות אויפן סאַמע שפּיץ פון דער שיל הייבט אָן אַראָפּנידערן די נאַכט; אַ בלאָע טונקלקייט נעמט זיך שאַרן און פאַרהילן די הימלען. פון ערגעץ ווו איז אַרויסגעשווומען אַ שטערן אַ פאַרויסגייער, וואָס זיין שוואַכער פינקל ווערט פאַרלוירן אין דער פלאַמיקייט פון אונטערגייענדיקן טאָג, און ער בעט זיך: „איך וויל נישט שטאַרבן". פאַמעלעך, פאַמעלעך, רוקט אָן די נאַכט, שלינגט איין די פאַרבליבענע שטיקלעך ליכט. פון אַלע זייטן זיינען מיט אַ מאָל אַרויסגעשווומען טויזנטער, מיליאָנען שטערן וואָס פינקלען איבער די טונקל־בלאָע הימלען. נאַכט איז געוואָרן איבער דער וועלט.

אין אַזעלכע פאַרנאַכטן פלעג איך מיטן טאַטן אַריינגיין צו משה־דוד שוחט, וועלכער איז אַ חוץ דעם טאַטנס גוטער פריינד אויך געווען דער מאַמעס אַ קרוב. משה־דודס הויז איז באַוווינט פון אַ סך שכנים און זיין דירה איז אַ גרויסע, בריוווחדיקע און שטענדיק טרעפט מען ביי אים מענטשן. די גרויסע פיר־עקיקע שטוב איז העל באַלויכטן פון גרויסן בליך־לאָמפּ וואָס הענגט איבערן לאַנגן אויסרוק־טיש. דורך די דריי אָפענע פענצטער אין גאַס אַרויס רייסט זיך אַריין אַ מילד ווינטל וואָס די נאַכט האָט אָנגעברענגט; די צעגליטע ביימער פון בעדנערס סאָד האָבן זיך צע־שטיפט און מיט פאַרשווענדערישקייט פונאַנדערגעשפּרייט בשמים־ריחות.

זיצט מען אַרום דעם גרויסן טיש; עס קומט אַריין גיטמאַן שוחט, אַ הויכער ייִד מיט צוויי קלוגע אויגן. ער איז עס דער גבאי פון אונדזער שטיבל און שטענדיק וויצלט ער זיך: אַז אייגנטלעך איז זיין הויפּט־געַ־

שפּט גבאות, נאָר אַ חוץ דעם האָט ער אַ זײַטיק פּרנסהלע — שחיטות. שמיני עצרת שטײט ער אויף אַ באַנק, דאָס שטרײַמל אַרויפגערוקט איבערן שטערן; אַ צעהיצטער און פאַריאַכמערטער רופט ער אויס צו הקפות. דער־מאָלט שטופּ איך זיך צו צו אים, אַז ער זאָל מיך חלילה נישט פאַרטײַלן; און טרעפט ער זיך מיט מײַן בעטנדיקן בליק, טוט ער טויט־ערנסט אַ זאָג: האָב נישט פאַראיבל, שלמהלע. אָט קריגסטו אַן הקפה. ער נעמט אַ געשמאַקן שמעק טאַבאַק און באַלד טאַקע טוט ער אַ רוף אויס: החתן שלמה בר׳ שמעון מכבד מיט כבוד התורה. — לאַנגע יאָרן אויף אים, פאַר זײַן אין זינען האָבן מיך.

ס׳שטעלט זיך אויך אַרײַן מײַן מלמד לוזער שניצער. זײַן טונקל פּנים איז אַרומגענומען מיט אַ פעך־שוואַרץ בערדל און די אויגן בלישטשען. אַ חוץ מיט מלומדות, פאַרנעמט זיך דער ייִד אויך מיט שניצערײַ, כישופט אויס פון שטיקער האָלץ וואָס די סטאָליאַרעס ברענגען אים כלערלײ בלו־מען און פיגורן. ער טוט עס אָן שום צײכענונגען, אָן שום מאָדעלן; און אָט באַווײַזט זיך משה־יאַנקל, אַ הויכער יונגער מאַן מיט גוטמוטיקע אויגן וואָס קוקן אָפּער פון הינטער ברילן; ער איז איצט נישט לאַנג נאָך דער חתונה און וווינט בײַ משה דודן אין הויז. אויך דעם שוחטס צווײ עלטערע זין און מײַן ברודער יואל — זײער חבר — זענען דאָ. שמועסט מען וועגן דעם, וועגן יענעם. טוט גיטמאַן שוחט אַ זאָג צו מײַן ברודער:

— יואל, האָסט נישט אַ מאָל בײַ זיך דאָס בלאַט צײַטונג מיט אײַ־טשעלעס פּאָליטישע בריוו?

אַזוי ווי פון יענעם זומער אָן, זײַט עס איז פאָרגעקומען די אסיפת הרבנים אין פּעטערבורג און אַהין איז אויך געפאָרן דער סאָקאָלאָווער רבי, צו וועמען מײַן טאַטע פאָרט, האָט מען בײַ אונדז אויסגעשריבן דעם „מאָמענט״, האָט מײַן ברודער שטענדיק מיט זיך דאָס בלאַט־צײַטונג. לײענט מײַן ברודער יואל אויפן קול די קליגעטשקע בריוו פון מאָטיע ליטוואַק צו איטשע מאיר וואַרשעווער. זיצן ייִדן און הערן. מען באַוווּנ־דערט די קלוגע, געשמאַקע אויסטײַטשונגען פון דער פּאָליטיק, אַלץ באַ־זאָלצן און באַטעמט מיט פּסוקים און חסידישן שאַרפזין. און כאָטש אַלע ווײסן, אַז דער איטשעלע איז אַ געוועזענער חסידישער יונגער מאַן, וואָס

איז אַרויס לתרבות רעה איז מען אין האַרץ צופרידן. עס טוט הנאה וואָס דווקא אַזאַ יונגער מאַן איז עס דער מזיק מיט אַזאַ גאָלדענע פּעדער.

— אָוודאי, רופט זיך אָן ר׳ גיטמאַן. נאָר פון שטיבל קען אַזעלכעס אַרויסקומען. וואָס דען, פון די גוייִשקע שקאָלעס זייערע?

אַז צווישן די צונויפגעקומענע געפינט זיך אויך מיין פעטער שימע־לע, וואָס אַ לעבן לאַנג טרוימט ער פון אומדערגרייכלעכע וועלטן, גייט אָוועק אַ שמועס וועגן ארץ ישראל, וואָס פאַר אַ גליק עס וואָלט געווען פטור צו ווערן דאָס פינצטערע גלות און צו באַזעצן זיך אויף דער ערד פון די אבות. און עס טרעפט זיך, אַז מיין טאַטע הייבט אָן ברומען אַ ניגון. צום ערשט גיסן זיך די טענער שטיל, פּאַמעלעך, דערנאָך ווערן זיי שטאַר־קער, דרייסטער. דערנאָך ווערט שוין מיין טאַטנס האַרציקע, אָבער שוואַכע שטימע פאַרלוירן ווי אַ קאַפּליע וואַסער אין די כוואַליעס פון דעם רייסנ־דיקן ים. עס שטייען צו משה יאַנקלס און לוזער שניצערס שטימעס. עס הילכט אַ געזאַנג און עס רייסט זיך אַרויס דורך די פענצטער אין דער אָפענער גאַס אַריין.

נישט איין מאָל טרעפט זיך, אַז ווען מיין יואל האָלט פונקט אין סאַמע מיטן לייענען דאָס בלאַט־צייטונג, שאַרט זיך אומבאַמערקט אַריין דעם שוחטס מיידל. אַ טשיקאַווע זאַך מיט אָט דעם מיידל: שטענדיק ווען מיין ברודער איז דאָ ביים שוחט, האַלט פייגע אין איין דרייען זיך אַרויס און אַריין. זי געפינט שוין אירע אויסריידן. דאָ פרעגט זי דעם טאַטן אירן צי ער וויל נישט עפּעס אין מויל אַריין (אַ שוואַכער מענטש משה־דוד שוחט), דאָ רייניקט זי אָפּ דאָס טישטעך און אָט האָט זי סתם עפּעס פאַרגעסן. אַז מיין ברודער יואל האַלט פונקט אין מיטן לייענען, רוקט זי זיך צו צו מיר, שפּאַרט זיך אָן מיט די עלנבויגנס אין דעם אָנלען פון דער שטול (זי איז דאָך חלילה נישט קיין פאַרשייטע, זי זאָל זיך אַוועק־זעצן ביים טיש צווישן מאַנספאַרשוינען. לעבן מיר, אַ צען־יאָריק ייִנגל, דערצו אַ קרוב, מעג מען) — און זי הערט זיך אויך איין. איך פיל אויף מיר דעם הייסן הויך פון איר אָטעם. דער שטאַרקער ריח פון איר שפּראָצנ־דיקן לייב פאַרדרייט מיר דעם קאָפּ און עס בלענדן מיך ווי אין שיכרות די פייערדיקע בליקן וואָס זי שיקט בגנבה צו מיין ברודער. און זיי רייצן מיין קינדערשן נייגער. ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך מיין ברודער יואל האָט

דערפילט אויף זיך איר אָטעם, אויך אים בריט דער בליק פון אירע שוואַרץ־פינקלענדיקע אויגן. פלוצלינג הייבט ער זיך אָן פלאָנטערן אין לײענען; די ווערטער וואָס זענען ביז איצט פון אים אַרויסגעקומען לויטערע, האָבן זיך אומגעריכט פאַרפלאָנטערט; זיין קול, וואָס האָט ביז איצט געקלונגען אַזוי קלאָר, איז געוואָרן עפּעס שטאַמלענדיק און צערודערט. פייגען, מיט איר קיילעכדיק פּנימל, האָב איך זייער גערן, ס׳געפעלן מיר אירע דיקע צעפּ וואָס זי וואַרפט אַריבער אויף פאַרנט און זיי ציטערן לייכט אויף איר בלוזקעלע. אַ סך מאָל, אַז איך קום אַריין צו זיי אין שטוב און כ׳טרעף זי אַליין, גלעט זי מיך מיט איר וואַרעם הענטל. איין מאָל האָט זי מיר אַפילו אָפּגעפּרעסט אַ קוש אין די באַקן און זיך הילכיק צעלאַכט פון מיין פאַרלוירנקייט. שאַדט נישט, נאַרעלע, איך בין דאָך עלטער פון דיר. מיר זענען דאָך משפּחה. פון דעסטוועגן וואָלט איך איר מוחל געווען די אַלע גליקן, ווייל אַ סך מאָל דוכט זיך מיר, אַז דורך מיר צערטלט זי גאָר אַזוי און קושט נישט מיך, נאָר מיין ברודער יואל. דעמאָלט ליגט מיר אויף דער צונג אַ זאָג: „וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט? גיי בעסער צו יואלן". דאָך טוט עס מיר הנאה און איך בין צופרידן צו זיין אַ שותף פון דעם גרויסן סוד צווישן די ביידע, פייגע מיט יואלן. אַ גרויס רחמנות איז מיר אָבער געווען אויף מיין ברודער וואָס פּלאָנטערט זיך נעבעך ווי אַ פיש אין דער נעץ, ווען ער טרעפט זיך מיט פייגען. ער ווערט נעבעך צעטומלט אונטערן בליק פון אירע שוואַרצע אויגן וואָס פאַלן אויף אים מיט געטריישאַפט און נייגיר.

*

...דאָס זענען געווען די געוויינטלעכע זומערדיקע אָוונטן ביי משה־דוד שוחט אין שטוב. אָבער זייט עס איז געקומען אַהין זיך באַזעצן חיים קירער איז יעדער אָוונט ביי משה־דוד שוחט פאַר מיר געוואָרן ווי אַ יום־טוב, אויף וועלכן מען קוקט אויס.

אָנגעהויבן האָט עס זיך אַזוי:

ווען איך בין אין אַ פאַרנאַכט אַריינגעקומען מיטן טאַטן צו משה־דודן, האָב איך צווישן די היימישע און באַקאַנטע פּנימער דערזען אַ פרעמדן. שוין די אויסערלעכקייט זיינע האָט פּשוט געבייגט מען זאָל זיך אין אים

איינקוקן. דאָס איז געווען אַ געוואָלדיק הויכער, ברייט־פּלייציקער ייד מיט אַ בלאָנדער געדיכטער באָרד אַרום אַ קיילעכדיק פּנים. דאָס קליינע זייַ־דענע קאַשקעטל וואָס איז אים געזעסן אויפן שפּיץ קאָפּ, האָט אויסגעזען ווי אַ יאַרמעלקע וואָס מען האָט אַרויפגעזעצט אויפן סאַמע שפּיץ פון אַ היויכן באַרג. ער איז געזעסן ביים טיש. כאָטש ער האָט גוטמוטיק גע־שמייכלט, ווען איך האָב אים געגעבן שלום עליכם, האָט דער בליק פון זיינע שטאַרק בלאָע אויגן פאַרמאָגט עפּעס אַזאַ שטילן, צאַרטן טרויער. „מיינער אַ קרוב" — האָט משה־דוד אים פאַרגעשטעלט. געקומען זיך לערנען שחיטות". יידן האָבן אָנגעהויבן אויספרעגן, געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס, פון וואַנען קומט אַ ייד? חיים האָט אויסגעמיטן צו ענטפערן. ער האָט זיך באַגנוגנט בלויז מיט אַזאַ אומעטיקן שמייכל. האָט זיך טאָקע יענעם אויפדערנאָכט דער שמועס נישט געקלעפּט און מיר זענען פרי אַהיים געגאַנגען. צוויי וואָכן שפּעטער האָבן שוין געציילטע מענטשן גע־ווּסט, אַז חיים איז אַזש פון קירע, ער האָט געמוזט עוקר־זיין פון דער היים צוליב אַ באַנקראָט. אַהער איז ער געשיקט געוואָרן פון קאָזשעניצער רבין זיך לערנען שחיטות און שפּעטער וועט ער אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל.

ווען חיים קירער האָט שוין אַ ביסל נעענטער דערקענט די יידן, וואָס זענען אַריינגעקומען צו משה־דודן, איז ער געוואָרן צוגעלאָזן און באַרע־דעוודיק. די צוריקגעהאַלטנקייט האָט באַכגעלאָזט און זיין טרויעריקער בליק האָט אָנגעהויבן פאַרשווינדן. פון אים האָב איך טאָקע דאָס ערשטע מאָל געהערט, אַז די יידן פון יענער מדינה זענען אַ סך צופרידענער פון אונדז דאָ. דער „אַלטער", האָט חיים דערציילט, איז אַ גרויסער יידן־פריינד, נישטאָ קיין יידישע שטוב ווו עס זאָל נישט העגגען זיין פּאָר־טרעט, אַז יידן קומען זיך צונויף אויף אַ שמחה טרינקט מען דעם ערשטן לחיים אין כבוד פון דעם אַלטן און אַלע בעטן אַז גאָט זאָל אים באַגייען די יאָרן, מחמת פון דעם אַלטנס מויל קומען אַרויס אָט די ווערטער: „כל זמן איך לעב, האָבן יידן זיך נישט וואָס צו שרעקן פאַר קיין גזירות חלילה". פון חיימען בין איך געוואָר געוואָרן, אַז אין יענער מדינה גייען אַלע יידן, אָרעם און רייך, קרעמערס און באַלמעלאָכעס, אָנגעטאָן אין קאַ־פּעלושן אינדערוואָכן און שטריימלעך אין שבת, „ס'איז פונקט אַזוי ווי

בײַ אונדז דער רב און דער רבי". מײַן פֿאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט און איך האָב מיר פֿאַרגעשטעלט ווי אַזוי אַ שטײגער עס וואָלט אויסגעזען אַ לײביש הירזש דער באַלעגאָלע, מאיר לאַפּאַטע, אָדער גאָר אונדזער שכן הערשל שקראַפּ אין אַ רבנישן קאַפּעלוש אויפֿן קאָפּ — און איך האָב זיך הילכיק צעלאַכט. בליקן ווי שפּיזן האָבן מיך בײַז אַרומגענומען און מײַן געלעכטער איז איבערגעשניטן געוואָרן; בלויז חײמס אויגן האָבן מיך געגלעט: „פֿון וואָס לאַכט אַזוי שטאַרק אַ ייִנגעלע?" — האָט ער מיך גע־פֿרעגט מיט האַרציקייט. איך האָב מיך שווער פֿאַרשעמט און נישט גע־קענט ענטפֿערן. און מאָדנע אומפֿאַרשטענדלעכע פֿעדעם פֿון פֿרײַנדשאַפֿט האָבן זיך געמומען וועבן צווישן דעם צוועלף־יאָריקן ייִנגל און דעם בכבודיקן פֿרעמדן ייִד. עס איז אפֿשר לעכערלעך דאָס וואָרט „פֿרײַנדשאַפֿט" וואָס איך האָב אויפֿגעשריבן, וואָרן וואָס פֿאַר אַ פֿרײַנדשאַפֿט האָט עס געקענט זײַן צווישן אַ ייִנגל און אַזאַ ייִד, פֿון דעסטוועגן טרײַב איך פֿאָרט נישט איבער מיט דעם וואָרט.

נאָך דעם ווי מיר זענען יענעם אויפֿדערנאַכט אַהיים געגאַנגען, האָט דער טאַטע געטאָן אַ זאָג צו מיר: „אַז איך ווײס גאָר נישט וואָס פֿאַר אַ פּרא אדם דאָס איז! האָסט שוין געזען אַ ייִדיש ייִנגל זאָל זיך צעכאָכאָ־טשען ווי אַ שיכורער גוי? עס איז מיר פּשוט געווען אַ חרפּה און אַ בושה פֿאַר אַ פֿרעמדן מענטש".

איך האָב גאָר נישט געענטפֿערט, נאָר אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געזען חײמס קירערס בלאָע אויגן וואָס קוקן אויף מיר מיט אַזאַ מילדקייט און עפּעס האָט מיך געצויגן צו דעם ייִד.

גאַנצע אַכט טאָג בין איך נישט מיטגעגאַנגען מיטן טאַטן צו משה־דודן, כאָטש מיט אַלע מײַנע חושים האָט עס מיך געצויגן אַהינצוגײן. ווען איך בין דעם אַנדערן מיטוואָך דאָך אַרײַנגעגאַנגען, האָט זיך חײם שטאַרק דערפֿרײט מיט מיר:

— אָ, וואָס מאַכט אַ ייִנגעלע? פֿאַר וואָס האָט מען דיך נישט גע־זען? אַזוי שטאַרק ביסטו פֿאַרנומען אין לערנען? — ער האָט מיר אַ לײכטן קניפּ געטאָן אין באַק.

מיר האָט הנאה געטאָן דעם ייִדס צוגעלאָזנקייט: הײסט עס, האָב איך אַ טראַכט־געטאָן, אַז עס האָט אים גאָר נישט פֿאַרדראָסן מײַן נאַריש

צעלאַכן זיך יענעם אויפדערנאַכט. און אַליין נישט וויסנדיק, ווי אַזוי עס האָבן זיך מיר אַרויסגעגליטשט די ווערטער פון מויל, האָב איך געזאָגט:

— זייט מוחל, ר' חיים, מיין אויפפירונג דעמאָלט אויפדערנאַכט.

— שאַדט נישט, שאַדט נישט, האָט ער געשמייכלט, — און ווענדנדיק זיך צום טאַטן, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— וועמען, וועמען, אָבער אייך, ר' שמעון, אַ קאָצקער חסיד, דאַרף מען דאָך אַוודאי נישט דערציילן, אַז עצבות איז אַ מיאוסע מידה. זאָגט־זשע אייער בחורל, אַז ער האָט זיך גאָר נישט צו שעמען מיט זיין געלעכטער. — און וואָס לערנט אַ בחורל? — האָט ער אַ פרעג־געטאָן.

— נדרים מיטן ר״ן — האָב איך געענטפערט.

— אַ שיינע סוגיא. אם ירצה השם וועל איך אַריינקומען צו אייך, ר' שמעון, — האָט ער זיך ווידער געווענדט צום טאַטן, — וועלן מיר שוין אין איינוועגס אַ קוק טאָן ווי אַזוי אייער תכשיט האַלט אין לערנען.

עס איז מיר קיין מאָל נישט געווען צום האַרץ דאָס גיין זיך פאַרהערן. אָבער קיין מאָל האָב איך נישט אויסגעקוקט מיט אַזאַ אומגעדולד קיין שום זאַך ווי אַט יענעם שבת, ווען חיים קירער האָט געזאָלט אַריינקומען צו אונדז און כאַפן אַ קוק ווי איך האַלט אין לערנען.

ווען עס וואָלט עמעצן איינגעפאַלן מיך אַ פרעג צו טאָן: וואָס איז אַזוי די גדולה מיט דיר, וואָס דערוואַרטסטו פון דעם פאַרהערן זיך ביי דעם ייִדן? — וואָלט איך בפירוש נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. אויך היינט, ווען איך שרייב די דאָזיקע שורות, קאָן איך עס נישט קלאָר דערקלערן. אפשר איז עס געווען אַזאַ פאַרויסאַנונג, דער אָנזאָג פון דער דערהויבענער פריינדשאַפט וואָס האָט מיך יענעם זומער צוגעבונדן צו אָט דעם ייִד און זי האַלט נאָך אָן ביז היינט צו טאָג? ביי דעם ייִד האָב איך געלערנט אַז אַפילו אַ גרעזל, וואָס גאָט האָט אים געגעבן חיות, איז הייליק, אַפילו אַ ווערעמל אויף דער ערד טאָר מע נישט צעטרעטן, בפרט טאָר מען נישט וויי־טאָן דעם מין מענטש וואָס איז די קרוין פון אייבערשטנס יצירה. אַ, ווידער האָב איך מיך פאַררעדט. איך וויל בעסער דערציילן פון יענעם שבת.

דער פרימאָרגן איז אויפגעשטאַנען אַ ליכטיקער; ריין־בלאָע זענען געהאַנגען די הימלען איבערן שטעטל; אַ יונגע זון האָט דורכגעשפיזט די

געלע ראַלעטן פון די פאַרהאָנגענע פענצטער און מיך צאַרט־ווייך געגלעט מיט אירע שטראַלן. דער טאַטע האָט שוין אַרומגעשפּרייזט איבער דער שטוב; ער איז געווען אָנגעטאָן אין דעם העלן שלאָפראָק און די יאַרמלקע אויפן קאָפּ;אַ שטיל־פאַרדביקהט ברומען האָט זיך געטראָגן פון זיין ברוסט, גלייך אַלץ אין אים וואָלט אָפּגעגעבן אַ שבח דעם בורא וואָס האָט, אין זיין גרויסן חסד, באַשאַפן אַזאַ לויטערע וועלט. אין טונקעלן שלאָף־צימער האָט זיך אָנגעטאָן די מאַמע. זי איז אַרויסגעקומען אין איר לייכטן שלאָפ־ראָק מיט די ראָזע בלימעלעך און אַ טיכל אויפן קאָפּ. פון איר האַלב־פאַרשלאָפענעם פּנים האָט אַראָפּגעשיינט גליקזעליקייט און פון די אויגן האָט אַרויסגעשיינט אַ פרייליק־פרומער סוד פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט. „שוין שפּעט, שמעון?״ — האָט זי אַ פרעג־געטאָן דעם טאַטן. „שוין באַלד אַכט״, האָט ער געענטפערט, „אייל זיך צו, מיר וועלן מן־הסתם באַלד האָבן אַ גאַסט. און דו פּעפער, — האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר — מעגסט דיך אויך שוין אָנטאָן, ס׳וועט באַלד קומען חיים קירער. גיב אַכ־טונג, איך זאָל נישט האָבן פון דיר קיין חרפות ובושות״.. און אַ שמייכל האָט זיך פאַרגנבעט צו זיינע מויל־ווינקלען. ער האָט אַרויפגערוקט דעם ראַלעט פון אַ פענצטער. אַ ליכט־שפע האָט פאַרפלייצט די שטוב; מיט שניי־ווייסקייט האָט געפאַכלט דאָס טישטעך איבערן טיש, מיט זילבער־גלאַנץ האָבן געמיניעט די פּלאַטירטע לייכטערס און מיט לויטער גאָלד האָבן געפינקלט די קאָלירטע פסחדיקע כוסות פון שויבן־שענקל און די לעדערנע גאָלד־געליישטע רוקנס פון ווילנער ש״ס אויף דער אויבערשטער פּאָליצע פון דער ספרים־שאַנק.

אַרום ניין אַ זייגער איז אָנגעקומען חיים קירער. פריילעך האָט גע־קלונגען זיין „גוט־שבת״. ער איז געווען אַזאַ אויפגערוימטער. דערווייל איז צוריקגעקומען די מאַמע מיטן טשייניק טיי, וואָס זי האָט געברענגט פון בעקער. נאָכן אָפּטרינקען די טיי, האָט חיים אַ זאָג געטאָן צו מיר:

— נו, תכשיט, נעם אַרויס די גמרא און לאָמיר אַ קוק־טאָן ווי דו האָלטסט. מיינסט, אַז איך האָב שוין פאַרגעסן? ביי מיר דרייט מען זיך נישט אַרויס, — האָט ער שעלמיש געווונקען מיט אַ האַלב־צוגעמאַכט אויג.

גאָט אין הימל, מיט וואָס פאַר אַ פרייד עס האָט דעמאָלט געפּלאַ־טערט מיין יונג האַרץ, ווען איך האָב נאָכן איבערזאָגן דעם שיעור, געכאַפּט

אַ בליק אויף ר׳ חיימן: זיין פּנים האָט געלויכטן, זיין בליק האָט מיך אַרומגענומען מיט אַן אַ שיעור צאַרטקייט; אויך פון מיין טאַטנס שיינענדיקן פּנים האָב איך אַרויסגעלייענט פּאַטערלעכע וואַרעמקייט. די מאַמע איז געשטאַנען אַן אַ זייט, איר דראָבנע חנעוודיק פּנימל האָט געשיינט און פון די אויגן האָבן געקוגן טרערן. דערנאָך איז מען נאָך אונטערגעזעסן אַ ביסל, געשמועסט. ר׳ חיים האָט דערציילט פון זיין משפּחה און טרויעריק אַ זאָג־געטאָן: „דער ריבונו־של־עולם האָט מיך נישט מזכה געווען מיט קיין בן זכר״. באַלד האָט ער אַראָפּגעשאָקלט פון זיך דעם טרויער און געחוזקט: „ווייסט איר וואָס, ר׳ שמעון? אַז איך וועל אם ירצה השם אהיימפאָרן, וועט איר מיר מיטגעבן אייער בן־זקונימל. „יאָ, — האָט ער פריילעך אַ פּאַטש־געטאָן מיט די הענט, — איך האָב דאָך אַ כלה פון זיינעטוועגן. מיין ציפּורהלע איז דאָך אין איין עלטער מיט אים״. איך האָב מיך שטאַרק פאַרדויטלט, אַלע האָבן געשמייכלט און מיר זענען אַוועק דאַוונען.

זייט יענעם שבתדיקן פרימאָרגן האָב איך מיך אַלץ מער דערנענטערט צו דעם ייִד. יענעם זומער איז מיר בכלל געווען אַזוי צום געמיט, גלייך איך זאָל האָבן צוגעקריגן נאָך אַ טאַטן. אַוודאי, חיימס ווערטער וועגן אַ כלה פאַר מיר זענען געווען נישט מער ווי אַ גוטמוטיקער שפּאַס, פון דעסטוועגן, ווייזט אויס, אַ פונק פון ערנסטקייט האָט זיך יאָ געפונען אין דעם. שפּעטער האָט ער ביי אונדז אין שטוב אַ מאָל געוויזן אַ פאָטאָגראַפיע פון זיין ווייב מיט די דריי מיידלעך, און אָנווייזנדיק אויף אַ מיידעלע מיט פּוכקע בעקלעך און בלאָנדע צעפּלעך, האָט ער שמייכלענדיק מיר געזאָגט:

— זעסט, דאָס איז ציפּורהלע, ווי געפעלט זי דיר? אויך אין זיין אַרומגיין מיט מיר איז געלעגן אַזאַ משפּחהדיקייט וואָס קאָן גילטן נאָר צווישן טאַטע און זון, אָדער צו אַזעלכן וואָס קען אַ מאָל ווערן ווי אַן אייגן קינד. אונטער פיר אויגן איז קיין מאָל וועגן אַזעלכס נישט געקומען צו רייד. אָבער נישט דאָס איז דער עיקר: שוין יאָרן ווי דאָס לעבן האָט מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ סביבה, וווּ דער טמאַדיקער טאַנץ אַרום עגל־הזהב איז געוואָרן דער סאַמע תוך פון לעבן. און אויב אין מיין געמיט פלאַטערט נאָך עפּעס אַ פונק פון ווידערווילן צו דעם אַלעם, וואָס רינגלט מיך אַרום, האָב איך עס צו פאַרדאַנקען יענע שמועסן מיט ר׳ חיים קירער; עס איז

אפשר נישט ריכטיק צו זאָגן: „שמועסן", ווייל אייגנטלעך האָט ער אַליין גערעדט, איך האָב זיך בלויז צוגעהערט צו זיינע ווערטער וואָס האָבן זיך פאַראַנקערט אין מיין געמיט אויף אַלע אייביקייטן.

און עס שווימען אַרויס פאַר מיינע אויגן יענע שבתדיקע נאָכמיטיקן. נאָכן שלאָף גיי איך מיטן טאַטן אַריין צו משה־דוד שוחט. ר׳ חיים איז שוין אויפגעשטאַנען פון דער קאַנאַפע, ער וואַשט זיך דאָס פּנים מיט קאַלט וואַסער; עס קומען אָן נאָך עטלעכע ייִדן און אַלע גייען מיר אַרויס „כאַפּן אַ ביסל לופט". אין שטילער שלווה רוט דאָס געסל. דאָ און דאָרט שפּרייזט אַ ייִד אין שוואַרצן שבתדיקן „סאַק". ער גייט אין בית־המדרש אַריין זאָגן תהילים. פאַר די טירן זיצן ווייבער אין שבתדיקע קאָפּטנדלעך. מיר גייען דורך דאָס געסל. אָט זענען מיר שוין לעבן דעם אַלטן מיקאַלייס הויז. אויפן גאַניק זיצט דער אַלטער מיקאַליי מיט זיין זילבער־ווייסן קאָפּ און קוקט אַריין אין אַ באַמאָלן ביכל. „גאָט העלף, פּאַניע מיקאַליי", — גריסן די ייִדן. דער אַלטער הייבט אויף די אויגן, רוקט אַרויף דיברילן אויפן שטערן און ענטפערט: „גאָט העלף, שכנים. מען גייט אַ ביסל שפּאַצירן נאָכן שלאָף?" — שמייכלט ער. „יאָ, פּאַניע מיקאַליי, אַ שיינער פאַרנאַכט". „גייט מיט גאָט" — זאָגט דער אַלטער. און אָט זענען מיר שוין לעבן בער אייגערס קאַמעניצקעלע. פון דער ווייטנס טונקלט זיך דער וואַלד, אין וועלכן עס טינקט זיך די סאַמע טיף פון די הימלען. מיר פאַרנעמען זיך מיטן זאַמדיקן שטעגל; רעכטס פון שטעגל גרינט זיך אַ פּאַס לאָנקע, וואָס ווערט דורכגעשניטן פון אַ שמאָלן טייכל מיט שטאָלענע וואַסערן, מיטן אָפּגעשפּיגלטן בלאָען הימל. לינקס כוואַליען זיך גאָלדענע תבואה־פעלדער.

חיים קירער האָט זיין האַנט אָנגעשפּאַרט אויף מיין אַקסל און איז מיט מיר אַוועק פאַרויס פון די איבעריקע. מיר שפּאַצירן אין שטילן שווייגן און חיים טוט אומגעריכט אַ זאָג: „זעסט, שלמהלע, וואָס פאַר אַ שיינע וועלט דער ריבונו־של־עולם האָט באַשאַפן? ביסט אַ מבין, וויפל שלווה עס רוט אַצינד איבער דער גאַנצער יצירה? איי — טוט ער אַ לייכטן קרעכץ, — לעולם וואָלט יעדעס באַשעפעניש באַדאַרפט זיין צופרידן, בלויז פון דעם אַליין וואָס דער ריבונו־של־עולם האָט אים אַריינגעגעבן אַ רוח חיים, און מכל שכן דער מענטש. ווייל וואָס, אומשטיינס־געזאָגט, דאַרף דען אַ מענטש האָבן כדי צו זיין צופרידן?" און ער ענטפערט זיך

אַליין: „ברויט צו דער זעט און אַ רויקן געדאַנק צו דינען דעם באַשעפער. נאָר וואָס דען? — רעדט ער מיר אַריין גלייך אין פּנים — אַז דער מענטש איז געוואָרן פאַרדאַרבן און זיין האַרץ פול מיט אָן אַ שיעור תּאוות. און די תּאווה, דאָס יאָגעניש נאָך גאָלד, פאַרשטייסטו מיך, איז די ערגסטע, די געמיינסטע פון אַלע". ער בלייבט שטיל און ווידער שפּאַצירן מיר אין שווייגן. איך פאַרשטיי אייגנטלעך נישט דעם פּשוטן און גרויסן אמת, אָבער די ווערטער זעצן זיך אָפּ אין די טיפסטע טיפענישן פון מיין יונג געמיט. שווער, ווייזט אויס דעם מענטשנס לעבן, טראַכט איך, אָבער חיים קירער לאָזט מיך נישט קלערן.

— נאָר וואָס קומט אַרויס פון דעם אַלעם — זאָגט ער — אַז דער מענטש איז נישט אין גאַנצן קיין תּולה בדעת עצמו. נעם אַזאַ שטייגער ייִד ווי מיך. איך האָב קיין מאָל נישט פאַרלאַנגט קיין סך און אַוודאי בין איך נישט געווען קיין איינרייסער. אָבעד אַז איך האָב רייך חתונה געהאַט, געקריגן אַ שיינעם נדן, האָב איך מיך פאַרדרייט און פאַרפּלאָנ־טערט אין גרויסע געשעפטן ביז — פון אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך. איך האָב געמוזט עוקר־זיין, קומען אַהער אָנצוהייבן לערנען שחיטות. צי וועט דען פון דעם עפּעס אַרויסקומען? כ'בין מסופּק. ווי אַזוי וועל איך האָבן האַרץ צו קוילענען אַ גאָטס באַשעפעניש?

ווידער גייט אונדז נאָך אַ שווער, טיף שווייגן. רעכטס פון דער לאָנקע האָט דער הימל זיך אָנגעהויבן צינדן, אַ פאַרנאַכטיק ווינטל האָט זיך דורכגעטראָגן איבער די צייטיקע זאַנגען, זיי האָבן געבויגן די קעפּ־לעך איינס צום צווייטן, גלייך זיי וואָלטן זיך דערציילט אַ שטילן סוד. אַנטקעגנאיבער האָט דער ריזיקער וואַלדקאָפּ זיך געטונקלט און אָנגע־הויבן זיך אויסמישן מיטן טונקל פון די הימלען. איך האָב געשפּרייזט אַ פאַרטראַכטער. אַ טיפע צאַרטקייט האָט באַוועלטיקט מיין האַרץ. עס האָט געקלאַפּט פאַר אָט־דעם שטאַרקן ייִד. איך האָב עס בפירוש געשפּירט, כאָטש די שייכות מיינע צו אים איז לחלוטין געווען אומקלאָר פאַר מיר, דעם צוועלף־יאָריקן, וואָס טוליעט זיך צו זיין זיים, ווי צו אַ שטאַרקן אָנלען.

...דערנאָך האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט פון זיין טראַכטן:

— אַלע האָבן געטענהט: שחיטה איז פאַר דיר ווי אָנגעמאָסטן, חיים.

— איך בין נישט מסוגל דערצו, — האָב איך מיך געװערט. — איך קען נישט.

עס האָט אױסגעזען, װי חײם קירער פּירט מיט זיך אַלײן אַ שמועס.

— װעסטו זיך צוגעװױנען, — האָט מען מיך געװאָלט איבערשפּאַרן.

— װאָס דאַרפסטו מער, אַז אַפילו דער רבי, פאַר װעמען דו האָסט צעעפנט דײן האַרץ, האָט דיר געזאָגט: פּרוּװ, און זאָל דער אײבערשטער העלפן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס איז טאַקע גאָר נישט אַרױסגעקומען פון חײם קירערס שחיטות. איך דערמאָן זיך, מיט עטלעכע חדשים שפּעטער האָט מײן טאַטע דערציילט אַז ר׳ חײם פאָרט אױף שבת קײן קאָזשעניץ צום רבין זיך שואל-עצה זײן, װײל ער שפּירט אַז פון זײן שחיטות װעט סײ־װי גאָר נישט װערן. װײל שױן אַ צײט װי משה־דוד בעט אים, ער זאָל אָנהײבן שחטן. —אַ חלף מאַכן איז ער אַ מומחה, האָט דער טאַטע צוגעגעבן — נאָר ר׳ חײם האָט אַלץ אָפּגעלײגט. און יענע װאָך, װען ער האָט סוף־כל־סוף געפּרוּװט קוילען אַן עוף, האָבן אים די הענט אָנגעהױבן ציטערן; ער איז מוראדיק בלאַס געװאָרן און עס איז אים שטאַרק נישט גוט געװאָרן. מיט אַ װאָך שפּעטער, װען חײם קירער איז צוריקגעקומען פון רבין און אַרױפגעקומען צו אונדז, האָט זײן פּנים געשײנט. ס׳עט גוט זײן, אם ירצה השם, האָט ער פאַרבאָרגן געשמײכלט. ס׳עט גוט זײן, נאָר בטחון, האָט ער געענטפערט דעם טאַטן.

— נו, שלמהלע, — האָט ער זיך געפרײט מיט מיר — װאָס מאַכסטו? לערנסטו? לערן, לערן. אַזױ דאַרף טאָן אַ יידיש יינגל. און מיר אַ גלעט געגעבן. און דערנאָך האָט ער דערציילט װעגן זיך:

— געלױבט איז השם־יתברך, אַלץ איז אַרױסגעקומען לטובה. װי עס פירט זיך, דאַרף מען אָננעמען באהבה. מיט גאָטס הילף, — האָט ער מוסר סוד געװען, װעט ער בקרוב פאָרן קײן ארץ־ישראל. דער רבי זאָל לעבן האָט מיר צוגעהאָלפן דערצו, — האָט ער מוסיף געװען.

דעם לעצטן שבת־פאַרנאַכט פאַר ר׳ חײמס אַװעקפאָרן זענען מיר װידער געגאַנגען שפּאַצירן צװישן דער לאָנקע און די תבואה־פעלדער. זײן גרױסע האַנט האָט מיט לײכטקײט גערוט אױף מײן אַקסל; ער האָט

געדערט וועגן זיין נאָענטער נסיעה און ווי אַזוי ער וועט איינשטעלן זיין נײַ לעבן.

— פאַרשטייסטו מיך, לעולם האָב איך פון שטענדיק אָן געטראַכט פון אַזאַ לעבן: אַן אייגן שטיקל פעלד, אַן אייגענעם גאָרטן און דאָס ברויט פון אייגענער פּראַצע. גאָט זאָל מיר נאָר העלפן, אַלץ זאָל זיך פירן גוט און איך זאָל נישט האָבן קיין מכשולים.

און אַז איך האָב אַלץ געשוויגן, האָט ער מיך אָנגענומען ביי דער גאָמבע, מיר אויפגעהויבן דאָס פּנים און אַ זאָג געטאָן: „וואָסזשע שווייגסטו, שלמה?”. איך האָב גאָר נישט געענטפערט. ווייזט אויס, אַז פון מיינע אויגן וואָס זענען געווען אָנגעגאָסן מיט בענקשאַפט האָט ער אַ סך אַרויסגעלייענט.

— זאָרג נישט, — האָט ער מיך געטרייסט, — מיטן אייבערשטנס הילף וועלן מיר זיך נאָך אַ מאָל טרעפן און זיך פרייען צוזאַמען. למען השם, מיין קינד, זאָלסט נישט פאַרגעסן דאָס וואָס מיר האָבן אַ מאָל געשמועסט. — אַז די געמיינסטע תאווה איז דאָס דינען צום עגל הזהב. איך האָף צום ריבונו־של־עולם, אַז מיר וועלן זיך נאָך טרעפן אין פריידן.

— הלוואי, ר׳ חיים, — האָב איך געשטאַמלט און אַלץ אין מיר האָט געוויינט פון צער צו אָט דעם מענטש וואָס האָט ווי אַ בליץ פול מיט ליכט זיך אַריינגעריסן אין מיין יונג לעבן און אָט פאַרשווינדט ער אויף אייביק.

צומאָרגנס איז ר׳ חיים אַוועקגעפאָרן. מיט אַ חודש שפּעטער האָט זיך די וועלט צעפלאַקערט אין דער ערשטער גרויסער שחיטה און קיין מאָל האָב איך מער נישט געהערט פון דעם איידעלן, ליידנדיקן מענטש מיט דער לייכטנדיקער נשמה.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע
רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) ח. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — הײמלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאַליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע

32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט (אויספאַרקויפט)

33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות

34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)

35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פרצן...

36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן

37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פאַוויאַק

38) נחום סאָקאָלאָוו — פערזענלעכקייטן

39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)

40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן

41) מנשה אונגער — פשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)

42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פלוינע

43) מ. קיפניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)

44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)

45) ד״ר ה. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)

46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו

47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)

48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)

(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)

50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)

51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)

52) י. י. טרונק — די יידישע פראָזע אין פוילן

53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)

54) יצחק פערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״ (ראָמאַן)

55) פנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן

56־57־58) שלום אש — פעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע

59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים

60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13

61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)

63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך (אויספאַרקויפט)

64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע״ (אויספאַרקויפט)

(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)

66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן

67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער

68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)

69) אליהו טראַצקי — גלות דייטשלאַנד

70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)

71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)

72) י. י. טרונק — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)

(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) יהודה עלבערג — אונטער קופערנע הימלען (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאַנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)

74) ד״ר א. מוקדוני — אויסלאַנד

75) זיגמונט טורקאָוו — פראַגמענטן פון מיין לעבן

76) יהושע פערלע — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן
און ליטעראַטור־פרעמיע פון „בונד" אין פוילן, ווארשע, 1937

77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן

78) דניאל טשאַרני — ווילנע

79) ז. סעגאַלאָוויטש — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן (אויספאַרקויפט)

80) יזכור־בוך — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)

81) מ. י. שעליובסקי — אויף אַ פולער וואָך

82—83) יצחק פערלאָוו — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)

84) יוסף אַקרוטני — דאָס בוך פון די עלנטע

85—86) מרדכי שטריגלער — גורלות (אויספאַרקויפט)

87) ד״ר יוסף טענענבוים — גאַליציע — מיין אַלטע היים

88) זלמן שזר — שטערן פאַרטאָג (זכרונות)

89) משה דוד גיסער — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (אויספאַרקויפט)

90) ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים

91—92) עמנואל רינגעלבלום — קאַפּיטלען געשיכטע

93) שמעון האָראָנטשיק — אין געוויש פון מאַשינען (ראָמאַן)

94) גרשם באַדער — מיינע זכרונות (קראָקע)

95—96) יאָנאַס טורקאָוו — פאַרלאָשענע שטערן (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאַנד, מעקסיקע 1954).

97—98) אַלטער קאַציזנע — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)

99) פועה ראַקאָווסקי — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין

100) מאַרק טורקאָוו — די לעצטע פון אַ גרויסן דור (אויספאַרקויפט)

101) י. הירשהויט — יידישע נאָפט־מאַגנאַטן
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאָליאַר־ליטעראַטור־פאַנד, ביי „די אידישע
צייטונג", בוענאָס־איירעס, 1955).

102) משה זאַנשיין — יידיש וואַרשע

103) פ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע

104) י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראָמאַן)

105־106־107) מיכאל באָרוויטש — אַרישע פאַפּירן
(פרעמירט דורכן ניימאַן־פאַנד, פאַריז, 1958).

108—109) מרדכי שטריגלער — געאָרעמט מיטן ווינט (ראָמאַן)

110—111) ד״ר א. מוקדוני — וואַרשע און לאָדזש
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאַנד, ניו־יאָרק, 1956).

112) ברוך האַגער — מלכות חסידות
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאָליאַר־ליטעראַטור־פאַנד, בוענאָס־איירעס, 1956).

113) ב. שעפנער — נאָוואָליפּיע 7 (אויספאַרקויפט)

114) פנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון ליאַלקעס (אויספאַרקויפט)
116) מאַקס וויינרייך — פוןביידע זייטן פלויט
117) אליעזר וויזל — און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פרעמירט דורכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) ד"ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אָקרוטני — סוף קאַפּיטל
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט
122) בער י. ראָזען — פּאָרטרעטן
123) אברהם טענענבוים־ארזי — לאַדזש און אירע ייִדן
124—125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער
126—127) אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען
(פרעמירט דורך דער באַריס סוראַוויטש־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)
128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאַש איז געפאָרן
129—130) דוד פלינקער — נייע צייטן (ראָמאַן)
(פרעמירט דורך דער מרדכי סטאַליאַר־פּרעמיע, בוענאָס־איירעס, 1958)
131) משה יודל שעליובסקי — אין דער וועלט אַריין
(פרעמירט דורך דער האָפּער־לייב־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)
132) ד"ר יצחק שוואַרצבאַרט — צווישן ביידע וועלט־מלחמות
133) לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלייבט אָפן
134) שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) מ. באַקאַלטשוק — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן
136) פנחס וועלנער — אין יענע טעג
137) אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער־טוער
138) הירש אַבראַמאָוויטש — פאַרשווּנדענע געשטאַלטן
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1959)
139) ב. טערקעל — צווישן שאַקאַלן
140) י. ל. וואַלמאַן — פּוילישע ייִדן (ראָמאַן)
141—142) נ. שמן — דאָס געזאַנג פון חסידות (אויספאַרקויפט)
143—144) צבי כהן — שטורמישע דורות (ראָמאַן)
145) יאָנאַס טורקאָוו — נאָך דער באַפרייאונג
146) העלענאַ שערעשעווסקאַ — צווישן צלם און מזוזה
147) פנחס שטיינוואַקס — ייִדישע מאַמעס צום געדענקען
148) וואָלף מערקור — די וועלט איז כּעלעם (אויספאַרקויפט)
149) ראובן בן־שם — פּוילן ברענט...
150) יצחק טורקאָוו־גרודבערג — פּנימער און מאַסקעס
151) שלמה פריזאַמענט — בראָדער זינגער
152) דוד לעדערמאַן — פון יענער זייט פּאַרהאַנג

153) שיינע־מרים בראָדערזאָן — מיין ליידנס־וועג מיט משה בראָדערזאָן

154) פּאָלאַ אַפּענשלאַק — יאַנוש קאָרטשאַק

155) שלמה ברייננסקי — מענטשן פון זשעלעכאָוו

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

אינזש׳ דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פוילן

זיגמונט טורקאָוו — די איבערגעריסענע תקופה

עס גרייט זיך צום דרוק:

ד״ר יצחק שוואַרצבאַרד — אונדזער קאַמף אין יאָרן פון חורבן

מלך ראַוויטש — דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן

יעקב ציגעלמאַן — די שטאָט ביים טייך סאַן

ב. טערקעל — די זון פאַרגייט ביים אמור

וועגן אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ביכער־סעריע

„דאָס פוילישע ייִדנטום"

ויך ווענדן:

UNION ISRAELITA POLACA

Pueyrredón 667 **Buenos Aires**

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Volumen 155

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el depósito que marca la Ley

Este libro se terminó de imprimir en el mes de Enero de 1961, en los Tall. Gráf. JULIO KAUFMAN S.R.L., Corrientes 1976, Buenos Aires.

S. BRIANSKY

GENTE DE ZHELECHOW

Editado por la

Unión Central Israelita Polaca en la Argentina

Buenos Aires, 1961